STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04189

SHTEGN-VEGN

Zusman Segalowitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. סעגאַלאָוויטש.

שטענן־וועגן

גייע גאָוועלן

פאַרלאַג א. גיטלין
וואַרשע 1921

פארלאג א גיטליןווארשא

ביי אונז אין פארלאג זענען ערשינען פאלגענדע
ביכער פון

ז. סעגאלאוויטש:

1) פון רוסלאנד (נאוועלן פון דער רעוואלוציע)
2) אין קאזמערזש (פאעמע, 4. אויסגאבע)
3) רייזעלע דעם שוחט'ם (באלאדע 5. אויסגאבע)
4) די וואנד (דראמאטישע פאעמע)
5) צייטיגע טרויבען (עראטישע לידער)
6) שטעגן=וועגן (נייע נאוועלן)

WARSZAWA
Druk. SZ. SIKORA i I. MYLNER, Nowolipki 6.

אינהאלט:

	זייט
א קעפעל	5
אין בליען	22
אין וואלד	32
דער שווארצער הירש	36
אויפן בית־עלום	43
איינער פון ארקעסטער	47
אין שפיטאל	52
ביינאכט	59
איינמאל אין הערבסט	64
פערפרוירענע שוואנען	71
דער בלוטיגער צוג	79
דער ברילאנטענער בער	86
דער רייכער בעטלער	91
פייגעלע	94
דער דריטער	100
שאכט	106
נבים	111
דעם אפטייקערס לאמפ	117
א בלוטיגער גרוס	125
הערבסט	128
וואוהין	132
בריף	134

מאַרגאַריטקע . . .	139
דער שענסטער קלאַנג . . .	142
דער יריד . . .	145
קליינע אויגעלעך . . .	150
גרויסע אויגען . . .	155
משוגע צוליב געלט . . .	159
דער פּאָמידאָר . . .	166
וואָווקע . . .	174
אין שפּיגעל . . .	181
נקמה . . .	195
לאַזאַרעט 2808 . . .	200
דער לעצטער פון דער דינאַסטיע . . .	218
חורבות . . .	223
קען . . .	228

אַ קעפּעל.

I

דער זאַמד אויפ'ן טייך־פּליאַזש גלאַנצט אויף דער זון, ווי אַ געלבליכער שניי: דין־דינינקע בריליאַנטען שעמערירען אין אים און פון ווייטען זעט מען, ווי נאַקעטע קערפּערס הוידען זיך און שפּרינגען אין וואַסער. די קלאָרקייט פון דער העלער לייב זייערער טאָנירט זיך אַזוי אויסטערליש אָפּ ביי דעם גרינעם ברעג, גרינס און נאַקעטער מענשען־לייב.

איבער אַלץ — אַ קלאָרער הימעל מיט עטליכע גרויסע פויגעל, וועלכע פליען איבערן וואַסער און שרייען...

וועגען וואָס? צו וועמען? פרעגט נישט ביי דער נאַטור קיין שאלות! יעדע חיה, יעדער פויגעל האָט זיך זיין לשון און לעבט זיך, ווי די נאַטור האָט אים אָנגעצייכענט.

איך בין דאָ נאָך די ערשטע טעג. די פרייד און די רויִיגקייט פון זומער האָט מיך אַרומגעכאַפּט, כמעט ווי דערשראָקען און זעהר ווייניג, דערפרייט. איך בין געקומען אַ מידער, אַ פאַרצווייפעלטער.

אָט וואַרף איך זיך אין זודיגען זאַמד, און זאָל דער הימעל

מיט זיין דורכזיכטיגען הייטעל פון בלויקייט זיך ארפלאָזען צו מיר, זאָל זיך דער זאַמד אויפהויבען צום הימעל—מיר איז אַלץ איינס.

איך האָב נישט קיין פאַרלאַנגען, איך קאָן אפילו נישט פאַרשטיין, וועלכע קראַפט עס האָט מיך אַהער געבראַכט אין דער האַלבער שטעטעל, אין דעם האַלבען דאָרף, וועלכע קראַפט האָט מיך געטריבען זוכען רואיגקייט?

אַ לייכטער וויגטעל לויפט איבערן וואַסער, שטויסט אָן איין פאַליע צו דער צווייטער, לאַנגזאַם, לאַנגזאַם... און קומט דערנאָך אָן צום פליאַזש—הויבט אויף דעם אויבערשטען הייטעל פון זאַמד ווי אַ לייכטען-לייכטען שאַל, שיט מיר אָן אַ פולען קאָלנער, פאַרשטויבט מיר דעם קאָפּ און ווערט פאַרשוואונדען.

שטיל ווערט אַרום. די, וואָס האָבען געבאָדען זיך, זיינען ערגעץ פאַרקראָכען טיף אין די קוסטעס אויפ׳ן ברעג, אַנדערע ליגען פון ווייטען, ווי טויטע, אָן באַוועגונג. פון פוילקייט ריר איך מיט מיין שטעקען איבער׳ן זאַמד און מאָל אויס פאַרשיידענע אומפאַרשטענדליכע היעראָגליפען, כינעזישע שריפט, אַ פליגעל פון אַ פויגעל, אַ פישעלע, ביז דער שטעקען פאַלט מיר אַרויס פון האַנט און די אויגען, מיט דער נשמה, מיט׳ן גאַנצען קערפער שווימען אַוועק אין שטח אַריין—איך ווער אויס.

און עס איז אַזוי לייכט די בלויקייט, לייכט די ערד. ערד, הימעל, וואַסער און בוימער, שטיינער, זאַמד... אַלץ האָט אַזאַ לייכט געוויכט באַקומען, פון אַלץ איז געוואָרען אַ שוועבענדער לייכטער קנויל, אין וועלכען עס שוועבען לופטיגע שטויבעלעך. איך בין אויך אַזאַ לופט-שטויבעלע אין דעם גרויסען בלויען קנויל. עס איז נישט פאַראַן קיין פאַרלאַנג העכער אָדער נידעריגער צו שוועבען. אָפּשטעלען זיך אָדער שוועבען ווייטער... עס איז נישט פאַראַן קיין פאַרלאַנג ביים לופט-שטויב...

שרייט מען פון ווייטען, כאַפּען זיך אויף ברעקלעך געדאַנקען-באַוואוסטזיין.

מען לאַכט, מען באָדט זיך ווידער אין וואַרעמען וואַסער: פרויען, קינדער, מענער.

וואָס גייט מיך אָן זייער לאַכען?

דאָס איז אַ מאָמענט ביי מיר אָן פאַרלאַנג, אַבסאָלוט אָן ווילען, אָן ערינערונג.

ערגעץ טיף אין מיר קלינגט אָפּ דאָס לאַכען, דער געשריי פון די פויגלען, עס קלינגט אָפּ אַזוי לייכט, פּונקט חיסאָמעט וואָלט גלעטען. צי איז מיר גוט? צי איז מיר שלעכט? ניין! דאָס איז אַ געפיל אָן פילען, אָן אָפּשטאַרבונג אָן ווייטאָג, אַ סוף אָן אַ סוף...

פלוצלונג... אַ קורצער געלעכטער טראָגט זיך אַריבער איבער מיין מידקייט, איבער מיר אינגאַנצען און וועקט מיך אויף.

איך דאַרף נישט טראַכטען, ווער עס לאַכט—די אויגען מיינע שטעלען זיך אָן אין אַ צווייטע פּאָר אויגען, יונגע פריילּיכע אויגען פון איריס-פאַרב און אַ גאָלדענער קאָפּ.

אַ מיידעלש קעפּעל וויגט זיך פאַר מיר אַזוי נאָנט, פּונקט ווי די זון וואָלט זיך טאַקע אַראָפּגעלאָזען צו מיר. אַ קליינע זונעל, אַ מיניאַטור...

דער זאַמד אַרום מיר, דער גרויסער פּליאַזש איז אויך אַזאַ גאָלדענער, ווי איר קעפּעל, נאָר דער ווינטעל איז ווידער אַוועק אין אַ שפּאַציר איבער דעם לייכטען שטויב און ער האָט איינגעוואָלקענט אַלע מיינע געדאַנקען אויף אַ רגע און דאָס מיידעל פון מיר אויף אַ רגע פאַרשלייערט, באַהאַלטען...

איך האָב זיך דערשראָקען, טאָמער פאַרליר איך דאָס, וואָס מיינע אויגען האָבען דערזען און איך בין אויפגעשפּרונגען פון מיין אָרט. צוויי טריט געמאַכט—

זי שטייט נעבען מיר.

אַ לעבעדיגע יונגע פרוי, נישט קיין פאַנטאַזיע איז דאָס, נישט קיין וויזיע.

זי שטייט מיט אַ קליינעם מאָלבערט, זי האָט זיך דאָרטען געבאָדען, געוואַרעמט ביי דער זון און שפּעטער האָט זי זיך געמאָלט אַ לאַנדשאַפטעל, אָט יענעם נאָנטען פעלד, וואָס איז געשניטען אין אַזעלכע העל-גרינע, טונקעל-גרינע קוואַדראַטען...

און פאַר מיר איז די וועלט ניי-געבוירען איצט. די בלי-

קען לויפֿען אַנטקעגען דער זון. זיי לויפֿען צו די ווייטע בערגלעך, צו די באַגטע טייך־פּאַליעס, וועלכע ווילען און ווילען נישט אַוועקשווימען ווייטער און מיט אַלע אויגען נעם איך אַרום די גאַנצע גרינקייט, וואָס אַרום טייך און אַ גרויסע אומפֿאַרשטענדליכע האָפֿנונג ווערט אין האַרצען געבוירען...

די מיניאַטור-זונעל קוקט מיך אָן, וויל עפּעס פֿרעגען און האָט נישט קיין דרייסט...

און צי ווייס איך ניט... יאָ, צי ווייס איך ניט, ווען וועט דער שיפֿער קומען מיט זיין שיפֿעל, זי וויל אַריבערפֿאָרען אויף דער צווייטער זייט, צום שטעטעל.

דער שיפֿער?... דער שיפֿער וועט קומען אַביסעל שפּעטער און דערווייל קען מען דאָ נאָך אונטערזיצען אויף דעם זאַמד. עס איז אַ שאָד אַזאַ זעלטענעם זון-טאָג.

זי ווידערשפּעניגט ניט, פּונקט ווי די זון, ווי די רואיגקייט, ווי דאָס קיל ווינטעל, וואָס קומט דיך בלויז צו דערפֿרישען, זי זיצט און דערציילט שוין פֿון איר אַרבעט. זי האָט ליב צו מאָלען, זי ווייס, אַז זי איז ניט קיין גרויסע קינסטלערין, נאָר זי האָט ליב צו אַרבעטען פֿאַר זיך אַליין און שפּילט זיך און שפּיגעלט זיך אין איר שאַפֿונג, ווי אַן איינפֿאַך בלימעל שפּיגעלט זיך אין וואַסער. די הענט אירע זיינען אָפּגעדעקט, דורכזיכטיגע קינדער-העגטלעך, קוים אַנטוויקעלטע. אַ ראָזע פֿאַרב באַדעקט זיי און וואָס העכער זיינען זיי מיט מער פּוך באַשאָטען. עס דוכט, אַז דאָס האָט דער ווינט זיי פֿאַרשטויבט מיט'ן גאָלדענעם זאַמד שטויב...

און איך ציטער אויף, ווען איר שמייכעלדיגער בליק גייט פֿון מיר נישט אַראָפּ, זי לאַכט פֿון מיר, וואָס? זי מעג טאַקי לאַכען. איך בין אַלט און פֿריידלאָז, זי איז אינגער פֿאַר דער יוגענט. איר שמייכעל גייט איר נאָך, ווי די שטראַלען גייען נאָך דער זון.

—פֿאַרוואָס באָדט איר זיך נישט?—פֿרעגט זי.

—איך האָב זיך שוין געבאָדען.

—פֿאַרוואָס גייט איר נישט צו די מענשען? זיי לאַכען דאָרטען.

—הײנט װילט זיך מיר זײן אַלײן

—איר זײט אַ מאָדנער...

טוט עס מיך הנאה, װאָס איך בין בײ איר אַ „מאָדנער“. גײשט איך צו איר, זי איז דאָך צו מיר געקומען און אָט זיצט זי דאָ און גײט נישט אַװעק פון מיר און קוקט מיך אָן כּסדר...

פון װײטען רופט אונז דער שיפער. מיר פאָרען צום ברעג, זי זיצט מיט די באָרװעסע פיסלעך און עס ציט איר צום װאַסער אַזױ װי אַ פישעל.

לאַכט זי פון יעדער קלײניגקײט און פון דעם, װאָס איך צײל די װערטער און קוק איר אַזױ געדיכט אָן:

—קוקט ניט אויף מיר אַזױ געדיכט, איך װעל זיך פאַר-שעמען.

שמײכעל איך,—אַ שטראַל שעמט זיך ניט, עס לױכט און אַ סוף.

מיר זײנען שױן אין שטעטעל. מיר גײען דורך צורואי-נירטע גאַסען, פון דער מלחמה צעשטערטע. האַלב-אומגעפאַלענע הײזער שטײען אונטערגעשפאַרטע מיט שװערע קלעצער. זי גײט מיט מיר און דערצײלט דערבײ, אַז זי האָט מורא פאַר די הײ-זער, װען זי גײט פאַרבײ, טאָמער פאַלט אײן אַ װאַנט, אַ קױ-מען... טאָמער פאַלט עס אײן,—און זי לאַכט אַלײן פון איר שרעק.

אויפ'ן מאַרק שטײען די בעל-עגלות. דערלאַנגט אײנער פון זײ אַ קנאַק מיט'ן בײטש, אומישנע, כּדי אונז איבערצושרעקען, חוזק מאַכען פון אונז און די קלײנע דערלאַנגט אַ געשרײ, פונקט װי מען װאָלט איר אין האַרצען אַרײנגעשאָסען, נאָר באַלד באַרו-איגט זי זיך און לאַכט װידער...

איך קאָן שױן ניט אַראָפּנעמען מײנע אויגען פון איר ליכ-טיגען קאָפּ, פון דער קלײן־זונעל, װאָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזען צו מיר אויף דעם דורכגעברענטען זאַמד. װען איז זי דאָ אויס-געװאַקסען? װי אַזױ איז זי דאָ אויסגעװאַקסען? צװישען די רואינען! אין די יאָרען—פון צעשטערונג און מלחמה.

און די אַלע אומגליקען פון די פינף יאָר, װאָס איך האָב

אַרומגעוואַנדערט און אַזוי אַלט, אַזוי מיד געוואָרען.

דאָס לעבען איז אַזוי בייז און ווילד געוואָרען פון בלוט און פאַרניכטונג. און דערביי איז פון אַ קליין מיידעלע געוואָרען אַ גרויסע, אַ פרוי... אַ שיינס.

וואָס שלעכטע און ווילדע איז זיך געגאַנגען אויף איין וועג און אויף דעם צווייטען האָט געבליט און געוואַקסען די שיינקייט אָן שטערונג. אָדער גאָר, אויף דעם זעלביגען וועג פון לעבען זיינען זיי ביידע געוואַקסען: דאָס שלעכטע און דאָס פיינע.

קינד, פרייליכס! איך בין ניט פאַרליבט. איך בין ב׳ויז איבערראַשט. כ׳האָב געמיינט, אַז אַלץ איז געשטאָרבען, אַז אונטער די רואינען ליגען באַגראָבען אַלע פריידען און האָפנונגען, אַז קיינמאָל וועל איך שוין ניט הערען אַזאַ קלינגענדיגען געלעכטערעל, ווי דיינס און ניט זען אַזאַ העלען בליק.

איך בין ניט פאַרליבט, נאָר לאָז מיך זיך אָנקוקען אין דיין נאַאיווער נשמה. איך האָב צופיל ספקות. פרעג מיך גוטמוטיגע פראַגען און איך וועל דיר מיט הכנעה ענטפערען.

דאָך דערציילען דיר פון יענעם שרעק און אומזין, וואָס איך האָב זיך אָנגעזען, וועל איך דיר ניט. איך וועל דיר ניט אויסזאָגען, אַז איך קאָן שוין מער נישט גלויבען, ניט לאַכען.

צוקומענדיג צו איר הויז לאָזט, זי מיך שוין נישט אַוועקגיין:

—וואָס הייסט? וואוהין גיי איך? זי האַלט זיך מיט מיר, אַזוי ווי מיט אַן אַלטען באַקאַנטען.

עס ווילט זיך מיר בלייבען און אין דער זעלבער צייט בעט איך זיך אָפּ:

—איך בין פאַרנומען. איך מוז גיין בריף שרייבען...

—צו וועמען?—פרעגט זי—צו אַ כלה? און באַווייזט אַ דראָהענדען קליין-פינגערל און אַנטלויפט...

איך גיי אָפּ פון איר מיט אַ גרויסער אינגעלשער פרייד. איך גיי און לאַך פון זיך אַליין און מיר דאַכט, אַז די שטראַלען, וואָס פלאַנטערן אינגאַנצען אַרום, די שטראַלען לאַכען אויך פון מיר...

II

עס האָבען זיך אָנגעהייבען רעגענס. זיץ איך בײַ דער קליינער אין אַ העלען צימער. דורך די פענסטער זע איך אַן אַלטען מאָנאַסטיר מיט די קליין־קליינע פענסטערלעך. אויף דעם גאָטישען שפּיץ זיצען צוויי פאַררעגענטע קראָען, אַ שטיקעל ווייט פעלד זעט זיך אין נעבעל. פון די נאָנטע בוימער גיסען זיך טרערען.

די בוימער וויינען. פון צווייג אויף צווייג פאַלען די טרערען און אויף דר׳ערד קלייבען זיך אָן קליינע אויסגעווייקטע טאַזעלקעס. אַלץ וואָס לעבט האָט זיך באַהאַלטען אין די טרוקענע נעסטען, נאָר אַ גרויסע אָנגעשוואָלענע זשאַבע טאַנצט מיט שטומע גרויסע שפּרונגען אין דער נאַסקייט פון גאָרטען, אין דעם צעווייקטען גראָז און קוועלט אָן פון יעדען זומפּעלע.

גרוי די וועלט, פון ערד ביז הימעל גרוי און פאַרוויינט, בלויז די גרינע בלעטער גלאַנצען פון נאַסקייט און זאָגען עפּעס צו מיט זייער גלאַנץ.

אַן אומעטיגע פאַרצווייפעלטע וועלט,—נאָר בײַ איר אין צימער איז אַ יום־טוב פון די יום־טובים. זי רעדט און דערציילט ערינערונגען פון איר קינדהייט, וואָס האָט זיך נאָך אפשר ניט געענדיגט, דערציילט מיר נאַאיווע געשיכטעס פון זיך אַליין און פון אירע חברטעס. איך וואָלט וועלען, אַז דאָס שמאָל מיילכעל זאָל זיך ניט צומאַכען. אין וועלכען ווינקעל פון צימער זי זאָל ניט טראָגען איר העלען קאָפּ, ווערט דאָרטען ליכטיגער.

אין איר צימער זיינען אָנגעוואָרפען ניט דערמאָלטע בילדער: אַ שטיק קלויסטער, אַן אַלטער שייער אַן איינגעפאַלענער. זי האָט דאָ געבראַכט אין צימער שטיקלעך פון זומער, זכרונות.

איך ווייס ניט, צי מיין אַמאָליגע רואיגקייט וועט צוריק קומען, נאָר דערווייל איז גוט, אַזוי גוט, אַז איך פאַרמאַך די אויגען און אַלע לאַנגע יאָרען פון פיין פאַלען אַראָפּ.. עס, ווייט-

ווייט אויף יענער זייט פון מאָנאַסטיר.

דער ווייסער פאָרהאַנגעל אויף איר פענסטער רייסט זיך אַהין צום פעלד און אַהער צו אונז. הין און צוריק, ווי אַ צו-געבונדענער פויגעל. איך הער, ווי עס פלאַטערט דאָס פאָרהאַנגעל. איך הער, ווי זי רעדט, די קליינע, און עס דוכט זיך מיר, אַז אַ פויגעל זינגט. נאָר איר דוכט זיך אויס, אַז איך בין אַנטשלאָפען געוואָרען, ווערט זי שטיל, ווי אַן איינגעשלאָפענע טויב. איך הער קיין טריט נישט אין חדר, קיין שאָרך ניט, אויסער דאָס פאָרהאַנגעל פלאַטערט. און פּלוצ-לונג דערהער איך, ווי אין קלויסטער נאָנט, נעמט שפּילען דער אָר-געל. אַ פאַרגאַנגענע וועלט שוועבט פאַרביי אין די טיפענישען פון זכרון. אַ שטרענגער יום-טוב. אַ ריטמישער שפּרייזען פון מאָנאַכען און גלחים. קניענדע מתפּללים, ענגע, שטרענגע ווענט פון פרייוויליגע תפיסות. שטילע זיפצען, שטילע תפילות...

מיטאַמאָל אָבער רייסט זיך דער אָרגעל אָפּ. דאָס האָט עמיצער פון די קלויסטער-דינער פון לאַנגווייליגקייט גענומען שפּילען אויף דעם אָרגעל און פון לאַנגווייליגקייט אויפגעהערט.

איך עפען אויף די אויגען. צי עס האָט זיך מיר בלויז אויסגעדוכט: די וואָלקענס האָבען זיך געעפענט און אַ שטיק בלויער הימעל, אַ שטיק ליכטיגע פרייד, האָט זיך באַוויזען. די וואָלקענס האָבען עס ווידער פאַרדעקט, נאָר אין האַרצען איז די פרייד געבליבען...

—קליינע!

זי לויפט צו:

—איר שלאָפט שוין נישט? און רואיגע בליקען קוקען אויף מיר און זייגען גרייט צו שפּאַסען און לאַכען.

ווער האָט עס איר געשיקט צו מיר מיט איר רואיגקייט? אין וועלכע טיפענישען פון מיין האַרץ וויל דער מלאך אַריינ-דרינגען? וועלכען שטורעם ברענגט ער מיר?

ניין, איך בין רואיג, רואיג. איך דרימעל ווידער...

שפּעטער הער איך, אַז אין צימער רעדט ווער: אַ פויער-טע האָט יאַגדעס געבראַכט, און ווען איך עפען די אויגען, שטייט זי פאַר מיר מיט אַ טעלער, אין וועלכען עס איז פול אָנגעשאָ-

טען מיט יאַגדעס רויטע, צייטיגע פון רעגען, דערפרישטע יאַג־
דעס. ווי קינדער כאַפּען מיר זיך ביידע דערצו און לאַכען דער־
ביי... שטילער, אפשר טאָר מען גאָר אַזוי הויך ניט לאַכען?

זיצען מיר שוין און שווייגען. איך קוק זי לאַנג אָן.

איך וואָלט וועלען אָפּמאָלען אירע אויגען, נאָר דאָס איז
ניט אַזוי לייכט. געוויינליך זאָגט מען אויף אַזעלכע אויגען:
„בלויע", נאָר בלויקייט האָט צענדליגער שאַטירונגען און טאָנען.
ביי פיל מענשען הויבט זיך בלויקייט אָן פון בלענקעט, פון
סעלעדרין־פאַרב און עס ענדיגט זיך מיט דעם טונקעלען בלוי־
קאָליר פון פיילכען. ניט אַלע אונטערשיידען די שאַטירונגען. ביי
אַ מאָלער קומט פון דעם עפּעס אַרויס, ווען ער מאָלט אויגען,
ער קאָמבינירט מיט די פאַרבען, ער פאַרטונקעלט און פאַרהעלט,
ביז אַ פרייד לייגט זיך אויף זיינע ליפּען: ער האָט געטראָפען.

איר וואָלט ניט וועלען זאָגען אויף אירע אויגען, אַז זיי
זיינען בלוי. דאָס איז אַזוי אַלט און אַזוי ווייניג ווערט מיט דעם
געזאָגט.

רואיגקייט און לעבענס־לוסט, דרייסטקייט און צוריקגעהאַלטענ־
קייט... וועלכע געפילען לעבען ניט אין די צוויי פאַרביגע שרע־
טעלעך אונטער אירע ברעמען. זיי זיינען ניט גרויס אירע אוי־
גען, נאָר טיף. באַמערקסט זיי און גייסט אַוועק ווייטער אויף
אַ צווייטער גאַס און עפּעס גייט דיר נאָך, ווי עס וואָלט דיר
איינגעהילט אַ בלויער, אַ לופט־לייכטער שלייער. ווילסט אים ניט
אַראָפּוואַרפען דעם שלייער, האָסט זיך מורא האַסטיגער צו שפּריי־
זען, טאָמער וועט זיך דיר די איידעלע קאַנווע איבעררייסען
און פאַרשוואונדען ווערען. און אַמאָל טרעפט, אין שעה'ן אַרום
נאָך דער באַגעגניש שוועבען די אויגלעך אַרויס פאַר דיר, ווי
אַן אומגעריכטער קליינער רעגענבויגען און צו וועלכען זייט דו
זאָלסט זיך נישט ווענדען—אומעטום די אויגלעך...

זי איז קליין און שיין. זי איז פון יענע פרויען, וועלכע
דערמאָנען אַפילו אין די שפּעטערדיגע יאָרען אַ קליין־מיידעל
עס איז בייגעריג, עס איז אַזוי רייצענד צו טראַכטען, אַז ד.
דאָזיגע מיידעלע טראָגט אין זיך אַלע פאַרלאַנגען און שטרעבונ־

גען פון די גרויסע, שטאָלצע פרויען: ליבע, אייפערזוכט, אינ-טריגע און קאָקעטעריי... און ווער ווייסט, וועלכע נאָך געפילען עס באַהאַלטען זיך אונטער דעם ווייסען שטערן?

איר שטערן איז אַ הויכער, קליינע הערעלעך רייסען זיך אים צו באַוואַקסען, נאָר די האַנט, וואָס פאַרקעמט זיי די האָר אַרויף, דערלאָזט ניט דערצו. קוקסט אויף איר, בעת זי רעדט און פילסט, אַז דער מהל אַרבעט און באַטראַכט אַלץ גענוי, נאָר רירט זיך ניט אויף קיין קנייטשען: איר זאָרגלאָזיגקייט און אינערליכע גאַנצקייט וועט צו קיין קנייטשען ניט דערלאָזען.

ביי יעדען ערנסטען און ניט ערנסטען געשפרעך, ביים באַגעגענען זיך און ביים שיידען זיך—שטענדיג ליגט אַ שמייכעל אין די קאַנטען פון אירע אויגען און אויף די ליפען, נאָר לאַ-בען הויך, איבערטריבען, וועט זי קיינמאָל ניט.

זי איז מיר נאָנט, ווייל זי איז איינפאַך און ניט שרייענ-דיג אין איר שיינקייט. מיך פרייט, וואָס קיינער גייט ניט פאַר-ביי גלייכגילטיג, ווען זי קומט אָן. זי רופט באַשטימט ביי יע-דערען אַרויס אַזאַ געפיל פון בענקשאַפט, אַזאַ ציטער, ווי ביי מיר. דאָס איז אַ בענקשאַפט צו עפּעס ווייטעס, אומדערגרייכטעס. אומרואיג און גוט ווערט אויף דער נשמה, ווען דו דערזעסט איר. בעת דו רעדסט מיט איר, בעת דו זיצסט מיט איר באַזונדער, דוכט זיך דיר, אַז זי איז מיט דיר נענטער, ווי מיט אַלעמען. נאָר באַלד קומט צו אַ צווייטער און זי באַגעגענט אים מיט'ן זעל-בען שמייכעל—עס פאַרדריסט, דו אייפערסט, כאָטש דו וועסט זיך אין דעם ניט מודה זיין.

איך וויל זיין רואיג, אינגאַנצען רואיג זיין און אָביעקטיוו. צופיל זאָרג און נויט, צופיל בלוט און צרות האָב איך זיך אָנ-געזען, און אַז איך האָב מיטאַמאָל דערזען אַזאַ לוסטיג פנים, איז מיר בעסער געוואָרען אויף דער נשמה.

און אין דרויסען רעגענט לאַנגזאַם, האָפנונגסלאָז רינען די טראָפּענס פון די דעכער, פון די פענסטער, פון די בוימער. עס דוכט זיך אויס, אַז דאָס גרויסע גרויע לעבען ווערט צערונען אין די לאַנגזאַמע טראָפּענס...

אָבער איין קוק אין צימער אויף דער קליינער, איין קלאַנג פון איר קול, איין שטראַל פון איר בליק און—זון שפּרייט זיך אויס אויף דער נשמה.

—קליינע!

—וואָס?

—עס איז גוט וואָס דו ביזט, וואָס איר זייט קליין געוואַקסען. אַ פרוי באַדאַרף זיין קליין, שוועבעדיג, און די דאָזיגע לייכטקייט נעמט צו דעם בליי פון אונזער נשמה... אַ פרוי באַדאַרף זיין קליין און שוועבעדיג.

לאַכט זי.

אַמאָל פלעג איך זיך פאַרליבען אין אַזעלכע פרויען. נאָר וויפיל איז דער שיעור? אַ מענש באַדאַרף זיך בייטען.

אויב ניט, קומט אויס צו אַלעמען ריידען דיזעלבע ווערטער, דאָס האָט אָבער שוין דערעסען. איך וויל זיין איצט בלויז אַ צושויער. זאָל זיך די נשמה צאַפּלען, איך וועל איר אַליין אויסלאַכען און מיט די אויגען וועל איך קוקען און באַוואונדערען יעדען בויג, יעדען שפּרונג פון מיין נייער באַקאַנטער. נאָר אויב עס וועט ווערען שווער, אויב די ירושה פון אַמאָליגע פאַרליבענישען וועט זי אויך דאָ אָפּרופען, וועל איך דאַן אַנטלויפען פון דאַנען.

אַזוי האָב איך באַשלאָסען.

אין די רעגען-טעג האָב איך דערזען ביי איר דעם ערשטען עגמת-נפש: איר ברוינקייט, וואָס זי האָט באַקומען פון דער זון, האָט גענומען בלייכער ווערען און זי האָט פון דעם שטאַרק געליטען. זי וויל אין שטאָט קומען מיט אַ ברוינעם, פאַרברענטען פּנים, זי וויל אַזוי ווי אַלע מענשען מיט עפּעס איבערראַשען אירע באַנטע.

עס קריכען אָבער שווערע בלייערנע וואָלקענס און גיסען מיט רעגען. זיי ווילען גאָרניט וויסען, וואָס דאָ אונטען טוט זיך, אַז אַ קליין שיין מיידעל טופּעט מיט די פיסלעך אויפ'ן הימעל,—נאָר דער הימעל מאַכט זיך ניט וויסענדיג,

עס גיסט און עס גיסט.

ביי מיר איז צוגעקומען אַ תפילה:

איך רוף יעדען טאָג די זון און איך קוק מיט פחד, ווי די ברוינקייט פון דעם רונדען פנים׳ל ווערט אַלץ מער פאַרשוואונדען.

עס געדויערן טעג. יעדער באַגינען רוק איך מיט שרעק אַרויס דעם קאָפּ פון פענסטער. בליי און בליי, אַ שטיקעל וואָלקען, וואָס איז אַביסעלע העלער, דערפרייט, מיך. רעגענט נישט אַ פּאָר סעקונדען, טראַכט איך, אַז שוין אַ סוף, נאָר באַלד נעמט ווידער גיסען און די בוימער וויינען צוזאַמען מיט מיין נשמה. ניין, מיין נשמה וויינט—איך ווער שטאַרק אין כעס אויפ׳ן הימעל, איך ווייז אים אַ פויסט, איך וועל אָננעמען מיטלען...

עס האָט געהאָלפען, ביינאַכט איז געווען אַ גרויסער ווינט און ער האָט צעיאָגט די וואָלקענס. אינדערפרי איז אַרויס די זון און ווי וואַזיניגע זיינען די שטראַלען געלאָפען איבער אַלע סאַזעלקעס און טייכלעך. געקושט האָבען די שטראַלען יעדען צווייג און בלאַט.

באַגריסט זיי, הימעל!

די שיינסט שוין ווידער און טריקענסט אָפּ פאַר אונז אַלע וועגען און שטעגען. מיר שפּאַצירען אין אַזעלכע ערטער, וואו מענשען קומען זעלטען. זי שפּרייזט אַ באַרוויסע. דעם גאַנצען זומער גייט זי אַזוי אַרום, אין רעגענס און אין זון-טעג. בייטאָג און ביינאַכט. דאָס שטעטעל איז שוין צוגעוואוינט צו איר, הגם פון די געוועלבער און פון אַלע שוועלען קוקט מען זי נאָך און ניט איינמאָל הער איך, ווי מענשען שושקען זיך: „סאַר אַ שיינע!״

זי איז גרויסאַרטיג אויף דעם פּאָן פון דעם אַלטען יודישען שטעטעל, צווישען די רואינעס און צווישען די פורלעך אין אַ יאַרמאַרק-טאָג. אין אַ ווייסע קלייד מיט באָרוויסע פיס, מיט צוויי אַריבערגעוואָרפענע צעפּלעך איבער די אַקסלען. אירע האָר וואָלט איך ניט אָנגערופען „גאָלדענע״, נאָר ווען די זון שיינט אויף זיי, בעט זיך אַזאַ פאַרגלייכונג. אמת׳ע דינע גאָלד-פעדעס, און די צעפּלעך, וואָס פאַלען אַרונטער איבער דער ווייסער לייכטער קלייד, מאַכען אַן איינדרוק פון צוויי גאָלדענע שטראָמען, וואָס

פליסען אראפ.

פון אלע זייטען פליען צו אונז נייגעריגע בליקען. איר באַרוויס גיין, אירע בליצעדיגע גאָלד-צעפ שטעלען אָפּ יעדענס בליק, נאָר זי גייט, ווי זי וואָלט קיינעם נישט זען, קיינעם נישט הערען. פונקט ווי מיר וואָלטען זיך אַ ליניע אָנגעצייכענט און קיין זאַך שטערט אונז נישט.

— אפשר צום טייך? גייען מיר צום טייך.

אפשר אויפ'ן באַרג? אַלץ איינס. היינט איז זוניג אומעטום.

און קלייבען קלייבט זי זיך שטענדיג אויס די קרומסטע שטעגעלעך, אויף שטיינער קלעטערן, אַבי נישט גיין גלייך. אין שיפעל אויפ'ן טייך זיצט זי נישט איין. „קינד! יענע וואָך איז איינער דערטרונקען געוואָרען.״ באַקום איך אַ „פּחדן״ דערפאַר.

אין שטעטעל רופט מען אונז: „חתן-כלה״. ווייל שטענדיג זיינען מיר צוזאַמען, נאָר אין דער אמת'ן האָב איך איר מער, ווי עטליכע איבעריכטיגע קאָמפּלימענטען נישט געזאָגט. מיר רייִדען וועגען אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט וועגען זיך אַליין. איך דערצייל איר פון גרויסען בער-לאַנד רוסלאַנד, פון טיפע שנייען און ווייסע צפון-נעכט, ווען הויכע בוימער ציען זיך, ווי טונקעלע ליכט צום הימעל, פון דער צפון-נאַכט, וועלכע קוקט מיט אָפענע אויגען אויף דער שלאָפענדיגער וועלט. איך דערצייל איר פון שוואַרצען שטורמישען ים, פון קרים, פון הויכען טשאַטיר-דאַג, פון אַי-פעטרי, וואו די לעצטע אָדלערס שוועבען און שרייען.

און זי מיר דערציילט נאָך-ניט-פאַרגעסענע איבערלעבונגען פון דער קינדהייט, עפעס אַ מעשה, ווי זי מיט אירע שוועסטער זיינען געגאַנגען יאַגדעס קלייבען און זיי זיינען אַ טייך אַריבער-געגאַנגען נאַקעט. פון שטאָט דערציילט זי, פון אירע באַקאַנטע.

ניין, ניט קיין ערנסטע דיאַלאָגען פירען מיר. מיר ביידע מיידען עס אויס. איבערהויפּט טו איך עס. איך פּאַס זיך צו. עס ווילט זיך ניט פליען הויך, ווען דאָ אונטען איז אַזוי גוט און רואיג.

איר ווייסט, ווי עס זעט אויס אַ טייכעל עטליכע טעג נאָכ׳ן רעגען. דאָס וואַסער קלאָר, דורכזיכטיג און לאַנגזאַם, ניטאָ קיין שטיינדלעך, וואָס פאַרהאַלטען עס. אַזוי זיינען מיינע געדאַנקען.

עס וואָלט געווען קאָמיש זיך צו פאַרליבען אין דעם דאָזיגען שמעטערלינג. צופיל ווערטען האָט מיין נשמה איבערגעשאַצט, צופיל ספקות. נאָר דער שמעטערלינג רייצט און פרייט...

עס איז טשיקאַווע. איך וועל אים נאָכיאָגען. אין וועלכע טאָלען וועט ער מיך פאַרפירען?

אַמאָל נעמט זי מיט פאַרב מיט׳ן מאָלבערט. זי נעמט זיך צום מאָלען און איך קוק צו. פרעג איך עפּעס, ענטפערט זי ניט. שווייג איך שוין. איך קוק אויף איר אַרבעט, אויף דער אָנשטרענגונג פון איר בליק...

און עס ווילט זיך מיר אַליין נעמען מאָלען, ווי די קליינע פרוי וויל כאַפּען אויף אַ קליין שטיקעל לייוועַנט אַ גרויס שטיק גאָט׳ס לעבען.

איך לאָז זיך אַוועק אין די בערגלעך, אין די טיפע טאָלען און קום פון דאָרטען מיט עטליכע בלאָע וואַלד-גלעקלעך. זי כאַפּט עס צו, אין אויגענבליק באַקומען די בלומען אַן אַנדער אויסזען: וואו מען באַדאַרף אָפּגעריסען, אויסגעגלייכט און צוגעשפּילעט צו דער בלוזע.

אַט אַזוי פאַרגייען ביי אונז טעג.

מיר זיינען ניט קיין חתן-כלה. ווי קומט עס? אָבער דאָ אין שטעטעל זיינען מיר די נאָנטסטע צווישען זיך און אַלע זייַנען אונז איבעריג, פרעמד-גיט-פרעמד, אַלץ איינס.

זי שפּילט, שטיפט, טאַנצט און שפּרינגט, נאָר אין דערזעלבער צייט איז זי רואיג.

וואו זי גייט, באַגלייט איר דיזעלבע גלייכגעוויכט, אויפ׳ן אַלטען בית-עולם צווישען שטיקלעך פון צעבראָכענע מצבות, אויפ׳ן האַסטיגען שטראָם פון טייך אין אונזער קליין שיפעל. זי איז רואיג, זי גיט מיר זיכערקייט און דרייסטקייט. איך מוז זיין דרייסט צוליב איר. זי האָט שוין אַנטדעקט אַלע מיינע שוואַכ-

קייטען פאַר דער צייט פון אונזער קאַנטשאַפט און איך פאַר־פלאָנטער איר אומישנע, זי זאָל מיין כאַראַקטער ניט דערקענען וואו איך בין רואיג, מאַך איך זיך אָפטמאָל צעשראָקען, און איך בלייב רואיג דאַן, ווען דאָס האַרץ מיינס קלאַפט צו שטאַרק. איך פיל, אַז זי וואַרט אויף מיר. דאָס צימערל איז צוגעפוצט פאַר מיר. זי וועט דאָך גלייך פרעגען, ווי געפעלען מיר די בלומען, די לעבעדיגע און די געמאָלטע.

נאָר זאָל איך ניט קומען, וועט זי זיך קנאַפּ טרויערן און מיט אַ צווייטען וועט זי אויסליידיגען דעם טעלערל רויטע יאַגדעס. אַזוי דאַכט זיך מיר און אפשר... ווער ווייס?...

עס גייען איר נאָך פיל פון די אָנגעפּאָרענע יונגעלייטלעך. אַלטע פריצים קוקען זיך עטליכע מאָל אַרום, ווען זיי דערזעען זי. דער קסיאָנדז פון הונדערט־יעריגען מאָנאַסטיר קוקט עפּעס צופיל אַרויס פון אַ קליין פענסטערל אויף איר הייזעל.

—קליינע!

—וואָס?

—דו, ווייסט, אַז די גאַנצע שטעטעל איז פאַרליבט אין דיר... אַלע קוקען דיך אָן.

—און איך?—זאָגט זי,—איך קוק זיי דען נישט. אַלע, אַלע זיינען אַזעלכע גוטע, אינטערעסאַנטע.

אָי, איך בין אַ שלעכטער מענש. איך טראַכט גאָר נישט אַזוי און צייטענווייז פאַרדריסט מיך, וואָס זי טראַכט נישט אַזוי ווי איך. יאָ, נאָר דאָס זיינען בלויז רגע׳ס.

גליקליך בין איך אין יענע רגע׳ס, ווען זי שטייט און מאָלט און איך קוק זיך איין פון דערווייטען.

אָט פאַרגלוסט זיך איר אַרויפציען אויפ׳ן לייוונט יענע דיבינקע בעראָזקעלע און עס קריכט אַלץ מער אַרויס, אַלץ נענ־טער קומט צו דאָס בוימעל צו איר און זי קוועלט, בעת אויפ׳ן לייוונט באַווייזען זיך שוין די גרין־געלאָקטע צווייגען.

עך... און דאָ וויגען זיך ניט ווילענדיג די זאַנגען נעבען מיר, אַ לערכע טרעלט אין דער לופטען. עס ווילט זיך מיר זעהר דערמאָנען מיין קינדהייט אין אַזעלכע רגע׳ס און איך זוך טיף

אין די געדאַנקען עריינערונגען פון די קינדער-יאָרען.

דאָ נעבען מיר שטייען עטליכע ווילדע בוימלעך מיט פעלד-רויזען. עטליכע בלומען פון זיי האָב איך אָפּגעריסען, און זיי וואַלגערן זיך נעבען מיר. האָבען די האָניג-בינען אַ טעות, זיי מיינען, אַז איך בין אויך אַזאַ קוסט און זיי פליען אַרום און זויגען פון די בלומען דעם זאַפט, דערווייל זשושען זיי איבער מיין קאָפּ, מיט אַזעלכע לאַנגזאַמע וויאָלאָנטשעל-טענער... זשו, זשו, זשו...

אַנדערע פון די בינען רירען מיך אָן מיט זייערע פליגעלעך, מיט זייערע האָריגע פיסעלעך און אַנטלויפען.

איך עפען די אויגען און שלינג אַריין מיט זיי גאַנצע שטיקער בלאָען הימעל אין דער נשמה און אַפילו יענעם דורכזיכטיגען ווייסען וואָלקען, וואָס האָט זיך געלאָזען אונטערן וואַלד. ער וועט זיך נישט באַהאַלטען. מיינע מידע אויגען האָבען אים איינגעשלונגען און דער בלענקעט באָדט זיך אין זילבער און דער זילבער באָדט זיך אין בלענקעט. אַלץ איז אַזוי לייכט, לופטיג. די גאַנצע גרויסע וועלט ליגט אויף דער נשמה, ווי אַ ווייס, קליין פעדערל פון אַ טויב...

און די אויערן כאַפּען קוים אויף די קלאַנגען פון דער נאַטור. דעם זשו-זשו פון די בינען...

עס אָטעמט זיך לייכט. די לופט איז שכור און זיס. איך דרימעל און אין דרימעלשען ווואילטאָג עפען איך און פאַרמאַך די אויגען.

איך פיל שוין גאָרנישט...

נאָר אָט בייסט זיך לאַנגזאַם אַ בין. ניין, עס וויל מיך אַ ביס טאָן. איך בין אָבער אַזוי פויל, אַזוי פויל און דרימעלדיג. אונטער די פאַרמאַכטע ברעמען איז געבליבען אַ שטיק בלאָער הימעל און מיין נשמה באָדט זיך אין אים, אין די אויערן קלינגען קלאַנגלאָזע קלאַנגען. דאָס האַרץ קלאַפּט און קלאַפּט ניט...

וואָס וויל די בין פון מיר? איך הויב אויף אין מידקייט אַ האַנט און טרייב זי אַוועק.

נאָר זי טאַנצט מיר ווידער אויפן נאָז, אויף די ליפּען,

אויפ׳ן שטערן. זי וויל מיך פאָרט אַ ביס טאָן.

איך פּאַטשע עטליכע מאָל מיט׳ן האַנט, ביז איך עפען אויף אַ שטיקעל אויג...

עך, דו גנבטע! די קליינע שטייט נעבען מיר אויף די קני און מיט אַ זאַנג רירט זי מיך דאָס אָן און איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ בין.

זי לאַכט, אָי, ווי זי לאַכט,—און דער גאַנצער קערפּער, דער יונגער ביוסט, די הענטלעך, אַלצדינג וויגט זיך אין דער וויס־דורכזיכטיגער קלייד.

זי לאַכט און רייצט און צעררייצט מיך.

איך ווייס ניט, ווי עס געשעט. איך דערלאַנג זי אַ כאַפּ אַרום און אירע ליפּען ברענען זיך אָפּ פון מיינע.

הימעל, פעלד, האָניג-בין, זעט נאָר,—די קליינע וויינט, וויינט מיט אמת׳ע טרערען.

דאָס איז, זאָגט זי, דער ערשטער קוש, וואָס זי האָט באַקומען, קיינער האָט עס נאָך נישט געוואַגט.

אַלע מיינע אַרגומענטען, מיינע בעסטע ווערטער באַנוץ איך אויף אַרויסצורופען ביי איר אַ קליין שמייכעל.

נאָר זי שווייגט.

בעט איך זיך ווידער ביי איר. פאַרלאַנגט זי פון מיר איך זאָל צוזאָגען, אַז מער וועל איך דאָס ניט טאָן.

—גוט, גוט, גוט... איך זאָג צו.

באַקום איך אַ שמייכעל און אין הארצען זאָגט מיר דער שמייכעל אָן, אַז מאָרגען וועל איך זי ווידער קושען...

און וואָס וועט זיין מיט מיין רואיגקייט?

ווייק-פאַרגייענדיגע זון, גרילען פון וואַלד, פאַרשפּעטיגטע שוואַלבען! זאָגט מיר, זאָגט מיר, וואָס וועט זיין מיט מיין רואיגקייט?

אין בליען...

בייטאָג איז זי מיר פרעמדער, ווען מיר באַגעגענען זיך, דערמאָנען מיר קיינמאל נישט די פאָריגע נאַכט. עמעץ קוקט אויף אונז, מען ווייס פון אונזערע טרוימען.

שפּילט זיך מיט איר פּאַפּאַ אין קאָרטען, קוקט זיך פון פענסטער אַריין, פון גאָרטען און פרעגט:

—ווער געווינט?

בעט איך איר, זי זאָל זיך זעצען נעבען מיר, וועט זיין מזל׳דיגער.

—און דער פּאַפּאַ?—זאָגט זי—ווער וועט זיצען נעבען פּאַפּאַ? זי אַנטלויפט...

פאַרנאַכט גייען אַלע אינאיינעם שפּאַצירען. איך גנב׳ע זיך אָפּ. עס איז אָנגענעם צו זיין אַ רגע אַליין אונטערן פרייען הימעל. איך פאַרגעס אָבער נישט אַדעלען און רייס אָן בלומען פאַר איר. ווען איך קום צוריק, פרעגט זי מיך די ערשטע:

—וואו ביזטו געווען? בלומען געריסען? וואָס וועסטו טאָן מיט אַזוי פיל?

—אָט וואָס...

און איך פאַרשיט זי מיט די בלומען.

מיר גייען אַרויף אויפ'ן באַרג. די זון בלאָזט זיך אָן מיט פייער און באַלד וועט זי פּלאַצען. אונטען טומעלט דאָס שטעטעל. מענשען, ווי שוואַרצע פּינטעלעך. די שילדען פון די קראָמען פלאַקערן פון זון־פייער. דער גאָלדענער קלויסטער-שפּיץ ווערט צעשמאָלצען.. פון אַלע עקען פון שטעטעל קומען די סטאַדעס. איין פּאַסטוך גייט פאַרביי אונז, דאָס איז ראָמאַן דער שטומער. אַ קליין שעפּסעלע לויפט אים נאָך. ער לאַכט צו אונז, ראָמאַן, עפענט אַ גרויס מויל מיט ציין און לאַכט. איינער פון אונזערע וויל ביי אים עפּעס פרעגען; שטייען זייביידע אַנטקעגען דער פלאַמיגער זון מיט רויטע פּנים'ער און מאַכען אַזוי מאָדנע מיט די הענט. אַדעלא צעלאַכט זיך-און שיקט אַ לופט-קוש דעם שטומען פּאַסטוך. איר פּאַפּאַ רופט אונז אַלעמען שוין אַהיים.

—ס'ווערט שפּעט,—זאָגט ער —מיר וועלען שפּעטער נישט זען, ווי אַראָפּצוגיין פון באַרג.

אונטען אויפ'ן פרייען פעלד. דאָ איז נאָך גאָרנישט אַזוי פינסטער. די לופט פאַרציט אַלץ מער מיט די טונקעלע וואָלקען און אין דער טונקעלקייט ווידערשפּעניגט דער אָוונט-שטערן, צי ער גלאַנצט מיט זיין גאָלדען אויגעל, צי ער שטעקט אונז אַלעמען אַרויס אַ גאָלדען רינגעל?

אָט איז שוין דער בית-עולם און נאָכ'ן בית-עולם איז באַלד דאָס שטעטעל. איך קוק אַראָפּ אויף די שטילע קברים, די ביימער וואַרפען אַרונטער זייערע טונקעלע שאָטענס און די שאָטענס הילען איין יעדעס בערגעלע זאַמד, יעדע מצבה. איך טראַכט עפּעס. אומעטיג-רואיג זיינען מיינע געדאַנקען. כ'דערפיל עמיצענס האַנט: אַדעלאַ! שטייט און קוקט מיך אָן. איך נעם זי פאַר'ן האַנט. קיינער זעט אונז נישט, אַלע זיינען אַוועק פאָראויס.

—אַדעלאַ! האָסט מורא פאַר'ן טויט?

—איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס—ענטפערט זי און שמייכעלט.

—און די גרינע לאָנקע נאָך די קברים געפעלט דיר?
—יאָ, עס ווילט זיך שפּרינגען אויף איר, אַזוי פיל בלומען...
—מען וועט די לאָנקע צעגראָבען אויף פרישע קברים.
—ווען?
—מאָרגען, איבערמאָרגען, איבעראיאָר...
—אָבער איצטער, זאָגט זי, איצטער קאָן מען דאָך שפּרינגען אויף דער לאָנקע און איינס, צוויי, זי איז שוין אויף דער לאָנקע און לויפט, לויפט ווי אַ חיה פון וואַלד אַרויס.

ווען מיר קומען אַריין אין שטעטעל, איז שוין פינסטער. אידען מיט ליידיגע עמערס און אידען מיט פולע עמערס וואַסער קומען אונז אַנטקעגען. אַ בלויזער פערד, אויסגעשפּאַנט, פּלאָנטערט זיך צווישען די מענשען, ווי אַן אייגענער. אין אַ קרעמעל שטייט ראָמאַן דער שטומער פּאַסטוך און קויפט „טיטון". ער דערזעט אונז און כאַפּט ווידער אַראָפּ זיין היטעל און לאַכט אידיאָטיש מיט די אויגען, מיט די ציין.

ביים גאָרטען, וואו אַדעלע וואוינט, וואַרטען אויף איר פּאַפּאַ און מאַמאַ. ביים שיידען-זיך דערלאַנגט זי מיר ביידע הענט און דאָס איז אַ סימן, אַז זי וועט שפּעטער אַרויסקומען.

אויף די ווערענדעס אין שטעטעל ווערט פריילין, מען עסט, מען לאַכט. ערגעץ דער נאַכטיגאַל נעמט זינגען און הערט באַלד אויף, ווי עס וואָלט זיך טראַכטען: „צופיל כבוד פאַר איין". אויף איין ווערענד'ע זינגט אַ יונגע פרויען-שטימע, און ווען זי ענדיגט, דערהערען זיך אויסגעשרייען: „בראַוואָ", „בראַוואָ". די שטעטישע קינדער שטייען אונטער די פענסטער און הערען זיך אַלצדינג איין.

קורץ זיינען די אָווענטען. די פייערלעך פאַרלעשען זיך גיך. דאָס שטעטעל שלאָפט איין, נאָר איינציגע פאָרלעך גייען אַוועק צום וויכסעל, קוקען זיך דאָרטען איין, ווי די לבנה שפּיגעלט זיך אין גלאַנצענדיגען וואַסער... שטערען פאַלען און לעשען זיך. די פאַליעס דערהערען אַ קוש און אַנטלויפען מיט'ן סוד.

איך זיץ ביי אַדעלעס גאָרטען און וואַרט. די געגענט שווייגט, אַמאָל נאָר רייסט אַ בלעטעלע זיך אָפּ פון אַ בוים און

פאַלט לאַנגזאַם צו מײַנע פֿיס. פײַער-פֿליגען פֿליען אין די טױ־זענטער און צענדליגער הענט װילט זיך האָבען דאָן, כּדי זײ נאָכצויאָגען. עס דוכט זיך, אַז די בערג מיט די טאָלען קוקען מיט פֿיל אױגען, מיט פֿײַערלעך.

פֿײַער־פֿליגען פֿליען. פֿינטלען מיט רױטקײט, מיט גאָלד אין דער פֿינסטער, די נאַכט מאַכט כּשוף.

די אױגען מײַנע זוכען און קוקען דורך די שטאַכעטען פֿון פּאַרקאַן. װאו איז זי? פֿאַרװאָס קומט זי נישט? נאָר אָט! אױף דעם באַלױכטענעם שטעגעל פֿון גאָרטען שפּרײַזט אַ סילועט. דעם קאָפּ אַראָפּגעבױגען. שױן בײַם פּלײט!

—אַדעלאַ!

און זי זיצט נעבען מיר שױן אױפ'ן באַנק. איך באַמערק נישט װי אירע הענט קומען אין מײַנע, װי אונזערע פֿינגער פֿלעכטען זיך צענױף.

—װאָס האָסטו מיר געלאָזען אַזױ לאַנג װאַרטען?—פֿרעג איך רואיג.

—דער פּאַפּאַ האָט נישט געשלאָפֿען. איך האָב אַלץ גע־הערט, װי ער בלעטערט די צײַטונגען.

—האָסט נאָך אַלץ מורא פֿאַר'ן פּאַפּאַ? אַזאַ גרױס מײדעל מיט אַזעלכע לאַנגע האָר. שעם זיך!

כאַפּט זי זיך אױף:

—צעלאָזען די האָר?

און אײדער איך ענטפֿער, ציט זי אַרױס עטליכע שפּילקעס פֿון די האָר און אַ פֿאַליע לאָקען צעשיטען זיך. די האָר רירען מיך אָן. זײ שמעקען, זײ רײצען... און זי כאַפּט אירע האָר און פֿאַרדעקט מיר מײן פּנים. איך זע שױן גאָרנישט, איך רײד שױן גאָרנישט...

שפּעטער פֿרעגט זי מיך, פֿון װאָס איך טראַכט אַזױ פֿיל. דערצײל איך איר פֿאַרזיכטיג פֿון שװערע יאָרען, פֿון געבראָכע־נעם שטאָלץ. פֿאַרזיכטיג דערצײל איך, עס זאָל אין איר נשמה מײן גיפֿט נישט אַרײַן. הערט זי מיך אױס מיט פֿאַרװאונדערטע אױגען און רײַסט מיך איבער מיט אַ שפּאַס.

און די געגענט ווערט נאָך שטילער און שווייגעדיגער. די אַלטע בוימער שלאָפען פעסט און געשמאַק, די יונגע קושען זיך בגנבה. אַ נאַכט-פויגעל קומט נאָנט צעפליען, שרייט עטליכע מאָל אויס און אַנטלויפט. ערגעץ קוואַקעט אַ זשאַבע, אַ צווייטע. דער נאַכטיגאַל זינגט פון שלאָף האַלבע ליידענשאַפטליכע טענער.

אַט אַזוי רעדט זיך די נאַכט אויף אומפאַרשטענדליכע לשונות... אַט אַזוי רעדט די נאַכט. און אַדעלא, דוכט זיך, שלאָפט איין אויף מיין ברוסט.

—שלאָפסט, טייערע?

הויבט זי אויף דאָס קעפעל, האַלט האַלב-אָפען די אויגען און שטאַמעלט עפּעס:

—נישט איך שלאָף און נישט איך וואַך, ביינאַכט איז אַזוי גוט, גוט...

אינדערפרי לויף איך צום קסיאָנדז אין גאָרטען נאָך בלומען. דעם קסיאָנדז'ס „בעל הבית'טע" באַמערקט מיך דורכ'ן פענסטער און קומט אַרויס מיט דער שער אין האַנט.

—היינט זיינען דאָ אַ סך רויזען. איבער נאַכט האָבען זיך אַ סך רויזען געעפענט.

—ניט אַלע!

און זי שניידט אָפּ פאַר מיר פיל פריש-געעפענטע רויזען; אויף עטליכע פון זיי שטייען נאָך די האָניג-בינען און זויגען דעם טייערן זאַפט.

איך שיק אַוועק די רויזען צו אַדעלען און אַליין גיי איך בלאָנדזשען הינטערן שטעטעל.

די זון האָט נאָך נישט פאַרשפרייט אירע וואַרעמע פליגעל אין אַלע טאָלען, דער גראָז איז נאָך אין פיל ערטער פייכט, באַשפריצט מיט באַגינען-טוי. פון דאָ און דאָרט הויבען זיך אויף שמעטערלינגען און פליען אַוועק. ווי פריילין זיי פלאַטערן דערפרייטע פון זייער פרימאָרגען. עס דוכט זיך אויס, אַז דאָס איז זייער ערשטער פליען. איך גיי אַרויף אויף אַ בערגעל און דער ווייכסעל גיט אַ בליץ פאַר די אויגען. ווי אַן אָנגעשאַרפטע קאָסע... עטליכע זעגעל-שיפלעך טראָגען זיך לאַנגזאַם איבערן טייך.

ביינאַכט האָט אַ ווינט געבלאָזען. איצט איז די לופט שטיל און רואיג. די זעגלען פלאַטערן פויל, אָן מאַכט.

געלויבט זיי, פרימאָרגען!

איך קוק זיך איין אויף די פּאַרזייטע פעלדער, אויף די ווילד־פּאַרוואַקסענע בערג — מיין האַרץ ווערט ענג פאַר פרייד: אַזוי פיל שיינע בילדער. דאָס אויג קאָן עס אַלץ נישט אַרומנעמען: אָט איז אַ בערגעל, פּאַרוואַקסען מיט יונגע סאָסנעס. די סאָסנעס זעען אויס ווי סאָלדאַטען, וואָס מאַרשירען. אָט איז אַ הויכער טאָפּאָל און נעבען אים ליגט אַן אונטערגעבראָכענע סאָסנע. ווי אַ קנעכט פאַר אַ הערשער ליגט עס...

דורך די בערג זעט זיך אַ קליין דערפעל. פון דאַנען דוכט אויס, אַז דאָס דערפעל שלאָפט. נאָר ווען איך לאָז זיך אַראָפּ נידעריגער, דערזע איך, אַז אַלע הייזלעך זיינען אָפען. די עלטערע דאָרפסלייט זיינען אַלע אין פעלד. נאָר די קינדער שפּילען זיך ביים טייכעל, וואָס פאַלט אַריין אין ווייכסעל: אָט האָבען צוויי באָרוויסע, האַלב־נאַקעטע שיקסלעך געכאַפּט אַ שעפּסעלע און ווילען עס אויסבאָדען. — דאָס שעפּסעלע האָט אָבער נישט ליב קיין וואַסער און עס ראַנגעלט זיך מיט אַלע כּחות, דאָך ווען די קינדער שלעפען עס צריין אין וואַסער, ווערט עס רואיגער.

מיין פרייד וואַקסט. אַ פּאָר אויגלעך שוועבען פאַר מיר: „אַדעלא”. צי איז זי שוין אויפגעשטאַנען? צי האָט זי שוין באַקומען מיינע רויזען?

דאָך אַ גאַנצען טאָג בלאָנדזשע איך צווישען דערפער און בערג און איך קום ערשט שפּעט נאָך אַ האַלבען טאָג אין שטעטעל צוריק.

מיין בעל־הבית'טע בייזערט זיך.

—וואָס איז?

—דער מיטאָג איז שוין קאַלט.

—און אַ קאַלטען מיטאָג קאָן מען נישט עסען?

שאָקעלט זי צו מיט'ן קאָפּ און באַוויינט מיך.

נאָכן עסען דרימעל איך אַ קורצע צייט. איך כאַפּ זיך

אויף פון שלאָף און הויב אויף דעם פאָרהאַנג פון מיין פענסטער. אָהאָ! די זון איז שוין פאַרגאַנגען. שוין באַלד נאַכט. עטליכע טויבען לאָזען זיך אַראָפּ נעבען ברונעם, טרינקען זיך אָן און פליען האַסטיג אַוועק. איך גיי צו דער ברייטער מאַרק-גאַס. אי-דען און קריסטען האָבען זיך אויסגעזעצט אַרום אַלטען „פּלומפּ״ און מען דערציילט זיך מעשיות. אַביסעל ווייטער האָבען שקצים אַרומגערינגעלט דעם פּאַסטוך ראָמאַן און בעטען אים אויף שטום-לשון, ער זאָל מאַכען קונצען, איינער פון די שקצים לייגט אַוועק אויף דער ערד אַ שטרוי און ראָמאַן שפּייט אָן אין די הויפּענס, קלויבט אָן העלדישקייט און... שפּרינגט אַריבער. די שקצים צע-לאַכען זיך און דאָס רעדעל אַרום ראָמאַנען ווערט נישט קלענער.

אויף „איר״ גאַס איז איינגאַנצען רואיג. אין די פויערישע הייזלעך צינדט מען קיין פייער נישט אָן, נאָר אין אייניגע ער-טער בליצען פייערלעך דורך די בוימער און ערגעץ-וואו הערט זיך אַ געלעכטער טיף אין גאָרטען, איך גיי צו צום טירעל און בלייב שטיין. ניין! איך וועל נישט אַריינגיין, אפשר וועט זי שפּעטער אַליין אַרויסקומען, איך וויל קיינעם נישט זען אויסער איר.

און זיצענדיג אויפ'ן באַנק הער איך, ווי אַ פרייליכע חברה ליעטניקעס קומען אָן. איך דערקען זיי שוין פון ווייטען. זיי קו-מען צו נענטער און באַמערקען מיך:

—וואָס זיצסטו דאָ?

—קום אויף די בערג!—ווענדען זיך עטליכע צו מיר.

—דאָ איז זעהר שטיל, איך האָב ליב די שטילקייט.

—און דאָס געלעכטערל פון גאָרטען האָסטו פיינט?

זיי גייען אַוועק, קלאַפּענדיג מיט די לאַנגע באַרג-שטע-קענס. עס מאַכט אַן איינדרוק, אַז מענשען האָבען זיך געלאָזען זוכען אינמיטען נאַכט דאָס גליק.

זיי גייען און לאַכען. פון ווייטען הילכט עס אַזוי געהיים און פריילך אָפּ.

די שטימען דערווייטערן זיך און איך קוק אומגעדולדיג אין גאָרטען אַריין.

פון גאָרטען קומט אַרויס דאָס דינסטמיידעל אַנטאָשאַ, זי

גייט נאָך וואַסער.

—וואָס טוט איצט אַדעלאַ?—פרעג איך זי.

—אַדעלאַ וואַרט אויפ׳ן פאַן,— ענטפערט זי און אַנטלויפט מיט די עמערס. ווען זי גייט צוריק, שטעלט זי זיך אָפּ אויף אַ רגע און זאָגט מיר שטילערהייד:

—זאָל דער פאַן וואַרטען, אַדעלאַ וועט באַלד אַרויסקומען! און עס געדויערט נישט לאַנג, זי קומט אַרויס פון גאָרטען און בלייבט שטיין ביים פאַרקאַן, ווי זי וואָלט מיך נישט באַמערקט.

—ביזט ברוגז אויף מיר?

שטראָפט זי מיר, פאַרוואָס איך בין אַ גאַנצען טאָג נישט געקומען, אין שטוב האָבען זיך אַלע געוואונדערט, וואָס איך קום נישט.

—און דו האָסט זיך אויך געוואונדערט?

ווערט זי שוין ווייכער און גייט צו צום באַנק...

—כ׳האָב געוואַרט אויף דיר, כ׳האָב געוואָלט דאַנקען פאַר די בלומען.

און זי דערציילט מיר:

—ווען אַנטאָשאַ האָט געבראַכט די רויזען, בין איך גע- שלאָפען. די טרייע אַנטאָשאַ! זי האָט אַוועקגעלייגט די בלומען אויף מיין קישען און ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך דערשפירט דעם ריח, דעם שכּור׳ן ריח. און ווייסט וואָס איך האָב געטאָן?

—וואָס האָסטו געטאָן, זאַרגלאַז מיידעלי?

—אויף די בלומען זיינען געבליבען עטליכע טוי-טראָפּענס פון דער נאַכט, האָב איך זיי אויסגעטרונקען.

—געשמאַק געווען?

—ווייַן, טייערער ווי וויין.

און זי לאַכט און רעדט ווידער:

—אַ גאַנצען טאָג האָב איך היינט געזונגען און געבענקט נאָך דיר. עס האָט מיר אויסגעדוכט אַ גאַנצען טאָג, אַז עמיצער גייט מיר נאָך און וואַרפט אויף מיר כסדר בלומען.

—דאָס בין איך געווען, טייערע! דאָס בין איך געווען —

איך האָב זיך פאַרשטעלט אין אַ שאָטען, דו זאָלסט מיך נישט זען.

שפּענט זיך אויף אויף מיר אַ פּאָר אויגען.

—יאָ, יאָ!—באַשטעטיג איך מיינע ווערטער.

זי לאַכט און זי נעמט, דאַכט זיך, גלויבען, אַז דאָס איז אַזוי. פון די בערג הערט מען לאַכען און זינגען.

פרעגט זי פאַרוואונדערט:

—ווער לאַכט עס אַזוי שפּעט אויף די בערג? דערצייל איך איר פון דער פריילעכער חברה. הויבט זי זיך פלינק אויף פון אָרט.

—קום אַהין, קום צו זיי.

נאָר אין דעמזעלבען מאָמענט דערהערט זיך פון גאָרטען:

—„אַדעלאַ"!

דאָס רופט זי די מוטער און זי גייט שוין נישט אויף די בערג. זי איילט שוין צוריק אין גאָרטען:

—שוין שפּעט! די מאַמאַ רופט, קום מאָרגען!

און זי ווערט פאַרשוואונדען צווישען די ביימער.

איך בלייב אַליין און עס דאַכט זיך מיר, אַז עס איז אַ חלום: עפּעס אַ מלאך איז דאָ געקומען אויף אַ ווייל, האָט דעם מלאך עמיצער איבערגעשראָקען, איז ער אַנטלאָפען.

אין עטליכע טעג אַרום זיינען מיר ביידע אין וואַלד. דער קוקו שרייט. זי לאָזט איין געשריי נישט דורך, זי מוז יעדעס מאָל ווידערהאָלען און דאָ פאַרליר איך זיך אין די קלאַנגען; איך ווייס נישט, ווער ווען עס שרייט איבער. זי דעם קוקו, צי דער קוקו איר—אַדעלען.

—אַדעלאַ! וואָס וואָלסטו וועלען אין לעבען? דאָס בעסטע, דיין טיפסטער פאַרלאַנג וואָס איז, זאָג, אַדעלאַ!

—איך ווייס נישט, איך טראַכט נישט... וואָס איך וויל? לעבען, זינגען...

און דאָ הויבט זיך ווידער אָן:

דער פויגעל שרייט און זי שרייט, און דער עכאָ, דער דריטער, ווער מען זעט נישט, מישט זיך אויך אַריין און דער וואַלד הילכט ווי אַן אויפגעוואַכטער.

—לאָמיר זוכען דעם העכסטען בוים,—זאָגט זי.

פאַררייסען מיר ביידע די קעפּ און קוקען אַרויף צו די שפּיצען פון די סאָסנעס...

עך, איר העלזעל איז אַזוי רייצענד. איך האָב אויף אַ רגע נישט אויסגעהאַלטען און אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ. איר העלזעל אַזוי בויגיג, יונג.

איך גיב איר אַ קוש אין האַלז. ווערט זי שטום-בייז און ענטפערט מיר מער נישט קיין וואָרט. אַדעלאַ! זי שווייגט. אַדעלאַ, זיי מיר מוחל.., זי שווייגט. ווייזט אויס, איך האָב שטאַרק געזינדיגט, ווייל מיר ווערט עפּעס אומעטיג. נאָר דעמדאָזיגען וועל איך נישט אַוועקגעבען פאַר קיין זאַך אין דער וועלט.

מיר זיצען ביידע אויפ'ן גראָז אין וואַלד און שווייגען. דערנאָך הויבט זי זיך אויף און גייט אַוועק צוריק, צום שטעטעל-צו.

—אַדעלאַ!

זי רופט זיך נישט אָפּ. איר ווייס קליידעל דערווייטערט זיך אַלץ מער, אַלץ מער... איך בלייב אַליין. איך מיט'ן וואַלד. הערט זיך איין, גרינע סאָסנעס! איך בין גאָרנישט אַזוי זינדיג און אַדעלא איז נאָך אַזוי יונג, זי בליט נאָך איצט.

אַ מחנה בינען צעטראָגען זיך צווישען די בוימער און זשומען און זשומען, הענגען זיך אָן אויף די נאָדלען און פאַלען אַראָפּ, פליען איבער מיר, אַרום מיר. דער קוקו שרייט ווידער, נאָר אַדעלא אוז נישטאָ און דעם פויגעל מוז עס פאַרדריסען, ווייל ער הערט נישט אויף צו רופען.

שטיל אין וואַלד.

שטיל אין מיין נשמה. איך שטעל זיך אויף און די הענט נעמען זיך ציען צו יעדע סאָסנע באַזונדער. ארומנעמען ווילט זיך די שטומע בוימער און קושען זיי. ווען איך גיי אַרויס אין פעלד, דוכט זיך מיר אויס אין דער ערשטער רגע, אַז באַלד נעם איך פליען.

באַלד, די פליגלען שפּרייטען זיך שוין פונאַנדער. מיינע נייגעבוירענע פליגלען.

אין וואַלד.

זומער. אין אַ געמישטען וואַלד. צווישען די ביימער פליסט אַ שמאָל טײַכעל, אין וועלכען דאָס גאַנצע וואַלד-לעבען שפּיגעלט זיך אָפּ. נישט ווייט פון טײַכעל שטייט אַ ווייס הויז. צום בעל-הבית פון דעם הויז זיינען זיך צענויפגעפאָרען פיל באַקאַנטע צום פאַרברענגען דעם זומער. צווישען די געסט זיינען נישטאָ קיין אַלטע לייט.

דער גראָער נעכטען איז ערגעץ פאַרשוואונדען געוואָרען, דער אומבאַוואוסטער פאַרנעבעלטער מאָרגען האָט אויפגעהערט צו קימערן.

און קיינמאָל זיינען אומבאַקאַנטע מענשען אַזוי גיך נישט אויפגעטראָגען געוואָרען. און קיינמאָל האָבען זיך די זינדיגע מענשען אַזוי נוציאָז נישט געפילט. איינע איז דאָרט געווען מיט בלויע אויגען, אַ שווייגענדיגע מיט געלאַסענע טריט. עס איז געווען עפּעס שטרענגעס, נישט צוטרעטליכעס אין איר בליק. דאָך וואָס לייגגער זי איז אין וואַלד געווען, אַלץ מילדער איז איר בליק געוואָרען. די שטרענגע האָט גענומען לאַכען, ווי אַ לייכ-

טער, נאָר פעסטער זילבער-מעטאַל האָט איר לאַכן אָפּגעקלונגען.

אַלע האָבען געוואוסט, אַז זי האָט אין שטאָט אַ חתן, וועלכער איז זעהר פאַרנומען, ער גרייט צו פאַר איר אַ צוקונפט, אַ גאָלדענע צוקונפט.

ער שרייבט צו איר בריוועלעך פיל מיט בענקשאַפט, פול מיט האָפנונג. נאָך אַ ביסעלע ווארטען, נאָך אַ ביסעלע און זייער גליק איז אויסגעשמידט.

און דער וואַלד האָט אַ גאַנצען טאָג געזונגען. עס האָט דאַן אויסגעדוכט, אַז די גאָלדענע צוקונפט איז שוין געקומען: צווישען באַגילטע סאָסנעס און באַזילבערטע בזשאָזעס האָבען שפּאַצירט היבע, שלאַנקע פרויען אין ווייסע דורכזיכטיגע קליידער. אין אַ זיסער מידקייט פלעגען זיי צופאַלען צו די בוימער, מיט איין אַקסעל זיך אָנשפּאַרען און רוען... עס האָט נאָר געפעלט אַ האַרפע אין האַנט און אַ לאָרבער-קראַנץ אויפ׳ן קאָפּ. דאַן וואָלטען זיי טאַקע אויסזען ווי אמת׳ע געטינס.

די מענער פון דער קליינער געזעלשאַפט פלעגען בייטאָג זיך זעלטען באַווייזען: איינער האָט געמאָלט, דער צווייטער פלעגט אַוועקגיין נאָך פיש צום טייך, דער דריטער פלעגט אַרבייטען אין זיין צימער און אַזוי פלעגט מען זיי ווייניג אָנזען.

פאַרנאַכט פלעגען זיך אַלע צונויפקומען, דאַן, ווען די בוימער פלעגען זיך אָנצינדען אין רויטען זון-פייער. די פרויען פלעגען זיי אַרויסגיין אַנטקעגען און שמייכלען און זינגען... דאָס האָט געזונגען די צייטיגע ליבע.

און בליקען שעמעוודיגע פלעגט איינער אויפ׳ן צווייטען ווארפען. וואָס נענטער די נאַכט, אַלץ דרייסטער די בליקען.

בלויז איינע, די מיט די בלויע אויגען, זי איז ווידער אומעטיג געוואָרען און שווייגענדיג.

ביי נאַכט. די לבנה שווימט איבער׳ן וואַלד. זי באַהאַלט זיך. בלויז זילבערנע פאַסען פאַלען אַראָפּ און קריכען אַרום ווי שלאַנגען פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען. דער אַלטער בעל-הבית איז שוין פון לאַנג געגאַנגען שלאָפען. ביים געזעגענען זיך האָט ער געזאָגט צו זיינע געסט:

—שפילט זיך, קינדער, נאָר ווייט פאַרבלאָנדזשעט נישט אין וואַלד!..

די וואַראַנדע פון ווייסען הויז בלייבט ליידיג. אַלע זיינען ערגעץ פאַרשוואונדען, נאָר אָט קומט אַרויס די שיינע, די איינזאַמע. זי קוקט זיך אַרום. וואו זיינען זיי אַלע? אַן אומפאַרשטענדליכע איינפערזוכט צינדט זיך אָן אין איר ברוסט.

און ערגעץ נאָנט זיפצט אַ נאַכט־פויגעל. אַ גריל זעגט מאָנאָטאָן די סעקונדעס פון לעבען... כאַ, כאַ, כאַ... עמיץ לאַכט מיט תאוה און באַלד ווערט ווידער שטיל.

פון גאַנצען וואַלד ווייעט מיט סודות און ליידענשאַפט, דאָס האַרץ פון דער פרוי נעמט קלאַפּען...

די נאַכט פאַרשפרייט אַזוי פיל געהיימניס אין וואַלד. יעדער שאָרך איז אַ סוד... ווער גנב׳עט זיך דאָרט? ווער האָט עס אָנגערירט אַ בלעטערדיגען צווייג, וואָס האָט פּלוצלונג גענומען רוישען? עס קלאַפּט דאָס האַרץ ביי דער איינזאַמער. זי אָטעמט איין דעם סמאָלע־ריח פון די סאָסנעס און דערפילט זיך אַזוי פריש, אַזוי מונטער. זי פאַרלאָזט די וואַראַנדע און גייט אַוועק צום טייכעל.

די פאַליעס לויפען איבער די שטיינער און שטיינדלעך רוישען און רופען. זי זעצט זיך אַוועק און שפּיגעלט זיך אין וואַסער. זי וואַרפט קליינע שטיינדלעך אין טייך, ווי זי וואָלט מיט עפּעס ווען וועלען פאַרטרייבען דאָס געפעל פון איינזאַמקייט.

נעבעלדיג דערמאָנט זי זיך וועגען חתן, וואָס האָט שוין די זאַפט פון אירע ליפּען אויסגעזויגען מיט זיינע קושען.

ער אַרבעט דאָרט, ער ליידט און גרייט צו פאַר איר אַ גאָלדענע צוקונפט. אָך, ווען וועט שוין די צוקונפט קומען. זי איז אים מוחל די שיינע צימערען, מיט די בילדער אויף די ווענט, מיט די טייערע מעבעל. זי דאַרף נישט קיין דינסטען... די צוקונפט, די גאָלדענע צוקונפט... צום ערשטען מאָל פרעגט זי ביי זיך, צי עס לוינט אַוועקגעבען די בליענדע געגענוואַרט פאַר דער אומבאַוואוסטער צוקונפט?..

דאָס טייכעל הויבט אָן שטאַרקער צו רוישען. ווי גיך, ווי גיך

די באַזילבערטע פּאַליעס אַנטלויפן און אַזוי אַנטלויפן די בעסטע טעג.

די לבֿנה גיט זילבער פאַר יעדן שטיינדעל, וואָס וואַשט זיך פון די פּאַליעס. די נאַכט גיט דופט און וואַרעמקייט פאַר יעדער בין, פאַר יעדן גרעזעל. כּאָטש שלאָפט אַרום, דאָך רופט אַלץ צום לעבן, צום לעבן.

די פרוי רוט נישט. די האָר ביי איר צעפּאַלען, די הענט שטרעקן זיך אומזיסט אויס צום פאַרשאָטענעם שטח. קיינער, קיינער איז דאָ מיט איר נישט צוזאַמען. זי איז אַליין.

זי שפּרינגט פּלוצלונג אויף פון אָרט, די איינזאַמע, די שיינע. זי קוקט אַריין טיף-טיף אין וואַלד, דאָרט אַהין, וואוהין אַלע באַקאַנטע זיינען אַוועק. זיי וועלן קומען צוריק צום גראַען לעבן. זיי וועלן דאָך אָבער האָבן וואָס צו דערמאָנען, און זי...

עס פאַלן טרערן אין טייכעל. עס שוועבט אַ זיפץ אין וואַלד און די אַלטע ביימער הערן אַלצדינג אויס, זיי האָרכן אויך, ווי טיף אין וואַלד סוד'ען זיך פאַרליבטע...

דער שוואַרצער הירש.

ביי דעם שויעל פון די הויכע טאַטרעס, וואו די פאַליעס פון וויכסעל ליפען שוין פיל ברייטער און לאַנגזאַמער, זיינען נאָך דאַן געדיכטע, אוראַלטע וועלדער געווען.

פיל ווילדע חיות האָבען דאַן געלעבט אין די וועלדער. פון צייט צו צייט אָבער פלעגט דער מענש אַראָפּקומען און פאַרהילכען דעם וואַלד מיט זיין שופר-שאַלען און דערשרעקען דעם וואַלד מיט זיין בלוטדורשטיגקייט און לוסטיגקייט.

מיט טויזענט יאָר צוריק, אין דער ריטער-צייט, איז דאָס געווען.

אַ מחנה יעגערס זיינען פאָראויס געפאָרען. נאָך די יעגערס האָבען געריטען דאַמען, באַגלייט פון זייערע קאַוואַלערען. דאָך איינציגווייז זיינען די יעגערס פון די פערד אַראָפּגעשפרונגען, ווייל דער וואַלד איז אַלץ געדיכטער געוואָרען. מען האָט געמוזט די פערד פאַר'ן צוים פירען.

די לעצטע איז אַראָפּגעשפרונגען פון איר ברוין-ווייס געפלעקטען פערד די שלאַנקע לילי. איר קאַוואַלער, דער יונגער פאַן טאַרלאָ, האָט נישט באַוויזען זי אונטערצוכאַפּען. ער איז צוגעשפרונגען צו שפּעט און לילי האָט דערביי נישט ווילענדיג אַראָפּגעוואָרפען דעם הוט פון זיין קאָפּ.

די פרייליכע געזעלשאַפט האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. פאַן טאַרלאַ האָט אַ בייזען בליק געוואָרפען און זיין האַנט האָט ער באַלד אויף דער שפאַגע אַרויפגעלייגט. דאָס האָט געווירקט:

אויגענבליק זייגען אַלע שטיל געוואָרען.

מען איז געגאַנגען ווייטער; די יעגער-הינט האָבען ערגעץ ווייט געבילט, ערגעץ־וואו האָט אַ שופר געשאַלט.

מען האָט געזוכט אַ פוקס מיט שוואַרצען סאַמעט-פעל, אַ מין, פון וועלכען עס זייגען געבליבען געציילטע עקזעמפּליאַ-רען אויף דער וועלט.

די שענסטע און העדלישסטע ריטער פון דער אומגעגענט האָבען אָנטייל גענומען אין דער יאַגד, ווייל...

ווייל די פעל האָט געזאָלט זיין אַ מתּנה פאַר דער שיי-נער לילי.

און דער, וועמעס קויל עס וועט אַוועקלייגען דעם פוקס, יענער מעג האָבען האָפנונג: לילי בלייבט נישט גלייכגילטיג צום העלד, צום באַזיגער.

קיינער ווייס נישט, וואו זי איז געבוירען געוואָרען, פון וואַנען זי שטאַמט, ווער זייגען אירע עלטערן? מיט עטליכע יאָר צוריק איז דער אַלטער פירשט אַפּאָלסקי געקומען פון רוים פרי-ער ווי אַלע יאָר. ער האָט מיטגעבראַכט אַ יונגע פרוי.

דער פירשט האָט באַפוילען, דאָס אַלע זאָלען זי רופען: „די פירשטין", נאָר זי, לילי, האָט געלאַכט פון דעם טיטול:

—מיין נאָמען איז לילי, און שטענדיג וועט מען מיך אַזוי רופען.

די גאַנצע געגענט אַרום האָט גערעדט פון איר שייבקייט און פון אירע אַוואַנטורעס.

אין גיכען איז דער פירשט קראַנק געוואָרען און איז גע-שטאָרבען. איינער דעם צווייטען האָט אַ סוד איבערגעגעבען:

—לילי האָט אים פאַר זיינע חסדים אין גן-עדן אַוועק־געשיקט...

לילי, לילי...

זי איז רייך און שיין געווען, און יונג, און ווילד.

זי איז געהאָרען די הערשערין פון צענדליגער שלעסער, פון

ווילדע, אוראַלטע וועלדער, בערג און טייכען, זי האָט איר רייכ-
קייט נישט געציילט, נישט געמאָסטען, ווייל עס האָט איר איצט
אויסגעדוכט, אַז די גאַנצע וועלט איז פון היינט אָן אירע. קיין
גרעניץ נישטאָ. וואו זי וויל, וועט זי גיין, וואָס זי פאַרלאַנגט וועט
זי נעמען.

זי איז אַליין געווען אַ שטאַרקע און האָט ליב געהאַט
שטאַרקע מענשען אַרום זיך.

אירס אַ פאַרלאַנג, אירס אַ קאַפּריז האָט געמוזט ערפילט
ווערען.

ווי אַ קעניגין האָט זי געטיילט חסדים און שטראָף. און פלוצ-
לונג פלעגט זי זיך וואַרפען צו ווענען מיט איר פייערדיגער ליבע און
פאַרגעסען אַלעמען און אַ קנעכט ווערען פון געפיל, פון ליידענשאַפט.

איצטער האָט זי זיך פונאַנדערגעלאַכט, הויך, אויפ'ן קול.
איר געלעכטער האָט זיך צעגאָסען איבערן וואַלד אין אַ דרייפאַ-
כיג עכאָ. אַ גרויסער ווייסער פויגעל האָט פאַרלאָזען זיין נעסט
און איז ערגעץ פאַרשוואונדען געוואָרען. אַ וועוויאָרקע איז אַראָפּ-
געפאַלען פון אַ צווייג און איז אַנטלאָפען געשווינד. איין ריטער
האָט פון אַן אומפאַרשטענדליכער סבה אַ ציטער געטאָן, די איבע-
ריגע האָבען זיך איבערגעקוקט: „לילי לאַכט".

יעדערער וואָלט וועלען מיט וואָס עס איז איר צופרידען
שטעלען, איין פאַן טארלא קוקט אויף זיין יפת-תואר מיט רו-
איגקייט, מיט האַמנונג, ער איינער באַדאַרף זיך נישט חנפ'נען צו
איר: זי איז זיינע, ער — אירער.

אָט קושט ער זי פאַר אַלעמען אין די אויגען און זאָל ווער
אַ צווייזייטיגען שמייכעל טאָן, דאַן ליגט פאַן טאַרלא'ס האַנט
אויף דער שפּאַגע.

ער איז אַ בייזער און אַ היציגער און שטאָלץ איז ער
פון לילי'ס ליבע.

„לילי לאַכט".

—וואָס לאַכסטו, לילי? שיינע לילי!

—איך בין מקנא דעם פוקס, וואָס פאַרנאַרט אונז און פאַר-

פירט אונז אַלץ טיפער אין וואַלד אַריין.

באַלד האָבען זיך דערהערט שטימען:

— מיר וועלען אים כאַפּען, זיין פעל וועט פאַרדעקען דיינע שיינע אַקסלען, לילי! הערשערין אונזערע...

—נו, גוט. דערווייל אָבער דאַרף מען טראַכטען פון פּריקטיק. זי האָט נישט פונאַנדערגעזאָגט, נישט באַפוילען, אָבער די דינער זיינען שוין געלאָפען ערפילען איר פאַרלאַנג.

שופרות האָבען כסדר געשאַלט, פון אַלע זייטען וואַלד זיינען אָנגעקומען די אויסגעהונגערטע יעגערס. אַ שטיק וואַלד איז געוואָרען אויסגעהאַקט און אויפ׳ן פרייען פּלאַץ האָט זיך די געזעלשאַפט פריילִיך פאַרבראַכט.

מענשען, פערד און הינט אין ווילדען וואַלד. ווייט, ווייט האָט אָפּגעקלינגען דאָס לאַכען פון דער יונגער לילי, זי האָט איצט אויסגעזען ווי אַ געטין; פאַן טאַרלא איז פאַר׳שכור׳ט פון אירע בליקען.

אָט שטייט ער אויף, ער וויל באַגריסען זיין געליבטער מיט׳ן בעכער וויין אין האַנט. אַלע ווערען שטיל. ווער פון נייגעריגקייט, ווער—פון שרעק: פאַן טאַרלא איז אַ שטרענגער, מיט אים טאָר מען זיך נישט שפּילען.

נאָר אין דעם מאָמענט, ווען עס ווערט שטיל, דערהערט זיך אַ נאָענטער רויש צווישען די געדיכטע בוימער, פּונקט ווי אַ חיה וואָלט זיך צו׳גנב׳ענען.

די יעגערס שפּרינגען אויף פון זייערע ערטער מיט די ביקסען אין די הענט.

עס איז אָבער נישט נויטיג:

פון די קוסטעס איז אַרויסגעשפּרונגען אַ מענש באַוואָפענט מיט אַ קליינעם ביקס. ער האָט זיך פאַרנייגט אין דער צייט, ווען דער עולם האָט זיך באַרואיגט און יעדערער האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ.

עטליכע פון די יעגערס האָבען אים דערקענט און זיי האָבען אויסגעשריען:

— דער „שוואַרצער הירש", דאָס איז דאָך דער „שוואַר-

צער הירש׳!

ער איז טאַקי ענליך געווען מיט זיינע הויכע פיס צו אַ הירש, זיין געווייכט און די הענט זיינען געווען פאַרברענט פון דער זון און עס האָט אויסגעזען ווי אַ שוואַרצער שטאָל.

לילי האָט זיך ווידער פונאַנדערגעלאַכט:

— מיר האָבען אַ פוקס געזוכט און אַ הירש איז געקומען.

דער ביי־אָנגעקומענער האָט זיך טיף פאַרנייגט:

— געשעצטע פרוי! געשעצטע יעגערס! דעם פוקס, וואָס איר זוכט, וועט איר שוין איצט נישט געפינען... די חיה איז זעהר קלוג: עס האָט דערשפּירט, אַז מען זוכט עס, און עס איז פאַרשוואונדען געוואָרען פון דעם געגענט. איך האָב דעם פוקס מיט אַ טאָג פריער געזען אין וואַלד, איך האָב אים לייכט געקאָנט אַוועקלייגען, נאָר איך טויט בלויז די חיות, וועלכע זיינען מיר נויטיג צום לעבען, דער פוקס איז מיר נישט נויטיג געווען...

ער איז שטיל געוואָרען, דאַן האָבען די יעגערס ביי אים געפרעגט:

— און זיין פעל, דאָס טייערע פעל? די מתנה פאַר לילי׳ן?

— איך שענק נישט קיין מתנות...

לילי האָט אים די גאַנצע צייט אָנגעקוקט. דערנאָך האָט זי אים פאַרבעטען צום פרישטיק. ער האָט זיך אָנטזאָגט און איז אַוועק.

עטליכע פאַרטרויטע לילי׳ס קנעכט זיינען אים נאָכגעגאַנגען: לילי האָט באַפוילען, זיי זאָלען אים פאַרהאַלטען ביז נאַכט.

אין דערדאָזיגער נאַכט איז פאַן טאַרלא געווען אומרואיג און בייז: לילי מיט אירע פאַרטרויטע דינער זיינען ערגיץ פאַרשוואונדען געוואָרען.

און אין צווייטען זייט וואַלד, אויף אַ בערגעל, וואו די בוימער זיינען שיטער געווען, אַזוי אַז מען האָט געזען אַ סך שטערען אין דער טונקעלער בלויקייט פון הימעל,—דאָרטען איז

איצט געשטאַנען לילי נעבען דעם „שוואַרצען הירש" און צו אים גערעדט:

— איך האָב געהערט פון דיר מאָדנע זאַכען: דו לעבסט אין וואַלד און אויף די בערג, ביזט פלינק ווי אַ הירש... פון מענשען אַנטלויפסטו, נאָר, אַז דיר געפעלט וועו אַ פרוי, צי אַ טאָכטער פון די בערג-לייט, באַפאַלסטו דאַן דיין קרבן, ווי אַן אָדלער באַפאַלט אַ קליין שעפסעלע, און דו אַנטלויפסט אין וואַלד מיט דיין אויסגעקליבענער.

— יאָ, עס איז אַזוי! — האָט דער „שוואַרצער הירש" געענטפערט...

— אפשר איז דער גורל שוין געפאַלען אויף מיר? דו זעסט אין בין שיין... און דו געפעלסט מיר שטאַרקער פאַר אַלע מיינע ריטער... דיינע הענט זיינען ווי פון שטאָל, דיין בליק איז אַן אָדלער-בליק... ענטפער מיר, שוואַרצער הירש...

און שטייענדיג אָנגעשפאַרט נעבען בוים, האָט דער „שוואַרצער הירש" געענטפערט:

— דו געפעלסט מיר שוין פון לאַנג, לילי! איך זוך דיך שוין פון לאַנג... נאָר איצטער האָסטו מיך געפאַנגען און מער פאַר אַלץ האָב איך ליב די פרייהייט. דיינע קנעכט האָבען מיך געהיט אַ גאַנצען טאָג און איבער דער צייט האָב איך שוין פעסט באַשלאָסען: איך וועל זיך נישט אונטערגעבען, איבער מיר וועסטו נישט הערשען, איך האָב ליב די פרייהייט מער פאַר אַלץ. נישט איך דיך, דו האָסט מיך געפאַנגען.

זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים אירע אָרעמס:

— שטויס מיך נישט אָפּ, צום ערשטען מאָל בין איך אונטערטעניג, אין דער פרי וועסטו זיין פריי, ווי ביז אַהער.

— ניין, שיינע לילי! דער פרייער וואַלד, מיין פריינד דער וואַלד וועט מיך מער נישט צונעמען אין זיינע געהיימע געצעלטען, די פויגלעך וועלען מער מיין שטאָלץ נישט באַזינגען.

— אָבער, וואָס פאַרלאַנגסטו, ווילדער מענש, איך וועל דיר אַלץ געבען.

— באַפעל דיינע קנעכט, וואָס זיינען דאָ אַרום באַהאַלטען,

זיך פונאַנדערצוגיין, און דו אַליין קער זיך אום צו דיינע ריטער און וואַרט, אפשר וועל איך ווען קומען און דיך באַזיגען.

אַ גלייכקייט האָט פאַרגאָסען לילי'ס פּנים. צום ערשטען מאָל האָט זי געהערט אַזעלכע ווערטער. זי האָט זיך געשטאַרקט:

— נו, זאָל זיין אַזוי, וויך וועל דיך פאָלגען, אָבער ערלויב מיר פאַרן אַוועקגיין דיך אַ קוש געבען.

זיין פעסטע האַנט האָט זי אָפּגעשטויסען.

אין דעם מאָמענט האָט אַ בליץ געטאָן אין לילי'ס האַנט אַ קליינער שפּיז און דער „שוואַרצער הירש" איז געפאַלען אויף דער ערד:

— אויב נישט מיט מיין שיינקייט, וועל איך דיך מיט מיין שווערד באַזיגען.

— אַך, ווי שיין דו ביזט איצטער, לילי! פיל שענער, ווי פריער. אַך, לילי! ביזט אַ טיגער און גליקליך דאַרפען זיין די, וואָס באַזיגען דיך...

— דו האָסט דאָך מיך געקאָנט באַזיגען, „שוואַרצער הירש!" זאָג איין וואָרט, איך וועל צונויפרופען מענשען, מען וועט פאַרהאַלטען דאָס בלוט, וואָס פליסט פון דיין וואונד, זאָג איין וואָרט, מען קען דיך נאָך רעטען...

— באַפעל דיינע קנעכט, וואָס זיינען דאָ אַרום באַהאַלטען, זיך פונאַנדערגיין, און דו אַליין קער זיך אום צו דיינע ריטערס... איך האָב ליב די פרייהייט.

ביי די ווערטער איז ער געשטאָרבען.

אין דעם שענסטען גאָרטען פון לילי'ס שלעסער איז פון דעמאָלט אָן אַ גרויסאַרטיגער מאָנומענט געשטאַנען, און גאַנץ אָפט ביינאַכט פלעגען די שטערען זען אַ זינדיגע פרוי, וואָס פלעגט קומען פאַרשלייערט און לאַנג, לאַנג קניען ביי דעם מאָנומענט...

אויפ'ן בית-עולם.

מער טו איך עס נישט... נאָר דעמאָלט, ווען די קליינע שטיפּעטקע אירקע האָט אַ פרעג געטאָן:

—„ווער פון אייך וועט גיין איצט אויפ'ן בית-עולם אַליין?"

האָב איך דער ערשטער אַ געשריי געטאָן:

— איך...

און וואָס איז דאָרט פאַראַן מורא צו האָבען? די טויטע זיינען דאָך טויט און אין קיין שדים גלויב איך נישט, דעם קאַזמערזשער בית-עולם קען איך גענוג פון מיינע בייטאָגיגע שפּאַצירען. בין איך געגאַנגען אַליין אויפ'ן בית-עולם אין אַ טונקעלער אלול-נאַכט.

אודאי האָב איך זיך געוואָלט אויספּיינען פאַר אירקען. איך לייקען דאָס נישט אָפּ, די איבעריגע מענער פון אונזער געזעלשאַפט זיינען געבליבען שטיין און זיי האָבען נאָך מיר אָפּגערעדט. איינער האָט געזאָגט, אַז מען באַדאַרף זיך נישט שפּילען אין העלדישקייט. דער צווייטער האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט אַמאָל געלייענט, דאָס איינער איז פון אַזאַ העלדישקייט משוגע געוואָ-

רען. איין אירקע, וועלכע האָט זיך מער פאַר אַלעמען געשראָקען פאַרן בית-עולם, האָט זיך אָנגערופען צו מיר:

— איר האָט געגעבען אייער וואָרט...

— גוט!...

מען האָט מיר געשטעלט אַ באַדינגונג: איך באַדאַרף זיצען אויפ׳ן בית-עולם, ביז וואַנען מען וועט מיך נישט אָנרופען מיט׳ן נאָמען. און רופען מעג מיך בלויז אירקע, זי האָט קיין אַנדערן נישט געטרויט.

איך האָב פלינק איבערגעקלעטערט דעם פאַרקאַן און געבליבען אַליין אין דער פינסטערניש. הינטער דעם פאַרקאַן, האָב איך געהערט, ווי עמיצער האָט אַ לאַך געטאָן, באַלד איז שטיל געוואָרען, די אויגען מיינע האָבען זיך אַ ביסעל צוגעוואוינט צו דער פינסטערניש. איך האָב גענומען שפּרייזען.

דער קאַזמערזשער בית-עולם איז שוין אַלט עטליכע הונדערט יאָר. ער איז זעהר פאַרלאָזען, פאַרוואַקסען מיט ווילדע קוסטעס און אַלטע הונדערט-יעריגע, צעבראָכענע מצבות וואַלגערן זיך אונטער די פיס. איך בין געווען רואיג, זעהר רואיג, דער גאַנצער שרעק פון איצט איז דאָ גאָרנישט געווען.

מיט אַמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז עמיצער גייט מיר נאָך. איך האָב אַ ציטער געטאָן. אין דער אמת׳ן איז דאָס געווען אַ בוימעל, וואָס דער ווינט האָט אַ בויג געטאָן, אין דער נאַכט האָט עפּעס אַ נאַכט-פויגעל אַ קוויטש געטאָן,—ווידער אַ ציטער. ווער איך אויף זיך אין כעס און שריי צו זיך אויס:

— זאָלען אַפילו צוואַנציג מתים אַרויסגיין אַנטקעגען און טאַנצען, וועל איך זיך נישט דערשרעקען. האָט מיין געדאַנק נאָר דערמאָנט דאָס וואָרט „מת״, האָב איך זיך שוין באַלד פאָרגעשטעלט אַ סקעלעט מיט אַ צובראָכענעם שאַרבען... לאַך איך צו זיך אַליין און שרעק זיך אַ ביסעל... דער סקעלעט גייט נענטער, שטרעק איך אויס מיין האַנט און רוף אויס:

— שלום עליכם!

נעמט דער גאַנצער בית-עולם לאַכען, פון אַלע זייטען באַווייזען זיך מתים, איך ווייס דאָך, אַז דאָס אַלץ איז אַ האַלוצי-

נאַציע. נאָר אָפּטרייבען פון זיך די שרעק האָב איך שוין קיין כח נישט, איך וואָלט זעהר וועלען מען זאָל מיר שוין אַ רוף טאָן, וויל איך שוין גיין נענטער צום פּאַרקאַן, און דאָרטען וואַרטען. דערזע איך, אַז איך האָב פאַרבלאָנדזשעט. אַ קאַלטער שווייס באַגיסט מיר און וועלענדיג גיין ווייטער, שטויס איך זיך אָן אָן אַ בוים און צוקלאַפּ זיך דעם קאָפּ...

איך וויל אַ געשריי טאָן, נאָר אירקע מיט אירע שעלמישע אויגעלעך נעמט שוועבען פאַר די אויגען.

— שעמט זיך.

— וואָס האָב איך מורא? בייטאָג האָב איך נישט איינמאָל שפּאַצירט און געלייענט די מצבות. דער גאַנצער שרעק מיינער קומט דאָך נאָר דערפון, וואָס די זון איז אַוועק און די נאַכט האָט אַלץ צוגעדעקט, בלויז דערפון. נישט דער טויט מיט די סקעלעטען שרעקען מיך, נאָר די פינסטערע נאַכט...

פּלוצלונג רופט מיך ווער, אָבער נישט פון דאָרטען, נישט מיינע חברים מיט אירקען, דאָ נאָנט שעפּטשעט ווער צו מיר.

איך הער מיין נאָמען, מאַך איך צו די אויערן. איך הער אָבער ווידער מיין נאָמען...

אַלץ ננבי'ישער און זיסער שעפּטשען צו מיר הונדערטער, הונדערטער שטימען און נענטער, נענטער... האַרטע, ביינערנע הענט נעמען מיך, גלעטען און שטעכען און האַלזען...

איך האָב דערזען מיט אַמאָל אַלע געשטאָרבענע דורות. אַלטע און יונגע פאַרשטאָרבענע, איך האָב דערזען, ווי הונדערטער מענשען ראַנגלען זיך מיט'ן טויט און הונדערטער לויות; געוויינען, געשרייען. איך האָב דערזען אָפענע קברים מיט צעפוילטע צעפאַלענע קערפּער און ביינער, ביינער, ביינער... פון אַלע קברים איז איין גרויסער קבר געוואָרען, פון אַלע געשרייען אַ גרויסער ווילדער יאָמער...

איך האָב גענומען לויפען אין דער פינסטער, איך בין געפאַלען און ווידער געלאָפען, צעהאַקט און פאַרוואונדעט די הענט און די פיס, איך בין געלאָפען צום פאַרקאַן, איך האָב דעם וועט פאַרשפּילט, איך וויל דאָ נישט אויסזיצען מיין צייט. איך האָב

שוין געגומען אַריבערקלעטערען דעם פּאַרקאַן, האָב איך דעמאָלט דערהערט ווי מיין קליינער טייוועל אירקע רופט מיך מיט איר שטימע...

—קומט אַרויס, שוין גענוג מיט די מתים, קומט צו די לעבעדיגע.

איך האָב זיך אַ ביסעל באַרואיגט, גענומען לאַנגזאַמער קריכען איבערן פּאַרקאַן. מיינע באַקאַנטע האָבען מיך אָפּגעוואַרט און באַגריסט מיט פריילליכע געשרייען.

פון מיין שרעק האָבען זיי נישט געוואוסט, זיי האָבען אויך נישט געוואוסט, פאַרוואָס איך האָב געאיילט אַהיים.

איך בין געלאָפען באַטראַכטען מיינע וואונדען אויפ'ן קערפּער און זיי אַרומבינדען, און באַשלאָסען האָב איך, נאָכאַמאָל עס נישט צו טאָן...

איינער פון ארקעסטער.

עס האָט אַזוי פּאַסירט: איינער פון אָרקעסטער איז געבליבן נאָכ'ן קאָנצערט אונטער דער סצענע, און איידער ער האָט זיך אָריענטירט, איז דאָס ליכט פאַרלאָשען געוואָרען און ער האָט לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט אין דעם פינסטערן, ליידיגען זאַל. ער האָט געזוכט און געפונען סוף-כל-סוף אַן עלעקטרישע קנאָפּקע. אין זאַל איז ליכטיג געוואָרען. אין לאַנגע-לאַנגע רייען זיינען געשטאַנען הונדערטער שטולען, סימעטריש, ווי סאָלדאַטען. די גרויסע לאָמפּען האָבען ווידער באַלויכטען יעדעס ווינקעלע. פון די ווענט האָבען אַראָפּגעקוקט די בילדער פון באַרימטע מוזיק-מייסטער.

דער פאַרשפּעטיגטער מיטעליעריגער פידעל-שפּילער האָט איצט דורכגעלעבט אַ מאָדנעם געפיל, אַ געפיל פון אַ הייליגען, ווען ער בלייבט אַליין אין טעמפּעל.

דאָ, אין דעם זאַל, זיינען אַוועק זיינע בעסטע יאָרען. זיין יוגענט האָט זיך אים איצט דערמאָנט. מיט צוויי צענדליג יאָר צוריק איז ער דאָ געשטאַנען צום ערשטען מאָל אויף דער סצענע,

אינמיטען דער סצענע שטייט אַ שמאָלער פּיעדעסטאַל, צוויי טרעפּ די הויך. אויף דעם דאָזיגען פּיעדעסטאַל, וואו סאַראַסאַטע, יאָאַכים און די איבריגע וועלט-ווירטואזען האָבען געשפּילט, איז ער אויך איינמאָל, בּלויז איינמאָל געשטאַנען אין זיין לעבען. הונדערטער הענט האָבען זיך דאַן צו אים געצויגען, הונדערטער פרויען האָבען מיט די אויגען צום יונגען בחור'ל געשטראַלט, מיט בלומען האָט מען אים פאַרשאָטען... דאָס איז געווען דער שענסטער און איינציגסטער מאָמענט אין זיין לעבען. ער האָט אויסגענומען. זיין סאָלאָ־אַרויטרעטען אין געווען אַ פּראָבע און מען האָט אים דאַן צוגענומען אַלס ערשטע פידעל אין גרויסען בּאַרימטען אָרקעסטער.

אַ יאָר איז אַוועק, צוויי יאָר... און ער איז ווייטער נישט געגאַנגען. עפּיס איינער אַ פּראָפעסאָר, וואָס צו זיין מיינונג האָט מען זיך שטאַרק צוגעהערט, האָט פון אים נישט געהאַלטען. צי דאָס איז געווען אַן איבערצייגונג אָדער בלויז אַ קאַפּריז פון אַ פּאַן-קענער... נאָר די איבריגע לערער און קריטיקער האָבען זיך שוין אויך נישט אַזוי שטאַרק געפרייט מיט'ן נייעם שטערן: אַנדערע האָבען טאַקע איינגעפונען, אַז דער טאָן איז ביי אים צו-שוואַך, די צווייטע האָבען געהאַט דערביי זייער פּערזענליכען חשבּון: מען האָט נישט געוואָלט אויסהאָדעווען אַ נייעם קאָנקורענט. אָט אַזוי איז ער געבליבען זיצען אין אָרקעסטער. צום אָנפאַנג אין דער ערשטער ריי, שפּעטער אין דער צווייטער, ביז מען האָט אים אַזוי פאַרשטופּט אויף איינעם פון די לעצטע פּלעצער. פאַר דער צייט זיינען נייע קינסטלער אויפגעוואַקסען, נייע נעמען... פאַר אים אין די אויגען זיינען אַנדערע מיט ווייניגער טאַלענט גרויס געוואָרען.

אין דער צייט, ווען ער פלעגט זיצען און שפּילען אין אָרקעסטער, פלעגט פיל מאָל טרעפען, אַז אַ בּאַגייסטערונג פלעגט אים אַרומכאַפּען, נאָר זיין שפּילען האָט קיינער נישט געהערט: געשפּילט האָט דער אָרקעסטער. די גאַנצע סימפאָניע. אָבער ער אַלס בּאַזונדערער מענש מיט זיין פידעל און נשמה האָט דאַן נישט עקזיסטירט. ער מוז פאָלגען דעם דיריגענט. נאָכ'ן קאָנ־

צערט פלעגט ער אַרויסגיין פון זאַל, די פידעל באַהאַלטען אין
שיידעל און די פאַרביטערונג — אין האַרצען. דער עולם שטייט
אויפ'ן גאַס און וואַרט אויפ'ן סאָליסט, כדי אים ווידער צו באַ-
גריסען מיט בראַוואָ-געשרייען, און אַז מען פלעגט אים, דעם
אומבאַוואוסטען, דערזען, פלעגט עמיץ פון עולם אַ זאָג טאָן: „דאָס
איז דאָך איינער פון אָרקעסטער און קיינער אינטערעסירט זיך
מיט אים נישט מער".

פאַר זיינעם אַ פריינד האָט ער זיך איינמאָל באַקלאָגט:

— ברודער, דו ווייסט נישט, וואָס דאָס איז פאַר אַ גיהנום:
פילען, זיין טויזענט מאָל איבערצייגט, אַז דו האָסט אַ נשמה און
דערביי זען ווי די אומגערעכטיגקייט זיגט... איך ווער דאָ דער-
שטיקט אין אָרקעסטער... אָט גיב אַ קוק: אַ בלינדער איז אַרויף
אויף דעם הויף. אָט שפּילט ער אויף זיין הייזעריגער פידעל. ער
שפּילט און אים אַליין הערט מען. דינסטען און קינדער
באַווייזען זיך אין פענסטער, אַנדערע ווייבען... איך בין אים מקנא,
אויב ער פילט נאָר, אַז זיין שפּילען ווירקט, דאַן גרייט ער
זיך נישט בלויז מיט די פּאָר גראָשען, וואָס ער באַקומט; זיין
פידעל טרייסט אים אויך... אָבער מיר, מיר מענשען פון אָרקעס-
טער, מיר, וואָס מוזען פאָלגען דעם דיריגענט, מיר זיינען אומ-
גליקליך, אויב מיר פילען נאָר די סטרונעס פון אונזערע אייגע-
נע נשמות".

ער האָט קיין טרייסט פון קיינעם נישט געוואַרט, און זיך
האָט ער באַהאַלטען זיין ווייטאָג און זיין שטאָלץ און געפאָלגט
האָט ער דעם שטעקעלע פון דיריגענט.

ער איז איצט געשטאַנען אויף דער סצענע און געטראַכט
פון זיין פאַרגאַנגענהייט, פון זיין נישט פרייליכען איצט. די ביל-
דער פון בעטהאָווען און וואַגנער האָבען פון די ווענט אַראָפּגע-
קוקט. ער האָט באַטראַכט דעם נידריגען פּיעדעסטאַל, אויף וועל-
כען ער האָט אַמאָל זיין טריאומף דערגרייכט; אַ בלינדע קראַפט
האָט אים פון דאָנען אַראָפּגעטריסען און מער נישט אַרויסגעלאָזט.

שטיל אין טעאַטער. ערגעץ הינטער די קוליסען האָט אַ
מויז זיך געגראַבעלט, זיך שוין געוואָלט לאָזען אויף אַן אויספּאַר-

שונג אונטער די ליידיגע שטילען, נאָר דאָ איז עפּעס פאַרדעכטיג געווען. אין זאַל איז ליכטיג און אַ מענש שפּאַצירט אַרום אויף דער סצענע.

שטיל אין טעאַטער. אין גרויסען טעמפּעל קלאַפּט אַ מענשענס האַרץ, אין דער אַקוסטיק וועלען זיך באַלד אָפּגעבען די קלאַנגען פון אַ האַרץ...

ער האָט אַרויסגענומען זיין פידעל פון שיידעל. בלויז אויף אַ שפּאַס וועט ער אַרויפגיין אויף די פּאָר טרעפּלעך. ער וויל זיך דערמאָנען, ווי האָט ער דעמאָלט אויסגעזען, דאַן מיט צוואַנציג יאָר צוריק... ער איז געשטאַנען שטאָלץ, אויפגעהויבען דרייסט זיין קאָפּ און געקוקט אויף די ליידיגע שטולען. פּלוצלונג האָט ער שטורמיש אויפגעהויבען די האַנט מיט'ן סמיק און אַ פּאָר געטאָן איבער די סטרונעס...

אין פּוסטען זאַל האָט עפּעס אויפגעציטערט. דער ערשטער קלאַנג האָט דעם פידעל-שפּילער געפּאַנגען, ער האָט זיך פאַרגעסען, וואו ער איז דאָ. פאַר די אויגען זיינען אויסגעוואַקסען מענשען: אַלע ערטער באַזעצט, אַלע קוקען אויף אים מיט באַגייסטערונג און ער שפּילט אַלץ העכער, שטאַרקער, שטורמישער...

דאָס איז געווען אַ געניאַלע אימפּראָוויזאַציע: ער האָט דערציילט פון זיין לעבען, פון זיינע פאַרלאַנגען, פון אַ יונגען אָדלער, וואָס בייזע יעגערס האָבען געפאַנגען. עס גייט אַ שלאַכט. ער פּאַטשט מיט די מעכטיגע פליגעל און רייסט זיך אַרויס, דער אָדלער.

אים, דעם קעניג פון די פעלזען, וויל מען אונטען אין טאָל אַראָפּברענגען, קינדער זאָלען זיך שפּילען און ריידען מיט אים, אין שטייג זאָל מען אים האַלטען.

עס גייט אַ שלאַכט, די אויגען וועט ער ביי די יעגערס אַרויסרייסען.

נאָר די קלאַנגען פאַלען נידעריג אַראָפּ. אָט אַזוי שפּילט מען אַן עלעגיע, אַ טרויער-ליד, דאָך ביים שפּילער פלאַקערט דאָס האַרץ פון באַגייסטערונג: באַלד וועט ער ענדיגען און בלומען וועלען זיך נעמען שיטען צו אים, מענשען וועלען פון די ערטער

אויפשפּרינגען און אים באַגריסען, באַלד, באַלד...

נאָר ער שפּילט זיך מיט זײַנע צוהערער, ביז זינלאָזיגקייט וועט ער זיי דערפירען, ווי אַ כשוף-מאַכער רייצט ער זיך מיט זיי, ווייזט זיי דעם וואונדער און וויל זיי אים אינגאַנצען נישט אָפּ-געבען. נאָך אַ טאָן, נאָך אַ קלאַנג, נאָך אַ טיפעניש זיי אויפדעקען, נאָך אַמאָל אַרויפפירען אויף אַ שפּיציגען באַרג ביז אונטער די הימלען.

און פּלוצלונג...

ער האָט געענדיגט. ברייט אויפגעעפענט די אויגען. ווי אַ משוגענער האָט ער איצט אויסגעזען אויף דער סצענע: קיינער אַפּלאָדירט נישט. די שטומע שטולען שטייען ליידיג. ער האָט זיך אין איין רגע אינגאַנצען אויסגעניכטערט פון חלום און ווילד גע-נומען לאַכען.

ער האָט זיך אַליין דערשראָקען פאַר זיין לאַכען. אין האַר-צען איז אַזוי שרעקליך ליידיג געווען. ער האָט געפילט, אַז נאָכאַמאָל אַזוי שפּילען וועט ער שוין נישט קענען: די פּוסטע ווענט מיט די ליידיגע שטולען האָבען צוגעמאַכט אינגאַנצען זיין נשמה.

דאָך אין אָרקעסטער וועט ער שוין מער נישט זיצען: ער האָט צעבראָכען זיין פידעל און איז אַרויס אויף דער גאַס, צום ערשטען מאָל איז ער אַרויס פון קאָנצערט-זאַל אָן אַ פידעל. איצט וועט שוין קיינער אויף אים נישט אָנווייזען: „איינער פון אָר-קעסטער!"

ער האָט נישט געוואוסט, וואוהין ער גייט. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער איז שוין פון לאַנג געשטאָרבען. דער הימעל איז טונקעל געווען און פון די העלע שטערען האָבען זיך שטראַלען געצויגען, פון איין שטערען צום צווייטען, פּונקט ווי זילבער-גאָלדענע סטרונעס, צאַרטע און פאַרבענקטע סטרונעס פון די איידעלסטע שפּיל-אינסטרומענטען...

אין שפּיטאל.

I

עס גייען טעג אַוועק אין הינער-פּלעט און אַט כאַפּ איך זיך אויף: אויפ׳ן בעט זיצט די „שוועסטער" און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אַריין, זי גלויבט נישט, אַז איך בין איצטער ביים זינען, און ווען זי דערהערט פון מיר אַ רואיג וואָרט, אַ קלאָר וואָרט, ציטערט זי אויף.

— שוועסטער!

— וואָס?

— וויפיל טעג האָט עס געדויערט?

— צוויי מעת-לעת...

— אײנגאַנצען? אַז חדשים, יאָרען...

מיר ביידע ווערען שטיל. דורך דער וואַנט קרעכצט אַ קראַנקער, אַ צווייטער שרייט מיט משונה׳דיגע קולות, אָבער דאָ איז עס אַזאַ געוויינליכע ערשיינונג, טאָג-איין, טאָג-אויס.

— שוועסטער!

— וואָס?

— איר ווייסט, וואו איך בין געווען?

—רעדט נישט, איר טאָרט קיין סך נישט ריידען.

—שוועסטער! איך בין געווען אין אַ מאָדנעם לאַנד, אין פערסיען, צי אין אינדיען. איך בין געשפּרונגען פון באַרג אויף באַרג, פון שפּיציגע פעלזען אין טאָל אַריין געשפּרונגען און אומעטום האָט מיר נאָכגעטאַנצט אַ קליין מאַלפּעלע... אומעטום, איר הערט, שוועסטער! טראַכט נישט, אַז איך רייד אויך איצט פון היץ. איך דערצייל אייך מיין חלום, עס האָט געדויערט עט-ליכע טעג.

—באַרואיגט זיך, רעדט נישט קיין סך...

—ניין, שוועסטער! איר מוזט מיך אויסהערען. פון וואַנען נעמען זיך עס אַזעלכע חלומות? בערג פּאַלמען, אוראַלטע צעדער-בוימער, און אומעטום דאָס קליינע מאַלפּעלע.

אויף אַ רגע איז זי פון מיר נישט אָפּגעטראָטען און עס דאַכט זיך מיר אַלץ, אַז זי וועט באַלד ווידער קומען.

די שוועסטער לייגט אַרויף די האַנט אויף מיינע מידע ליפּען און לאָזט מיך נישט ריידען מער.

שווייגען מיר ווידער אַ לייגגערע צייט.

—שוועסטער!

—וואָס?

—איך האָב געזונגען אין די צוויי מעת-לעת?

—כּסדר, איר האָט כּסדר געזונגען.

—דאָס האָב איך באַזונגען יענץ לאַנד, וואו איך האָב גע-וואַנדערט אין די צוויי מעת-לעת. אַ מאָדנע לאַנד. קיין איין מענש האָב איך דאָרטען נישט געזען. נאָר בערג און שטיינער, משונה'דיגע גרויסע בוימער מיט ווילד-פאַרפלאָכטענע צווייגען. קיין איין מענש נישט, קיין פויגעל, קיין חיה. נאָר אומעטום איז מיר דאָס מאַלפּעלע אַנטקעגען די אויגען געווען, וואו כ'פלעג זיך נאָר אָפּשטעלען, שפּרינגט צו מיר אַרויס פאַר די אויגען, שפּאַרט-אונטער מיט די עלענבויגענס דאָס מאָרדעלע און קוקט מיך אָן, קוקט מיך אָן.

II.

די „שוועסטער" איז זיכער, אַז איך רייד אויך איצטער פון היץ, אָבער איך דערצייל דאָך בלויז מיין חלום. איך וואונדער זיך, פון וואַנען נעמען זיך אַזעלכע חלומות.

דער עלטערער דאָקטאָר קומט אַריין. ער באַטראַכט מיך און פרעגט עפּעס ביי דער שוועסטער.

דערביי שאָקלט ער אַזוי האָפנונגסלאָז מיט'ן קאָפּ:

—ניין, דער וועט נישט אויסהאַלטען.

ביסלעכווייז דערפיל איך, אַז דאָס מיינט מען מיך: איך וועל נישט אויסהאַלטען. און אַ מאָדנער רחמנות צו זיך אַליין נעמט אַרום מיין גאַנצעס וועזען.

הער איך אויף צו ריידען און נעם ווידער טראַכטען וועגען טויט. איך בין פעסט זיכער, אַז איך וועל שטאַרבען און צו דעמדאָזיגען געדאַנק האָב איך זיך שוין צוגעוואוינט, איך בין שוין צוגעגאַנגען צו דער גרעניץ פון לעבען און דאָ איז מיין סוף. מערקווירדיג! איך טראַכט נישט פון דאָס, וואָס עס איז געווען—איך וויל בלויז פאָרשטעלען, ווי וועט אויסזען די וועלט אָן מיר, אָן מיר...

עפּעס האַלט איך זיך פאַר אַ גרויסען יחסן. יאָ! ווי וועט עס אַלץ אויסזען אָן מיר? אויף די זון וועלען קוקען מיט איין פּאָר אומעטיגע אויגען ווייניגער, איין ברוסט וועט אויפהערען צו אָטעמען און ווייטער וועט אַלץ זיין ווי געווען: בלומען וועלען האָבען זייער שטענדיגע פאַרב, עס וועט רעגענען, דונערן און טוי וועט פאַלען. נאָך מיר וועט אַלץ זיין ווי געווען. און איך? וואו וועל איך אַהינקומען? מיין פאַרלאַנג? און מיך דאַכט זיך, אַז דער פאַרלאַנג מוז בלייבען לעבען; ער איז שטאַרקער פאַר'ן בשר-ודם.

—שוועסטער!

—וואָס?

—איך רייד נישט פון היץ, איך בין איצט וואַך און ביים

זיגען. עס קאָן אָבער זיין, אַז אַ צווייטען מאָל וועל איך זיך שוין נישט אויפכאַפּען.

זי גלעט מיר דעם קאָפּ און בארואיגט מיך:

—דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, איר וועט געזונט ווערען.

—דער דאָקטאָר האָט עס שוין צו אַ סך געזאָגט און זיי זיינען געשטאָרבען, און איך וועל אויך שטאַרבען, און דערפאַר וויל איך אייך עפּעס בעטען.

אין דער רגע כאַפּט זיך אויף אין מיר די גאַנצע בענקשאַפט צום לעבען און פון פאַרצווייפלונג פאַרשליסען זיך מיר די ליפּען: איך וועל דאָך שטאַרבען—וואָס גייט עס מיך אַלץ אָן?

III.

עס איז שוין פאַרנאַכט. דער באַראַק, וואו איך ליג, שטייט אונטער'ן שטאָט אין אַ וואַלד. אויף די בוימער פלעכטען זיך רויטע סאַלאַמאַנדרעס, הויכע סאָסנעס, אייביגע גרינע סאָסנעס, שטייען און די פלאַמען און עס רירט זיי גאָרנישט.

דאָס גאַנצע לעבען אַרום איז אַזוי אַנגסטליך, אומעטיג, ווייל... ווייל ביי אונז אין באַראַק שטאַרבען יעדע שעה מענשען. יונג און אַלט. דער טויט קלויבט נישט איבער.

אָט קומט אַריין אַ צווייטע שוועסטער און זיי ריידען ביידע וועגען פאַרשיידענע זאַכען, דאָך יעדע רגע דערמאָנען זיי דעם טויט.

—דו ווייסט,—זאָגט איינע צו דער צווייטער—דער יונגעטשקער מיט'ן גלאַטען, איידעלען פּנים איז שוין געשטאָרבען, ער האָט זיך אַזוי געבעטען: „איך וויל לעבען, איך וויל לעבען"... אָט אויף דער האַנט האָט ער אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ און איז אויסגעגאַנגען... אַ שאָד, אַזאַ יונג לעבען...

נאָר באַלד פאַרגעסען זיי, די צוויי „שוועסטער", דעם יונגען בחור און נעמען ריידען פון עפּעס אַנדערש.

דערביי גיט איינע אַ וואונק צו דער צוויטער:

—„ער" איזביים זינען?

—ניין,—ענטפער יענע— ער רעדט די גאַנצע צייט פון היים, דערציילט עפּעס מאָדנע מעשיות מיט אַ מאַלפּע...

איך בין אָבער ביים זינען. איך קאָנטראָליר דאָס אַלץ, וואָס מיינע אויגען זעען:

אָט איז אַריינגעקומען דער סאַניטאַר. ער האָט געבראַכט אַן עמער מיט אייז און עס אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל. היינט וועט מען מיר ווידער אַ גאַנצע נאַכט קילען דעם קאָפּ.

אָט נעמט די „שוועסטער" אַ פלעשעל מיט דער רפואה און גיסט אָן אַ לעפעל. זי דערלאַנגט עס מיר. איך טרינק.

איך בין ביים זינען, דאָך זאָלען זיי טראַכטען פון מיר, וואָס זיי ווילען. יעדען טאָג טראָגט מען אַרויס פון באַראַק אַ צענדליג געשטאָרבענע...

IV

איך ליג דאָ אין אַ באַזונדער צימער. איך בין אַ פּריווילע-גירטער קראַנקער. דער יונגער דאָקטאָר קומט אָפט צו מיר אַריין און אפשר קומט ער צו דער „שוועסטער"? זי איז אַ יונגע און אַ שיינע.

און דרימל-איין, גאָר אין דרימעל הער איך, ווי מען קרעכצט אין דער אַלגעמיינער פּאַלאַטע. דורך די ווענט פיל איך דאָס גאַנצע לעבען פון שפּיטאָל.

דער יונגער דאָקטאָר טאַפּט מיר דעם פּולס און פאַרציי-כענט עפּעס ביי זיך. דערנאָך זעצט ער זיך נעבען דער „שוועס-טער" און זיי שושקען זיך ביידע.

עפּעס שלאָפט זיך נישט. עס דריקט די נשמה. אַ מאָדנער רחמנות צו זיך אַליין וועקט זיך אויף. איך עפען די אויגען און עס איז מיר אַלץ איינס, וואָס איך זע:

דער דאָקטאָר קושט זיך מיט דער שוועסטער.

V.

שפּעטער. דער דאָקטאָר גייט אַוועק. די שוועסטער צינדט אָן פֿייער און דאָס עלעקטרישע לעמפּעל הרג׳עט אַוועק די סאַלאַמאַנדרעס, וואָס פֿלאַקערן אויף די סאָסנעס אין וואַלד, און די רויטע לאַטע פֿון וואַנט ווערט פֿאַרשוואונדען.

נאַכט. לאַנגזאַם, ווי שווערע שלאַנגען, קריכֿען די באַלויכֿטענע שאָטענס אין מיין חדר. איך נעם ציילען די קעסטעלעך פֿון דער וואַנט-מאַלעריי. אָט אַזוי יעדען אָוונט. איך צייל און קאָן נישט איבערציילען די קעסטעלעך... און דער סאַניטאַר קריכט שוין מיט׳ן קאַלטען פֿענכֿער אייז און קילט מיין פֿלאַמיגען מוח.

פֿאַרוואָס פֿאַל איך נישט צוריק אַריין אין היגער-פּלעט? עס ווילט זיך שוין צוריק אין יענעם ווייסטען לאַנד, וואו איך בין נעכֿטען געוועזן. איך קאָפּ איז איין געדאַנק געבליבען, נאָר ער שרעקט שוין נישט מער...

טויט, טויט!

אין דער פּאַלאַטע איז ווידער אייגער געשטאָרבען. איך הער דאָרט דעם באַקאַנטען טומעל...

דעם טויטען׳ס קרובים זיינען געקומען צונעמען דעם קערפּער.

דינגען זיי זיך אין קאָרידאָר מיט די טרעגערס און קאָנען נישט דורכֿקומען. איך הער נישט גענוי אַלע זייערע ווערטער, נאָר איין פֿראַזע קריכט מיר אַריין ווי אַ שפּיז אין האַרצען:

—וואָס, פֿאַר פֿופֿציג רובל וועל איך אייך שלעפּען אַ מת...

עס דוכט זיך מיר. . . . .

עס דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז מען שוין נאָך מיר געקומען.

דערנאָך הער איך טריט און דערנאָך ווערט שטיל. אַ קראַנקער קרעכֿצט און בעט זיך דעם טויט.

דער סאַניטאַר דעקט מיך צו. איך כֿאַפּ אים ביי דער האַנט. איך וויל אים עפּעס זאָגען, נאָר די היץ באַזיגט מיך—איך בין שוין ווידער נישט אויף דער ערד.

ערגעץ אין אַ טראָפּיש לאַנד בלאָנדזשע איך אַרום אין אַן אוראַלטען וואַלד, און רויטע, גרינע, געלע פּאַפּוגאַיען פלאַפּלען צו מיר מאָדנע אומפאַרשטענדליכע ווערטער. איך יאָג זיי נאָך די פליגלען. כאַטש איינעם פון זיי, כאַטש איינעם כאַפּען. איך יאָג זיי נאָך, נאָר איך פאַרפלאָנטער זיך אין געדיכטען וואַלד. גרויסע בלעטער פאַרדעקען מיר דעם וועג... ניין, ווייטער גיין איז אוממעגליך...

VI

אויף מאָרגען דערציילט מיר די שוועסטער, אַז ביינאַכט בין איך פון צימער אַרויסגעלאָפען און אַרויס אין וואַלד. מען האָט מיך קוים געפונען, בעת איך האָב געוואָלט אויף אַ בוים אַרויפקלעטערן. די הענט זיינען ביי מיר צעקראַצט געווען און די פיס צעשטאָכען. איך האָב זיך כסדר געבעטען, מען זאָל מיר אָפּגעבען מיינע קאָלירטע פויגעל.

—שוועסטער!

—וואָס?

—פאַרוואָס אַנטלויפען די חלומות?

—רעדט נישט קיין סך, איר וועט געזונט זיין...

און אין קאָרידאָר שטעלט מען פעסטע טריט, מען טראָגט שוין ווידער אַרויס עמיצען אין מתים-שטיבעל אַריין...

—שוועסטער! ווי לאַנג וועט עס נאָך געדויערן?

ביינאכט.

איך האָב באַלד פון אָנהייב אָוועגט פאַרשפּילט אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט אין מיין קעשענע. עס האָט נאָך געדויערט אַ לייננגערע צייט, ביז איך האָב זיך אָפּגעריסען פון קאָרטען-טישעל. אַ שטראָם לופט האָט זיך אַריינגעריסען אין אָנגערויכערטען צימער. און דאָס האָט מיך אויפגעוועקט — איך בין אַרויס אויפ׳ן הויף און זיך געזעצט אויף דער באַנק, וואָס איז דאָרטען געשטאַנען אויף אַ זעהר באַקוועם אָרט, פון וועלכען די גאַנצע וועלט האָט זיך פאַר מיר געעפענט... הימעל און שוואַרצער וואַלד אַרום און אַרום, ערגעץ-ווייט אַ פייערל און אויבען אין שוואַצען רוים אַ סך גלייכע שטערען. בלויז עטליכע פון זיי האָבען העל געברענט און געוואונקען... „נישט קאָלעגיאַל״—האָב איך אַ טראַכט געטאָן—„גלאַנצען העכער און ווינקען מיט אַזוי פיל העזה אין דער צייט, ווען די אַנדערע שטערען זיינען אַזוי קליין...״

די שטערען האָבען זיך נישט וויסענדיג געמאַכט און געלויכטען, ווי פריער...

עס איז אַריבער אַ קורצע צייט. איך האָב אָבער געהאַט צייט פיל צו פילאָזאָפירען פאַר די עטליכע צענדליג מינוט.

איך האָב באַטראַכט דעם מילך-וועג. איך האָב געטראַכט פון טויט און לעבען, פון נישטיגען טומעל און פון דער הייליגער רו... איך האָב פילאָזאָפירט, ווייל די נאַכט איז געווען אַזוי... אָדער דערפאַר, ווייל די קעשענעס מיינע זיינען ליידיג געווען...

איך האָב מורא געהאַט צו אָטעמען ברייט און פריי. דאָס איז געווען אַ מאָדנע מורא... איך האָב געטראַכט, טאָמער עפּען איך אויף דאָס מויל, פליט אַריין אין מיר די אומרואיגקייט, די אומרואיגקייט, וועלכע איז שוין, אייגענטליך, געווען אין מיר טיף, טיף אויפ'ן דעק פון האַרצען.

וואָס וויל זי פון מיר? איך בין דאָך אַ צופרידענער יונגערמאַן. אַזוי זאָגען אַלע, אפילו דן, דער אומרואיגער חבר דן, וואָס מאַכט חוזק פון מענשענס גליק... דן זאָגט אויך צו מיר זעהר אָפט:

—דיר, ברודערקע, דאַרף זיין נישט שלעכט!

גליקליך בין איך אין זייערע אויגען דערפאַר, ווייל איך האָב באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל און מען האָט מיך צוגענומען אין אוניווערזיטעט, ווייל איך ווייס נישט פון קיין נויט און ווייל עטליכע שיינע לייכטזיניגע פרויען זייגען צו מיר נישט גלייכגילטיג...

אַזוי ציען זיך שוין עטליכע יאָר. עס איז געשען אַ נס... זיי האָבען מיך איינגערעדט, אַז איך בין גליקליך... נאָר ווען איך טראַכט פון מיין גליק, ווילט זיך מיר געפינען נאָך איינעם, אַזאַ גליקליכען, און פרעגען ביי אים: „וואָס איז דאָס אַזוינס גליק?" צי לעבט ער אויך איבער דאָסזעלבע וואָס איך... און אפשר איז דאָס גאָר קיין גליק נישט... בלייב איך נאָר אַליין, ווערט מיין נשמה באַלד אומרואיג. איך מוז מיין נשמה פול מאַכען מיט גליק, ווי אַ יעגער זיין קוילען-טאַש. איך מוז זיין באַוואָפענט מיט האָפנונג. איך מוז האָבען אין קעשענע עטליכע בריף פון פרויען... בריף, וואָס מען שרייבט מיר מיט ציטערדיגע פינגער. בריף, וואָס רופען מיך מיט זענזוכט און ליבע...

„קום, טייערער, גליקליכער! וועסטו קומען, וועט זיין יום-טוב וועט זיין ליכטיג, וועסטו פֿאַרשפּעטיגען וועט מיין האַרץ קלאַ-פּען פון שרעק און ספק און מיינע ליפּען וועלען שווייגען און טרוקען זיין... קום! קום!"

אַזוי ציען זיך שוין עטליכע יאָר. צוערשט פלעג איך זייערע בריף קלייבען און באַהאַלטען, דערנאָך, ווען זיי האָבען זיך שוין צופיל אָנגעזאַמעלט, האָב איך זיי איינמאָל אַריינגעוואָר-פען אין פייער... די הענט האָבען אפילו געציטערט דערביי, איך האָב אַ טראַכט געטאָן:

—דאָס ברענט דאָך מיין גליק.—נאָר באַלד איז געקומען דער בריף-טרעגער און געבראַכט אַ פרישען בריף... און אַזוי כסדר...

איך בין אַ גליקליכער מענש... און ווען איך זאָל קומען אַמאָל צו מיינע געליבטע און חברים און אַ זאָג טאָן:

—מיר איז לאַנגווייליג דאָס לעבען, איך בין אַן איינזאַמער מענש, וואָלט מען פון מיר אפילו נישט געלאַכט... פון קאַפּריזען לאַכט מען נישט, קאַפּריזען באַרואיגט מען מיט אַ גלעט, מיט אַ קוש, אָדער מיט אַ גוט-ברודערישען קלאַפּ איבער דער פלייצע... סיידען איך זאָל פלוצלונג העסליך ווערען, אָדער עס זאָל מיר טרעפען אַ גרויס אומגליק, אַנדערש וועט דיר קיינער נישט גלויבען. און איך קלאָג זיך נישט, איך האָב ביז איצט קיין צייט נישט געהאַט צו ליידען, נאָר אין דער דאָזיגער זומער-נאַכט זע איך נאָכאַמאָל, אַז גליקליך בין איך נאָך נישט געווען... פאַר-וואָס שרעקט מיך אַזוי די שטילקייט! פאַרוואָס זיץ איך דאָ אונטער'ן פענסטער און הער ווי עס קלינגען די מטבעות אויפ'ן קאָרטען-טישעל... איך וויל נישט אַוועקגיין ווייטער, ווייל דאַן וועל איך בלייבען אינגאַנצען אַליין, אָט שטעל איך זיך אויף דער באַנק און קוק אַריין, וואָס אין צימער טוט זיך... קאָמיש זעען זיי אויס איצט, מיינע חברים. ווי אומגעדולדיג זיי גלאָצען מיט די אויגען און וואַרטען, וועלכע קאָרט עס וועט פאַלען, און דן איז אויך אַזוי פאַרטיפט אין די קאָרטען... עס ווילט זיך מיר אַ געשריי טאָן:

—דן! ביראָן גייט... דאָס איז דער איינציגער מענש, פאַר וועמען ער האָט דרך-ארץ, אַמאָל האָב איך אין דנ׳ען זעהר געגלויבט. איך האָב געמיינט, אַז ער איז בעסער פאַר מיר, נאָר וואָס אַ טאָג ווייטער, זע איך אין אים אַלץ מער שוואַכקייטען, ער האָט דערגרייכט צום שפּיץ פון זיין באַרג. איצט לאָזט ער זיך צוריק אַראָפּ אין טאָל, דער באַרג דאַרף זיין אַזוי הויך, אַז מען זאָל אים דאָס גאַנצע לעבען נישט דערגרייכען... אָך, דן, צי דען איז אויף דיין בערגעל נישט געווען אַ בוים? דו וואָלסט גוט געטאָן, ווען דו וואָלסט דאָרט פאַרוואָרפען אַ שטריקעל פאַר זיך... אָט זע, ווי ער גיט אַ וואָרף די קאָרטען און הויבט זיך אויף פון טיש. ער האָט אַלץ פאַרשפּילט, נאָר צו וואָס וואַרפען די קאָרטען נישט העפליך... וואָס זיינען שולדיג די קאָרטען! אָט גייט ער צום וואַש-טישעל און טרינקט פון קריגעל וואַסער, עס ציטערן אים די הענט. איך זע דייטליך, ווי דאָס קריגעל ציטערט אין זיין האַנט... אַזוי גאָר, מיין ביראָניסט, אַזוי גאָר... און ווען דו וואָלסט איצט האָבען געוואונען, וואָלסט אויך געלאָפען טרינקען וואַסער מיט ציטערענדע הענט? דיך האָט מען געהאַלטען פאַר אַ שטאַרקען און מיך פאַר אַ גליקליכען... מען האָט אונז איינגערעדט, דן! עס גייען אַרום מיליאָנען מענשען מיט מיקראָבישע נשמה׳לעך און ווי זיי זעען וועמען מיט אַ לויט שטאַרקער פאַר זיך, קרוינען זיי אים באַלד מיט די הויכע נעמען: העלד, באַזיגער, גליקליכער... און מיר נעמען צו די לאָרבער-קרענץ און שטאָלצירען.

נאָר פאַר דער נאַכט קאָן איך אויסזאָגען דעם סוד: איך קני פאַר דעם בעסערן פון מיר, איך זוך אים און עס טוט מיר אַזוי וויי, ווען איך דערזע די שוואַכקייט פון בעסערן... איך פאַרליר אים, איך גלויב שוין באַלד נישט אין בעסערן, נאָר דאָס איז דערפאַר, ווייל דער גלאַנץ פאַרבלענדט די אויגען... פאַראַן בעסערע אין די פאַרוואָרפענע אָרימע קוואַרטאַלען פון שטאָט. פאַראַן איינזאַמע שטאָלצע מיט איינגעפאַלענע באַקען, מיט געבויגענע רוקענס, די גאַנצע רייכקייט פון דער וועלט טראָגען זיי אין זיך... איך האָב אַמאָל שוין נאָכגעפאָרשט איינעם

אַזאַ, וואָס האָט געלעבט אויפ'ן זעקסטען שטאָק, אַ הויקער מיט אַזעלכע קלוגע, אומעטיגע אויגען. ער פלעגט קומען פון זיין אַרבעט שפּעט און בלייבען שטענדיג אַליין. ער פלעגט לייענען ביכער און קוקען פון פענסטער אויף דער פריילעכער גאַס ביינאַכט. ער האָט זיך פאַר דער שטילקייט נישט מורא געהאַט. די איינזאַמקייט איז געווען זיין באַרוף...

מיר האָט זיך דאַן אויסגעדוכט, און איצט בין איך אין דעם איבערצייגט: ער האָט עפּעס געוואוסט, דער הויקער. ער, מיט אַזעלע קלוגע אויגען, מיט אַזאַ אומעטיגער רואיגקייט אַראָפּקוקען אויף דער וועלט—צו דעם באַדאַרף מען עפּעס וויסען...

דן גייט צום טיר.

ער וועט אַרויסגיין און זיך פאַרוואונדערן, וואָס ער געפינט מיך דאָ:

—ביסט נישט ביי אירז?—וועט ער פרעגען.

דערנאָך וועט ער ריידען פון בייראָנ'ען, און פון צייט צו צייט אַריינוואַרפען אַ פאָר ווערטער וועגען די קאָרטען.

נאָר איצט ווילט זיך מיר טראַכטען פון יענעם הויקער, וואָס האָט געלעבט אויפ'ן זעקסטען שטאָק. מיר דוכט זיך אַלץ אויס, אַז איך בין אים מקנא, איך וואָלט אים וועלען אויסזוכען און ריידען מיט אים. כאָטש איך ווייס, צו אַזאַ איז שווערער צוצוקומען, ווי צו אַ מיניסטער, כאָטש קיינער שטייט נישט ביי זיין טיר...

דן גייט... איך אַנטלויף טיפער אין גאָרטען.

איינמאל אין הערבסט...

גרוי דאָס לעבען,
גרוי דאָס לעבען,
גרוי מיט רויטע פלעקען בלוט.

דאָס שטעטעל איז קליין און גרוי, אָפגעקראָכענע הייזער מיט איינגעפאַלענע פלאָטען, אויסגעקלאַפטע שויבען פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס, פאַרקלעבט מיט פּאַפּיר... אומעט, יאוש ווייעט פון יעדען [illegible].

מיין צימער איז קליין און די ווענט זיינען באַפאַרבט מיט אזא האָפנונגסלאָזער גרינער פאַרב, אויף וועלכער עס זעען זיך טונקעלע אינזלען—דאָס זיינען נעסטען פון וואַנצען. עטליכע אַלטע טאַבורעטען האָט מיר מיין בעל-הבית׳טע געגעבען, אַ טישעל, וואָס וויגט זיך כסדר און אַ בעט מיט אַ סך בעטגעוואַנד, מיט אַ גרויסער פערענע, וועלכע איך האָב אַ נאָמען געגעבען „דער זעקסטער וועלט-טייל". ווייל מיין פערענע איז גרויס, געוואַלדיג גרויס. איך קאָן עס נישט אַרומנעמען, איך קאָן נישט ליגען אונטער איר, ווייל שטענדיג שאַרט זי זיך אַראָפּ. זי איז אין שטענדיגער באַוועגונג, מיין פערענע, און איך ווייס גאָר אַליין נישט, צי די פערענע דרייט זיך אַרום דער ערד, אָדער די ערד—אַרום דער פערענע. איך קאָן נישט ליגען אויף איר, ווייל

דאָ דוכט זיך מיר אויס, אַז איך זינק אין אַ ים אַריין, אין אַ פוכקע בלאָטע. דאָך שלאָף איך לאַנגע, לאַנגע שעה'ן ביז שפּעט אין טאָג אַריין...

ס'איז מלחמה אויף דער וועלט. אין קאָפּ פליען די אַלע קאַרפּאַטען, מאַרנע, סאַמאָסאַנאָוו, סאָלדאַו... אַ גאַנצע נאַכט חלומ'ט זיך דער בלוטיגער טאָג...

ס'איז מלחמה אויף דער וועלט. מיין היים איז ווייט און קרוב און פריינד זיינען ווייט...

די קליגערע האָבען געזאָגט, אַז עס וועט בלויז דריי חדשים דויערן. עס איז שוין אַ יאָר אַריבער. די קליגערע זאָגען שוין, אַז דאָס וועט עטליכע יאָר דויערן. זיי גייט גאָרנישט אָן, וואָס איך לעב איבגאַנצען איינמאָל אויף דער ערד, וואָס מיינע בעסטע יאָרען שלינגט דער כאַאָס איין, ווי אַ וואָלפיש אַ טראָפּען וואַסער...

אַ גאַנצען טאָג שוועבט בלוט פאַר די אויגען. דאָרטען, וואו מיין היים, וואו טאַטע-מאַמע לעבען. עס גייען טעג מיט אַ טעמפּער שווערקייט אין קאָפּ, נאָר אָט כאַפּט זיך אויף דער געדאַנק, די נשמה עפענט אויף אַלע אויגען און דו דערזעסט דעם גאַנצען ווייטאָג און דעם גאַנצען טרויער פון דער וועלט. דעמאָלט קאָרטשעט זיך אויף מיין וועזען אין דרייען און איך בייס די ליפּען און שילט זיך אַליין פון מיין מאַכטלאָזיגקייט. איך הויב אויף צום שטח אַ פויסט און לאָז זיך באַלד פונאַנדער. וועמען שרעק איך? דאָרטען זיינען מיליאָנען געהאָרכזאַמע קינדער פון שטאָט און דאָרף אַרויס איינער אויף דעם צווייטען, זיך געוואָרפען מיט שרעקליכע טויט-מכשירים אין שלאַכט און עס איז אַוועק די גרויסע וועלט-משוגעת אין בלוט, אין טויט, אין פייער.

וועמען שרעק איך מיט מיין שוואַכען פויסט?

ביינאַכט טראָגט מיר דער חלום אַוועק צו יענע אַלע שרעקען און אומזיניגקייטען, איך שריי פון שרעק און שלאָף ווידער איין. איך שלאָף ביז שפּעט. איך וואָלט וועלען אַלע וועלטען און צייטען איבערשלאָפען.

איך ווייס נישט, ווער עס וועקט מיך אויף, דער ווינט, צי דער

בעל־הבית׳טעס קול וועלכער שרייט פון באַגינען ביז ביינאַכט.

די פערענע ליגט אויף דער ערד, ווי אַ גרויסער שניי־באַרג, די שויבען זיינען מיט טרערען באַנעצט, עס גימזשעט, עס טראָפּט אַ שווינדזיכטיגער רעגענדל און דער ווינט מאַכט אַן אַזאַ יאָמער אין שטעטעל, אַז עס דאַכט זיך, דאָס די אַלע געבליבע־נע פאַרשימעלטע בנינים וועלען זיך באַלד צושיטען און אַ סוף וועט נעמען צו מיין ישוב...

אַ נייער טאָג. האַרץ, זכרון! וועקט עפּעס אויף אַ שטיקע־לע האָפנונג, גיט אַ ביסעלע שפּייז מיין מוט. וואָס שטייט מיר היינט פאָר. וואָס וועל איך עסען? וועלכען נייעם בגד וועל איך אָנטאָן? ועמען די האַנט דריקען, וועלכעס פּרויען־חנ׳דעל וועט מיך פרייען, ווער וועט מיך לויבען?... אַ ביסעלע שפּייז פאַר מיין מוט... אין דער נשמה איז אַזוי טויט און קיינער וואַרט אויף מיר נישט, און איך וואַרט אויף קיינעם נישט...

וועלכע קראַפט טוט מיך אָן? איך גלויב, אַז דאָס טו איך בלויז פון געוואוינהייט. איך וואַש זיך און דערנאָך שטיי איך לאַנג ביים פענסטער.

עטליכע געסלעך מיט נאַסע דעכער, און איבער די דעכער טאַרטשעט, ווי אַ הויקער, אַ בערגעל מיט נאַקעטע פעלדער, און ווייט, אין דער ווייטעניש נאָך פעלדער מיט וועלדער. אַלץ איז פאַרצויגען אין אַ נאַסען נעבעל. איך שטיי אין פענסטער, איך וויש אָפּ די טרערען פון די שויבען און קוק, ווייט, ווייט, אָן פאַרלאַנג, אָן מוט, ווי אַ מעלאַנכאָליק. צווישען די וואָלקענס, וואָס שווימען, איז איין וואָלקען אַביסעל טונקעלער און דאָס ציט צו מיין אויפמעקזאַמקייט. צווישען די דעכער, וואָס איך זע, איז איין דאַך מער צובראָכען און דאָס איז די גאַנצע פאַרשיי־דענקייט, וואָס איך זע.

אַ דאַרער איד טרייבט אַ מאָגערע בהמה איבערן גאַס און אַ מאָדנע זאַך: די בהמה ציט נאָר אין בלאָטע און דער דאַרער איד מוז איר נאָכטאַנצען, עס העלפט נישט די קלעפּ, וואָס ער דערלאַנגט איר. די בהמה טוט איר׳ס און עס דאַכט זיך מיר אין דער רגע, אַז די גאַנצע וועלט איז אַזוי פאַרקראָכען אין אַ בלאָ־

טע און די בהמה וועט אונז נאָך פֿאַרשלעפּען אין טיפערע בלאָטעס.

מאָדנע, געבויגענע סילועטען איינגעוויקעלט אין אַלטע, אָפּ-געטראָגענע בגדים גייען פֿאַרביי דעם פענסטער. עס דאַכט זיך, אַז זיי האָבען קיינמאָל די זון נישט געזען.

אָט דאָס פענסטער מיינס מיט דער גרויער פּאַנאָראַמע אַרום זויגט מיר אויס מיין גאַנצע לעבענס-קראַפט. דוכט זיך, אונטער מיר איז אַלץ פֿאַרשלאָסען, פֿאַרזיגעלט, איך וועל פון דאַנען נישט אַרויס...

נישטאָ קיין שרעקליכערע זאַך, ווי די לאַנגווייליגע גרוי-קייט פון לעבען. אין תּפיסה האָט דער מענש אַ פֿאַרלאַנג פריי צו זיין, אויף דעם קראַנקען-בעט חלומ'ט ער פון געזונט. אָבער דאָ? די וועלט איז אָפען און גרויס און די פיס זייבען ווי בלייערנע.

די איינציגע האָפנונג איז די וואַנט: קוקסט אויף איר און טראַכסט, אָט וועסטו אין כּעס ווערען און צושמעטערן דעם קאָפּ.

יעדען טאָג דאָס זעלבע בילד. אָט באַלד הייבט זיך עס אָן: אונטער מיין פענסטער אויף אַ ברודיגען הויפעל לעבט דער שוחט פון שטעטעל, און טאָג איין און טאָג אויס קומט דאָ כּסדר פֿאַר די עקזעקוציע איבער די אָרעמע עופות. עס וואַרטען עט-ליכע קינדער מיט פרויען און דער שוחט קומט אַרויס און נעמט פון זייערע הענט די הינער, די העלדישע הענער און שניידט און ביטשקעט איבער שוואַכע העלזער און וואַרפט עס אָפּ אָן דער זייט.

טרעפט זיך אַ שטאַרקער האָן און ער לעבט נאָך, שוין נאָך דעם, ווי זיין האַלז איז איבערגעשניטען. לעבט ער און צאַפּעלט זיך אויף דר'ערד און גיט אַזאַ שרעקליכען כאָרכעל צום גרויען הימעל, אַז די נשמה גיט מיר אַ ציטער און איך דערשפיר, אַז איך בין נאָך נישט איינגאַנצען טויט—מיין נשמה לעבט נאָך.

עס איז אַלץ אַזוי נאָענט צום פענסטער. איך זע דעם גלאַנץ פון חלף. איך זע יעדען שטראָמעל בלוט פון יעדען קרבן באַזונדער. ווייסע קאַטשקעס, געלע הינער, ווייסע גרויסע גענז גאָר-גלען זיך, אַ אינדיק גיט זיין משוגה'דיגען געשריי, אַ האָן קרייט צום לעצטען מאָל און זיין קרייען דערמאָנט אָן זומער, דאָרף

און אַ באַלויכטענער פֿאַרטאָג שוועבט פֿאַר די אויגען, אַ פּאַסטאָ-כעלס פּייף הילכט אָפּ אין זכרון...

נאָר לאַנג רוט נישט דער געדאַנק. דער שוחט נעמט שוין אַרויס פֿון די ציין דעם חלף און כיטשקעט ווידער.

און באמת איז מיר נאָך לאַנגווייליגער, בעת דער שוחט אַרבעט נישט, און אַמאָל פֿיל איך זיך אַזוי נידערשלאָגען, אַזוי קליין און שוואַך, אַז עס דאַכט זיך מיר, אַז דער שוחט מיט זיין חלף וועט אויך באַלד צו מיר אויסשטרעקען זיין האַנט.

וואו איז דער מוט מיינער? וואו זיינען אַלע פֿאַרלאַנגען?

שטילער! אַ האָן האָט זיך אַרויסגעריסען פֿון שוחט׳ס האַנט, אַ צעבלוטיגטער האָן, און גענומען פּאַטשען מיט די פֿליגלען און שרייען: „ראַטעוועט״ און אַלע עופות האָבען אים גענומען נאָכ-שרייען, און די ווייבער ביים שוחט האָבען אויך גענומען שרייען.

עס איז דאָך פּאָרט געוואָרען אַביסעל לעבעדיגער. איך האָב, דאַכט זיך, אַ לאַך געטאָן. איך בין צופרידען...

נאָר ווי גיך עס איז אַוועק. דער שוחט איז ווידער ערנסט. פֿון האָן פֿליקט מען שוין די פֿעדערען און די גרויקייט צופּט שוין ווידער מיין נשמה.

איך גלאָץ תמ׳עוואַטע די אויגען צום שוחט׳ס הויף.

עס איז מיר אַלץ איינס.

טאָג איין, טאָג אויס דאָס זעלבע איך האָב פֿיינט בלוט. נאָר איך האָב זיך צוגעוואוינט צום טאָג-טעגליכען בילד אונטער מיין פֿענסטער און איך גיי פֿון דאַנען נישט אַוועק.

און גיי איך יאָ אַוועק טיפֿער אין צימער, הער איך פֿון וייטען די אומפֿאַרשטענדליכע טויט-קולות פֿון די עופות. אַ גאַנ-צען טאָג גייט עס מיר נאָך...

דערנאָך לעז איך אַ ציייטונג. דאָ און דאָרט האָט מען טוי-זענטער גע׳הרג׳עט, מיט קוילען, מיט באָמבעס, מיט באַגנעטען, מיט שטיקענדע גאַזען.

מלחמה אויף דער וועלט, אין שטעטיל זיינען דאָ אַ סך שפּיטאָלען און יעדען טאָג ברענגט מען נייע מענשען, מיט בלו-טיגע מערלע אַרומגעוויקעלט. אויף מאָרגען פֿירט מען פּראָסטע

הילצערנע טרומנעס, מען פירט זיי אונטערן שטעטעל, דאָרט איז פאַראַן אַזאַ גרויער עלענטער בית-עולם. ווי שרעקליך, ווי בענקענ-דיג-עלענט זעט ער אויס, דער בית-עולם. איך גיי דאָרט אויך אין די שעה'ן, בעת דער רעגען גיסט נישט. פון אַלע בוימער זיינען געבליבען מיט בלעטער די קאַלינעס און די דעמבעס. די רויטע מאַלינעס דערמאָנען מיט זייער פריילי̇כער פאַרב עפּעס אַ האָפנונג. נאָר אויף צוריקוועגס נעמען עס די פאַרבלוטיגטע גאַסען צו ביי מיר..

דאָס איז אַ אידיש שטעטעל, מיט אָרימע בעלי-בתים, קנייט-שען אויף יעדען, טראַכאָמע אויגען, הויקערס; און מיין גאַנץ פאָלק זעט אויס אַזוי נעבעכדיג אָפּשטאַרבענד. עס דאַכט זיך מיר, אַז אַלע אַנדערע אומות רייטען פריילי̇ך אויף פלינקע פערד מיט טראָמפּייטען, מיט ביקסען אויף די אַקסלען און מיר ראַנגלען זיך דערשראָקען צווישען די גאַלאָפּירענדע רייטערס. מיר וואָלטען זיך גערן באַהאַלטען אין אַ ווינקעל און רוען, נאָר נישטאָ וואו..

אין שטעטעל איז פאַראַן אַ קליינע צוקערניע אונטערן נאָ-מען „זשאָזעף". איך גיי דאָרטען אריין. איך קוק ווי צוויי אָפי-צירען שפּילען בילאַרד. עס נעמט מיך אַביסעל אינטערעסירען. פּלוצלונג, איך באַמערק נישט פאַרוואָס, די צוויי אָפיצירען צע'-הרג'נען זיך און שלאָגען זיך מיט שטעקענס איבער די קעפּ ביז בלוט.

עס לויפען אָן מענשען פון גאַס. אַ גאָראָדאָוואָי קומט.

שאַ! דאַכט זיך, די וועלט נעמט זיך רירען. נאָר באַלד ווערט דאָס שטעטעל שטיל ווי אַ בית-עולם. פאַרנאַכט. האַלב-געשטאָרבענע מענשען קריכען אין די בלאָטעס און זיי ווילען שוין פון זיי נישט אַרויסקריכען.

אין שול ברענט אַ יאָרצייט-ליכט. עס ווילט זיך מיר אַריינ-גיין, נאָר אַרום איז אַזוי פיל בלאָטע, שווער צוצוגיין אַהינצו. דערווייל פאַלט מיר שוין אָפּ דער חשק.

קינדער גייען פון חדר. אַמאָל בין איך אויך געווען אַ קינד און געהאַט אַזאַ יונג לייכט נשמה'לע, איצט איז בליי—נישט קיין נשמה.

וואָלט כאָטש אַ בריף פון ערגעץ אָנגעקומען.

וואָלט כאָטש אַ שרפה קומען אויפ׳ן שטעטל, אַ וואַסער-פאַרפלייצונג.

איך קום צוריק אין צימער, וועלכעס איז נישט אויפגע-רוימט געוואָרען. אַלץ איז צעקנייטשט און צעוואָרפען. פון דאַך רינט אַריין, דער רעגען גיסט אָן אויפהער, דער ווינט יאָמערט,

האַרץ, רייד מיך נישט איין! עס וועט שוין מער קיין זון נישט זיין, קיינמאָל, קיינמאָל נישט. צופיל בליי האָט דער הימעל, עס וועט קיינמאָל נישט צעריננען.

איך קוק אויף מיינע גרינליכע ווענט מיט די פלעקען, עס דערמאָנט זיך מיר דער בית-עולם מיט די עטליכע רויטע קאַלי-נעס. עס ווילט זיך לויפען צוריק צום בית־עולם. עס ווילט זיך זען אַן אַנדער פאַרב. עס דערמאָנט זיך דער שוחט מיט זיין חלף. און דער חלף-גלאַנץ רייצט דעם זכרון, ווי דער איינאיינ-ציגער שטראַל, ווי די לעצטע האָפנונג.

נאָר דער שוחט רוט איצט. עס איז פאַרנאַכט. עס איז דער סוף פון דער וועלט, וועלכע ווערט דערטרונקען אין בלאָטע און אין בלוט. פרומע אידען זאָגען תהלים אין אַזעלכע שעה׳ן און איך וועל, דאַכט זיך, משוגע ווערען דאָ פון עלענטקייט און גרויקייט.

פאַרפרױרענע שוואַנען.

אין וואַגאָן איז נישט געהייצט, נאָר פון ענגשאַפט איז וואַרעם. דער צוג לויפט שוין שעה׳ן לאַנג אין די געדיכטע רוסישע וועלדער. אויף עטליכע קליינע סטאַציעס בין איך אַרויסגעגאַנגען און באַטראַכט גאָט׳ס וועלט... וואַלד, וואַלד און נאַכט מיט העלע בליצענדיגע שטערנס. דער וואַלד גייט צו נאָנט צו דער סטאַציע און ציט זיך אָן אַ סוף. יעדער בוים איז איינגעהילט אין אַ לעגענדאַרישען מאַנטעל פון שניי-פראָסט. צושפּילט זיך דאָס פייער פון לאָקאָמאָטיוו, ווערט דאַן דער וואַלד באַשאָטען מיט רויטע פליטערלעך, מיט רעגענס פון פונקען און עס דאַכט זיך דיר, אַז די פונקען קאָנקורירען מיט די מיליאַרדען בליצענדיגע שנייעלעך. אויך אויבען אין הימעל בליצען גרויסע דימענטען, נאָר יענע בלייבען אומבאַוועגליך און גלייכגילטיג, פאַרקלערט אין אַ חלום פון מעשי-בראשית.

די שניי-פאַרשאָטענע בוימער דערמאָנען זקנים, זקנים דערמאָנען דעם אוראַלט פון דער וועלט און צוזאַמען מיט די בליצענדיגע פונקען, פלעכט זיך אין נשמה אַ פאַנטאַזיע פון איי-

ביגער ווייסקייט און פראָסט: אַמאָל איז שוין די וועלט געלעגע אין אַן אייביגען שלאָף און שפּעטער וועט עס ווידער אַזוי זיין. דאָס איז אַלץ צייטווייליג, דאָס וואָס די מענשען לויפען און טומלען און יאָגען די לאָקאָמאָטיוען איבער די פאַרשנייטע וועלדער, דאָס איז אַלץ צייטווייליג...

מיט אַמאָל גנב'עט זיך צו פון ערגעץ אַ ווינט און הויבט אויף אַלע בערגלעך שניי און פלעכט פון זיי דינע און געדיכטע וואָלען, פאַרהאַנגען און אַלץ ווערט צונויפגעמישט מיט די גאָלד-רויטע פונקען פון לאָקאָמאָטיוו.

עפּעס וועט געשען אין פאַרפרוירענעם וואַלד, עפּעס מוז געשען. דער שטורם זאָגט אָן, אַז ער קומט...

אין וואַגאָן זיינען די פענסטער פאַרפרוירען און יעדעס מאָל, ווען די טיר עפענט זיך, כאַפּט זיך אַריין אַ שטראָם פראָסט און אַ שטיק וואַלד-נאַכט דרינגט אַריין אין יעדערענס נשמה. מענשען טוליען זיך איינער צום צווייטען. דאָ איז נאָך אַזוי וויסט. עס גלויבט זיך נישט, אַז מענשען האָבען דאָ געלייגט די רעלסען און געבויט די קליינע וואָקזאַלען. ניין, דאָס איז אַלץ אַליין פון זיך געוואָרען. אַליין פון זיך אין טיפע וועלדער. און דאָס איז אַלץ נישט זיכער נאָך, זאָל זיך די זאַווערוכע צושפּילען און אַלץ וועט אויף אייביג פאַרשאָטען ווערען, באַגראָבען ווערען. דער לאָקאָמאָטיוו פייפט... וואָס טראַכטען דאָרט אין דער טיפעניש פון די וועלדער די בערען מיט די וועלף בעת זיי הערען דעם פייף?

אָט איז ווידער אַ קליינע סטאַציע. ווי שטענדיג קריכט עפּעס איינער אַרום אין אַ גרויסען פעלץ. מיט אַ לאַמטערן גייט ער צו צו אונזער צוג און עס דאַכט זיך, אַז ער באַשמעקט די וואַגאָנען און גייט אַוועק. דער לאָקאָמאָטיוו דערשרעקט זיך פאַר דעם נפש און נעמט שרייען און אַנטלויפט מיט אונז פון דער איינזאַמקייט און פון דעם מענשען מיט דער לאַמטערן. דער צוג אַנטלויפט פון איין איינזאַמקייט צו דער צווייטער.

אין דעם קלאַפּען פון די רעדער, אין דעם פייפען פון לאָקאָמאָטיוו דאַכטען זיך מיר אַלץ נייע טענער און קלאַנגען:

שליטעלעך פליען און קלינגען, גלאָקען קלינגען, אַן אָרגעל שפּילט, עמיצער פויקט, עמיצער שרייט...

און גלייך רייסט זיך אַלץ איבער. דער צוג שטייט שוין ווידער. אַ קליין סטאַנציעלע, ווי אַ טונדרע אין דער שניי-וויסטע. דער שניי האָט פאַרשאָטען דעם גאַנצען וואָקזאַלטשיק, איינגעטוליעט אים, איינגעוואַרימט, אַרומגעלייגט די קאַרניזען, ווי מיט וואַטע, דעם קוימען אַרומגעוויקעלט אין אַ ווייסען שאַל...

אויף דערדאָזיגער סטאַנציע קומט צו אין אונזער וואַגאָן אַ נייער פּאַסאַזשיר. אַ גאַנצע צייט זעען מיר נישט זיין פּנים. ער איז איינגעוויקעלט אין אַ גרויסער דאָרע. זיין גאַנצען קערפּער מיט'ן קאָפּ פאַרדעקט אַ רויטער פעלץ. ביסלעכווייז קריכט-אַרויס אַ רונד רוסיש פּנים, אַ פרישער, לעבעדיגער בליק, ענליך אַביסעל צו שאַליאַפּינ'ען, ענליך צו וואָראָנסקי'ן פון אַנאַ קאַרענינאַ—אַ סלאַוו מיט אַלע חושים.

און נישט וואַרטענדיג אויף אונזער באַגריסונג אָדער פראַגע, הויבט ער אַליין אָן צו ריידען:

—איך האָב ליב דעם רוסישען ווינטער. ליבער פאַר אַלץ אויף דער וועלט. איך בין אומעטום געווען. אויף די אַלפּען געווען, אין קאַליפאָרניע געווען, אין ווענעדיג... עך, רוסישער ווינטער, קעניגרייך פון חלומות. וויפיל וואַרימקייט ליגט אונטער דיין פאַרגליווערונג. אַ קליין פויעריש הייזעל דערמאָנט אַ פּאַלאַץ אין די שנייען. געפּעלצטע מענשען, ווי די בערען, און די שליטעלעך מיט די גלעקעלעך, די סאַלאַזקעס מיט די רויט-בעקעלדיגע יונגאַטשעס, פראָסט איז זילבער, פראָסט שפּילט אויף די ביימער אויף נישט זעעדיגע סטרונעס... און דער ווייסער שניי, ווען די גאַנצע וועלט טוט זיך אָן אין ווייסען שניי, אין אומשולד—בענשען ווילט זיך דעמאָלט אַלעמען!

אונזערע קינדער-יאָרען מיט די ווייסע גולמים ביים עק פון דאָרף, אונזער גליטשען זיך, זוכען דעם אייז אויפ'ן טייך, די פאַרקלערטע ווייסע נעכט, אונזערע ווייסע צפון-חלומות.

אין וואַגאָן איז לעבעדיג געוואָרען. דער ניי-אָנגעקומענער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פיל מונטערקייט. עס האָט פּשוט גע-

וואונדערט: פון אזא קליין פארוואָרפען ווינקעלע איז צו אונז אין וואַגאָן אַזויפיל מונטערקייט אַריינגעקומען.
דער ניי-אָנגעקומענער האָט זיך זיין פלאַץ ביי אונז אין דער ענגשאַפט באַקומען. דערנאָך האָט ער פון זיין רייזע-טעשעל אַרויסגענומען אַ פלאַש מיט שנאַפּס.
— ווען נישט דער פראָסט, וואָלט רוסלאַנד קיין שנאַפּס נישט געהאַט, דאָס איז דאָך אונזער רפואה געגען פראָסט.
ער האָט געטרונקען און מיט אים נאָך עטליכע פון די מיטרייזענדע.
— איך פאָר צו מיינעם אַ ברודער אין וואָלאָגדע. ער איז אַ דאָקטאָר און ביי מיר איז אַ פוס נישט אין אָרדנונג, פאָר איך צו מיין ברודער זיך היילען. מיין פוס האָט אַ וואונד פון דער מלחמה.
האָט מען זיך פונאַנדערגערעדט וועגען דער מלחמה:
— איר ציווילע מענשען, איר ווייסט גאָר נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס מלחמה. מיר מיליטער־לייט פילען עס דאָפּעלט, מיר ליידען און מיר זעען זיך אָן אַזעלכע צרות, פון וועלכע דאָס בלוט קילט אין די אָדערען. פאַרשטייט זיך, נישט אַלע, אַנדערע ווערען גיך פאַרטעמפּט און עס איז זיי אַלץ איינס: זיין אַ חיה צי זיין אַ מענש. איינמאָל האָב איך באַגעגענט אויף די וועגען אין מזרח-גאַליציען אַ פרוי, אַ יונגע, מיט צושויבערטע האָר. מיט היפּענס פאַרטריקענטע גראָזען, שיין איז זי געוועזן און נישט ביים זינען. זי האָט אַרומגעבלאָנדזשעט און גערעדט צו זיך אַליין:
— גיט מיר אָפּ מיין אַדאַם, גיט מיר אָפּ מיין אַדאַם. ער האָט פאַר מיר אַזוי פיל בלומען.
די משוגע׳נע, האָט מיר דערמאָנט אָפעליען. מיר זיינען גע-גאַנגען ווייטער, מיר זיינען געוועזן שרעקליך פאַרנומען, דער שונא האָט אויף אונז געוואַרט, מיר האָבען מיט גאָרנישט איר געקאָנט העלפען און דערנאָך, דערנאָך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די סאָלדאַטען האָבען זי פאַרגוואַלטיגט... יאָ, אַ סך אַזעלכע בילדער האָט אונז געטראָפען דורכצולעבען...
אין וואַגאָן ווערט שטיל און שטום. מענשען פאַרטראַכטען זיך, בעת זיי דערהערען פון אַזעלכע שרעקליכע זאַכען. מען

געמט שטאַרקער רויבערן און מען קוקט אויף די פאַרפרוירענע שויבען.

אויף דער נאָענטער סטאַציע גייען מיר ווידער אַרויס. עט-ליכע מענשען גייען אַרויס, נישט קוקענדיג אויף דער קעלט, און שטייען שווייגענדיג אויף דער פאַרשנייטער פּלאַטפאָרם.

די שנייען ענדיגען זיך נישט, די בוימער פּלאָנטערן זיך איינער אין צווייטען מיט די זילבערנע צווייגען. ווי אַן ענדלאָ-זער חלום זעט עס אויס. און וואָס ווייטער דאָס ציט זיך, אַלץ נענטער, דוכט זיך אויס, וועט זיין דער סוף פון דער וועלט.

דער, וואָס האָט נאָר-וואָס דערציילט די מעשיות פון דער מלחמה, איז אויך מיט אונז אַרויס:

—אָט די ווייסע שטילקייט דערמאָנט מיר אַ בילד אַ רי-רענדען. קומט אַריין אין וואַגאָן, וועל איך אייך דערציילען.

מיר גייען אַריין אין וואַגאָן. די פּאַסאַזשירען באַקלאָגען זיך, אַז מיר האָבען מיטגעבראַכט צופיל קעלט, מען טוליעט זיך שטייפער איין אין די פּלעדען.

—נו, דערציילט!

—דאָס איז געווען בעת דעם צווייטען מאַרש אויף גאַליצ-יען. דער הערבסט האָט לאַנג געדויערט. דאָ און דאָרט האָבען אונז באַגריסט די לעצטע רויטע קאַלינעס-בוימלעך. די טייכען און טייכלעך זיינען האַסטיג געלאָפען, פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך שוין ריכטען אויף דעם ווינטער און זיי האָבען זיך געאיילט צו באַהאַלטען זיך פון פראָסט. ביי איין אָרט זיינען מיר לענגער געבליבען שטיין. די פאָדערשטע טיילען האָבען עקשנות'דיג גע-קעמפט. עס איז אַלץ קעלטער געוואָרען, און אין דעם טאָג, ווען מיר האָבען זיך שוין געדאַרפט רירען, זיינען די פורען פון אונ-זער „אָבאָז" געבליבען איינגעפרוירען אין דער בלאָטע, עס האָט לאַנג געדויערט ביז מיר זיינען אַרויסגעקראָכען. מיר זיינען גע-גאַנגען פאָראויס. אומעטום זיינען געווען סימנים פון פאַרניכטונג און טויט. מחנות קראָען זיינען איבער אונז געפלויגען און מיר האָבען געפילט, אַז זיי וואַרטען אויף אונזערע קערפּער. וועגען צוקונפט און לעבען טראַכט שוין דעמאָלט קיינער נישט, אויב

מען האָט און בענקט נאָך עפּעס, איז דאָס אַ בענקשאַפט נאָך
אַביסעלע אויסשלאָפן זיך, אָפּרוען און אָפּעסן.

אין דעם פאָלוואַרק, וואו אונזער שטאַב האָט זיך פאַר-
האַלטן, האָט געמוזט פריער לעבן אַ רייכער פריץ. עס זיינען
געבליבן סימנים פון פריערדיגן גלאַנץ. דער פּאַרקעט האָט נאָך
ערגיץ אין אַ ווינקעל געלויכטן. דאָס מעבעל איז געווען צע-
בראָכן. אַרום די פענסטער פיל צוטראָטענע קלומבעס און צע-
האַקטע סטאַטועס. אויף אַ קייט ביי אַביידעל איז געלעגן אַ
גרויסער הונט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן צום הימעל. דער נפש
איז אויסגעגאַנגען פון הונגער אודאי. איין העלפט פון קלאַוויר
איז געווען צובראָכן פון אַ גראַנאַט און אויף דער צווייטער
העלפט האָבן די קלאַווישן אָפּגעענטפערט. מיר האָבן זיך גע-
סטאַרעט אויסצושפילן פאַרשיידענע מעלאָדיעס אויף די איבער-
געבליבענע קלאַווישן.

אַלטע בילדער און אַלטע בריף האָבן מיר געפונען אין
דעם פרעמדען הויז. פון לאַנגווייליגקייט האָבן מיר געלייענט די
פרעמדע בריף: עס האָט געוויעט פון די בריף אַ שטילע אידיליע.
עס האָט זיך אונז נישט געגלויבט, אַז מענשען האָבן ווען עס
איז אַזוי רואיג געלעבט. וואָס פאַר אַ וועלט גאָט'ס געבענשטע
וועלט עס איז פריער געווען. אפילו די אומגליקען זיינען געווען
שטילע, איינגעהילט אין צערטליכקייטען און סענטימענטען... און
דאָ דונערט איבער'ן קאָפּ אַ גראַנאַט, אַעראָפּלאַנען רוישען און
גאַנצע מחנות פאַרבלוטיגטע מענשען פירט מען יעדע שעה פאַרביי.
ווער הערט אויס זייערע קרעכצען? וואָס איז דאָ אַ מענש? אַ
שטויבעלע. איין טריט מיט'ן פוס און טויזענטער שטויבעלעך זיי-
ען צוטרעטען. מיר, אַ גרופּע אָפיצירען, זיינען געזעסען אין דעם
פאַרלאָזענעם הויז, מיר האָבן געהייצט דעם אויווען און גע-
שפילט אין קאָרטען, נאָר יעדע רגע פלעגען מיר זיך אָנשטויסען
אויף אַ שטיק פאַרגאַנגענהייט און מיר האָבן געטרויערט נאָך
אַן איבערגעבליבענעם גאָבעלין און נאָך אַ צובראָכענעם קאַנדע-
ליאַבער. אין דרויסען איז אַ פראָסט געווען. דער פראָסט איז
מיטאַמאָל געקומען. פונקט ווי די פיינדליכע קאַוואַלעריע האָט ער

זיך אונטערגעגנב'ט און פאַרנומען אַלע פּאָזיציעס.
אויפ'ן דריטען טאָג פון אונזער פאַרברענגען אין דערדאָ-
זיגער אימיעניע בין איך אין דער פרי אַרויסגעגאַנגען זיך דורכ-
שפּאַצירען אין גרויסען פּאַרק. קיין סך שניי איז נישט געווען,
נאָר דער פראָסט האָט געברענט און געשטאָכען. איך בין גע-
גאַנגען דורך פיל שווייגענדיגע אַלעען. די אַראָפּגעפאַלענע בלע-
טער זיינען שטייף געווען פון פראָסט ווי שטיקלעך בלעך. עס
איז זעהר קאַלט און זעהר שיין געווען אין פּאַרק. עס האָט מיך
געצויגען אַלץ ווייטער אין די אַלעען. עס קאָן זיין, אַז עס האָט
זיך מיר געוואָלט אַביסעל פאַרגעסען אָן די שווערע בילדער פון
דער מלחמה.

און אָט איז פאַר מיינע אויגען אַ פאַרפרוירענער סטאַוו.
דאָס אייז גלאַנצט, ווי אַ גלאָז, בלויז עטליכע בלעטער זיינען
איינגעפרוירען אין אים... פלוצלונג, עס זעט אויס ווי אַ חלום,
אין דעם אייז פון סטאַוו ביים ברעג דערזע איך אַ שוואַן. אַ
ווייסען שוואַן... ווינטער אין פראָסט. און באַלד דערזע איך אַ
צווייטען. די דאָזיגע שלאַנקע פּרינצען פון וואַסער באַצויבערן
מיך שטענדיג און איבערהויפּט איצט, דאָ אין דער מלחמה. איך
בין צוגעגאַנגען נענטער... די שוואַנען זיינען איינגעפרוירען אין
אייז און ביים ברעג ליגען נאָך צוויי טויטע שוואַנען. די קעלט
איז מיט אַמאָל געקומען און די שוואַנען האָבען עס נישט אויס-
געהאַלטען. די בעלי-הבתים זיינען אַנטלאָפען און זיי איבערגע-
לאָזען. שטענדיג אין ווינטער איז פאַר זיי אָנגעגרייט געווען אַ
וואַרעם ביידעל און היינטיגעס יאָר האָט מען עטליכע וואָכען גע-
שאָסען ביז דער ווינטער איז געקומען.

אַרום איז שטיל געווען. נאַקעטע ביימער און נאַקעטע קוס-
טעס. דאָס טייכעל האָט געגלאַנצט ווי אַ שטיק זילבער. איך האָב
די אויגען נישט געקאָנט אָפּרייסען פון די עטליכע טויטע שוואַ-
נען. אין יענער רגע האָט מיר אויסגעדוכט, אַז די לעצטע שיינ-
קייט פון דער וועלט איז אָפּגעשטאָרבען, פאַרפרוירען געוואָרען.

אין עטליכע טעג אַרום בין איך מיט מיינע חברים גע-
גאַנגען באַטראַכטען די טויטע שוואַנען. עס האָט זיי פאַראינטע-

רעסירט מיין ערציילונג. בעת מיר זיינען צוגעקומען צום פּלאַץ, צום טייכעל, האָבען זיך אויפגעהויבען פיל שוואַרצע קראָען מיט געשריי... עך, זיי האָבען זיך שוין גענומען צו די ווייסע שוואַנען. מיט די שוואַרצע שנאָבלען האָבען זיי צוריסען די פויגעלעך. מיר זיינען אַוועק צוריק פאַרטרויערטע... וואָס? צו אַלע אומגליקען זיינען מיר שוין געוואוינט געוואָרען, דער טויט איז געווען פאַר אונז געוויינליכער, ווי דאָס לעבען. נאָר די דאָזיגע פאַרפרוירענע שוואַנען האָבען אונזערע הערצער גערירט. עס האָט געווייעט פון סטאַוו אַן אומבאַהאָלפענער רחמנות און ביז'ן היינטיגען טאָג, ווי איך דערזע דעם ערשטען שניי און דערפיל דעם ערשטען פראָסט, דערמאָנען מיר זיך באַלד די טויטע שוואַנען. צייטענווייז דוכט זיך מיר, אַז זיי שווימען מיר נאָך. טויטע, פאַרפרוירענע, שלאַנקע און שטאָלצע אין טויט.

דער בלוטיקער צוג.

דורכ'ן בריאַנסקער וואָקזאַל אין מאָסקווע פלעגען דורכ־גיין אַלע צוגען מיט די פאַרוואונדעטע און קראַנקע פון פראָנט.

דער „פונקט" האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט. בלייכע שווע־סטער אין ווייסע מיט'ן רויטען קרייץ אויפ'ן ברוסט. סאַניטאַרען מיט די טראָג-בעטלעך זיינען געלאָפען צו די וואַגאָנעס און אַרויסגעטראָגען פון דאָרט מענשען אָן פיס, מענשען אָן הענט, מענשען מיט דורכגעשאָסענע לונגען, מיט פאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ. אָבער דאָס איז געוואָרען אַן אַלטעגליכע זאַך. צום טויט ווערט מען אַזוי צוגעוואוינט, ווי צו אַלע גרויע זאַכען פון לעבען. די שוועסטער האָבען גענומען קאָקעטירען מיט די שוואַך-פאַרוואונ־דעטע. די סאַניטאַרען פלעגען רויכערן און אַרום האָט מען גע־זיפצט און די נשמה אויסגעלאָזען. און אויף דער צווייטער זייט פון וואָקזאַל האָט מען אין די „טעפּלושקעס" געלאַדעוועט נייע זעלנער. מען פלעגט אָנפּאַקען נייע צוגען מיט גרויע שינעלען און אָפּשיקען ווייט-ווייט צו דער דייטשער גרעניץ.

מיט געזאַנג און געשריי פלעגען אָפּפאָרען די גרויע שינעלען

אהין צו דער גרענעץ, מיט דער רוסישער „דובינושקע", עך, דאס האבען זיך געזעגענט הונדערטער דערפער און שטעטלעך. לעבענס, וואס האבען איינגעזאפט אין זיך די ברייטקייט פון דער וואלגע, דעם פארנעם פון די סטעפעס און שטייפקייט פון ארכאנגעלסקער פראסט.

אט די דאזיגע גרויסע אלמעכטיגע מאסע האט זיך גע-לאזען פירען צו דער שחיטה, ווי א סטאדע שעפסען. טעמפ און געהארכזאם האבען זיי געפאלגט, וואס מען האט זיי געהייסען.

„אורא!" „אורא!" און דער צוג ווערט פארשוואונדען...

דער בריאנסקער וואקזאל איז געווען דער שייד-וועג פאר א סך לעבענס.

גרוי האט אויסגעזען דער וואקזאל און שמוציג, נאר די רויטע בלוט-פלעקען, וואס פלעגען זיך דורכזאפען פון די שטי-קער מארלע, האבען געשיינט און געלויכטען אין דער גרויקייט, די רויטע פארב דערמאנט שטענדיג אן לעבען, אפילו ביים טויט.

די לאקאמאטיוען האבען געפייפט און פארהילכט די קרעכ-צען פון די שווער-פארוואונדעטע. פארמאכטע טראמווייען פלעגען צופארען צום וואקזאל און פונאנדערפירען די אומגליקליכע אין די הונדערטער מאסקווער שפיטאלען.

און וואו א הויז איז א שפיטאל אין מאסקווע געווען. אין די טויזענטער זיינען די שפיטאלען געווען. דו גייסט אויפ'ן גאס און לייענסט: שפיטאל נומער צוויי טויזענט פיר הונדערט זעקס און צוואנציג. און פון די פענסטער קוקען ארויס קליינע פנים'ער ווי קראנקע ארעסטאנטען. אויף דער גאס זיצען די געזונטערע פון די פארוואונדעטע און כאפען אביסעל זון, ליכט און לופט.

וואס א חודש ווייטער, אלץ מער זיינען אזעלכע צעבראכענע מענשען צוגעקומען. די געזונטע גייען פארביי און פאר-טראכטען זיך:

—אונז וועט אויך דער גורל נישט אויסמיידען.

די ארבעט האט דא אויפ'ן וואקזאל געקאכט. די הונדער-טער סאניטארען און שוועסטער האבען זיך דא איינגעלעבט גאנץ פעסט. עס האט אויסגעדוכט, אז אייביג אזוי וועט מען שיקען

„אַהין“ סאָלדאַטען און פֿון דאָרט וועט מען אָפּשיקן קאַליקעס דורכֿנעשאָסענע מענשען טאָג איין, טאָג אויס... די צוגען ברענגען דעם בלוטיגען פראַכֿט און מען לאָדעט עס אויס.

איינמאָל האָב איך בייגעוואוינט, ווי אַזאַ צוג איז אָנגעקומען. דאָס איז געווען נישט קיין געוויינליכער צוג מיט פאַרוואונדעטע, ווייל אויפ'ן וואָקזאַל האָט צו שטאַרק געטומעלט און אפילו אויף די קאַלטבלוטיגע פנים'ער פון די סאַניטאַרען האָט זיך געזען אַ נייגעריגקייט.

די מעשה איז געווען אַזוי: דער צוג איז ביי דער פראָנט־ליניע באַשאָסען געוואָרען פון אַעראָפּלאַנען און די שויבען מיט עטליכֿע וואַגאָן־דעכֿער זיינען צעשעדיגט געוואָרען. עס זיינען דערביי געווען קרבנות. פון די פאַרוואונדעטע זיינען עטליכֿע גע־הרג'עט געוואָרען. די וואַגאָנען זיינען געווען פאַרבלוטיגט און דערפאַר האָט מען דעם צוג אַ נאָמען געגעבען: „דער בלוטיגער צוג“.

וועגען דאָס אָנקומען פון צוג האָט מען שוין געוואוסט אין שטאָט און אַ סך נייגעריגע זיינען זיך צענויפגעלאָפּען פון דער גרויסער מאָסקווע צו באַטראַכֿטען דעם צוג.

די דאָזיגע נייגעריגע האָבען פאַרפלייצט דעם וואָקזאַל און די פלעצער אַרום וואָקזאַל...

דאָ האָבען זיך שוין געהערט אויסרופען וועגען דער מלחמה.
שטומע איינגעהאַלטענע פראָטעסטען.
אויפגעהויבענע פויסטען...

נאָר אָט שטייט שוין דער צוג אויף דער סטאַציע לעם פונקט. די סאַניטאַרען מיט די טראָג-בעטלעך גייען שוין אַרויס־טראָגען די שווער פאַרוואונדעטע.

די שוועסטערס גייען ביי דער זייט און טרייסטען און באַרואיגען. עס קוקען אויף אונז גלייכגילטיגע אויגען פון האַלב־געשטאָרבענע מענשען. אַנדערע פאַרמאַכֿען די אויגען פון ווייטאָג.

אייגענטליך האָבען זיי אַלע איין פנים: טויט-גרוי. בלויז די ווייסע מערלע מאַכֿט יעדערענס אָנזען טרויעריג־יום־טוב'דיג. דערביי גייען אויך די לייכֿט־פאַרוואונדעטע. איינער הינקט אויף

אַ פּוס, דער צווייטער טראָגט אויף אַ באַנדאַזש די האַנט. ביי׳ם דריטען איז דער קאָפּ פּאַרוויקעלט, ווי מיט אַ טערקישער טשאַל-מע. אָט אַזוי שפּרייזט אַ גאַנצע מחנה צוקאַלעטשעטע מענשען, אָבער דידאָזיגע זיינען כמעט ווי פריילין. זיי דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט זיי צוגענומען אַביסעל בלוט און אַ שטיק גליד. איצטער זיינען זיי דאָך פריי פון יענע שרעקליכע צרות, וואָס זיי האָ-בען געהאַט אין די אָקאָפּעס. אַ גרויסער עולם קלויבט זיך צונויף און קוקט אויף דעם צוקלאַפּטען צוג; אַ סאָלדאַטעל דערציילט ווי די אַעראָפּלאַנען זיינען געפלויגען און געשאָסען מיט באָמבעס אויף די וואַגאָנעט און דער צוג איז געפלויגען ווי אַ חיה פון טויט. די פּאַרוואונדעטע זיינען פון די געלעגערס אַראָפּגעשפּרונ-גען און גענומען שרייען.

דער עולם טיילט פּאַפּיראָסען, צוקערקעס, עפּעל און קוקט אויף יעדען זעלנער מיט אַכטונג.

—העלדען זיינען זיי, וויפיל האָבען זיי דאָס אויסגעליטען...

און פון צוג גייען אַלץ נייע קרבנות, זיי גייען אַליין און מען טראָגט זיי אַרויס. עס גלויבט זיך גאָרנישט, אַז איין צוג זאָל אַריינגעמען אַזויפיל מענשען...

פלוצלונג...

עס ווערט שטיל אַרום דעם צוג. מען פירט אַ מחנה בלינדע סאָלדאַטען, אַ גרויסע מחנה בלינדע. די שוועסטער און די סאַני-טאַרען האַלטען זיי אונטער די הענט. ביי אייניגע פון די בלינדע אויף די ליפען זעט זיך אַ שמייכעל. וואָס שמייכעלט ער, דער אומגליקליכער? אפשר דערפאַר, ווייל אַ פרויען-אָרים האָט זיך צו-גערירט צו אים און אים דערוואָרימט נאָך יענעם גיהנום, פון וועלכען ער איז אַרויס אָן אויגען?

שטילער! בלינדע, בלינדע גייען. אַ טויט אומעט האָט זיך צושפּרייט איבער׳ן וואָקזאַל. אַזוי פיל בלינדע יונגע לעבענס. אַ פרוי פון די פּאַסאַזשירען האָט גע׳חלש׳ט. עטליכע מענשען האָ-בען זיך גענומען צלמ׳ן...

די סאַניטאַרען האָבען ווייטער אויסגעליידיגט די וואַגאָנעס. מען האָט אויך אַרויסגעטראָגען עטליכע טויטע, וואָס זיינען ביז

מאָסקווע געשטאָרבען...

דערנאָך... עס איז נאָך געבליבען איין וואַגאָן, ווער איז אין דעם וואַגאָן? לייכט, צי שווער-פאַרוואונדעטע? קיינער האָט נישט געוואוסט, אַלע סאַניטאַרען זיינען צוגעגאַנגען צו דעם דאָזיגען וואַגאָן, אָן טראָג-בעטלעך. עטליכע פון זיי זיינען אינעווייניג אַריין און מען האָט גענומען אַרויספירען משוגעים, משוגע-געוואָרענע סאָלדאַטען, בלייכע מיט צושויבערטע האָר, מיט לאַכעדיגע פנים׳ער. בייזע, מיט ווילדע אויגען...

זיי האָבען געשריען מיט מאָדנע קולות און געגאַנגען ווייטער מיט די סאַניטאַרען. די לעצטע האָבען זיי פעסט אַרומגערינגעלט, מען האָט זיי געפירט מיט אַ שטרענגער וואַך, נאָר אָן געווער, כאָטש זיי זיינען שעדליכער געווען פאַר אַנדערע מערדער. די סאַניטאַרען האָבען זיי אַרומגערינגעלט מיט אַ קייט און די מער אויפגערעגטע געהאַלטען אונטער די הענט.

איינער האָט געזונגען, דער צווייטער האָט געטאַנצט. איינער האָט געהאַלטען אַ שטיק שינעל און געפאָכעט מיט דעם ווי מיט אַ שטאַנדאַר. זיי האָבען שרעקליך געגלאָצט מיט די אויגען און שרעקליך געשוויגען, נאָר יעדע רגע פלעגט איינער פון זיי אַרויסלאָזען אַן אַנדער קוויטש, אַ פייף, אַ יאָמער...

דער עולם אַרום האָט זיך גענומען אָפּרוקען און דערנאָך זיך ווידער צורוקען. די שרעקליכע נייגעריגקייט האָט אַליין געקאָנט משוגע מאַכען.

„משוגעים"... דאָס וואָרט איז דערגאַנגען צו די קלאָרע און אַ ציטער איז דורך איבער׳ן עולם. אָט דאָס איז די מלחמה, אָט דאָס זיינען אירע רעזולטאַטען. לעם מיר איז געשטאַנען אַ מיטעל-יעריגער מאַן מיט אַ גרויסער טעקע. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, איז דאָס געווען אַ פּראָפעסאָר פון מאָסקווער אוניווערזיטעט, אַ שטילער מענש. ער האָט זיין גאַנץ לעבען געאַרבעט איבער אַ בוך וועגען די יאַקוטען און אַט... פלוצלונג האָט זיך איינער פון די משוגעים אַרויסגעריסען פון דער קייט און איז צוגעלאָפען צו דעם פּראָפעסאָר און האָט גענומען שרייען:

—דאָס ביזטו, דו ביזט שולדיג אין דער מלחמה. און איידער

וואָס ווען איז ער אויף אים אַרויפגעפאַלען און גענומען אים בייסען און שלאָגען. איין מאָמענט און עס איז שיער געשען. אַלע משוגע׳נע סאָלדאַטען האָבען זיך גענומען רייסען. צום גליק איז איינעם פון די זשאַנדאַרמען איינגעפאַלען אַ געדאַנק און ער האָט גענומען שיסען. אינסטינקטיוו האָבען זיך די אַלע משוגע׳נע אויף אַ ווײַלע באַרואיגט און מען האָט זיי אַוועקגעפירט.

מען האָט זיי גיך אַרומגערינגעלט, אונטערגעכאַפּט אונטער די אָרעמס און אַוועקגעפירט.

דער עולם איז געבליבען שטיין אויף דעם אָפּגעליידיגטען וואָקזאַל מיט אויסגעגלאָצטע אויגען. די משוגעת האָט פאַרטונקעלט אויף אַ רגע די מוחות פון די קלאָרע און אויפגעוועקט צאָרן, בייזקייט און האַס.

—נידער מיט דער מלחמה!

דאָס איז געווען דער ערשטער אויסגעשריי געגען דער מלחמה. די זשאַנדאַרמען האָבען זיך צעטומעלט און גענומען טרייבען דעם עולם.

דעם פאַרבלוטיגטען פּראָפעסאָר האָט מען אַריינגעפירט צו אונז אין וואַגאָן. מען האָט אים פאַרבאַנדאַזשירט די וואונדען.

ער איז געזעסען אין אַ ווינקעל און געקרעכצט:

—וואָס זיינען זיי שולדיג? די אומגליקליכע — וואָס זיינען זיי שולדיג? און אונזער צוג האָט זיך שפּעטער גערירט. די רעדער האָבען געקלאַפּט, דער לאָקאָמאָטיוו האָט געפּייפט. מען האָט גערעדט וועגען די שרעקען פון דער מלחמה. פּלוצלונג רופט זיך איינער אָן:

—מיר דאַכט זיך די גאַנצע צייט, אַז די משוגעים יאָגען אונז נאָך. די גאַנצע צייט דאַכט זיך מיר, נאָר זיי לויפען און שרייען אויף אונז.

—יאָ, יאָ, זיי וועלען אונז נאָך ווען דעריאָגען,—ענטפערט אים דער צווייטער און אין וואַגאָן ווערט טויט-שטיל...

דער רײַכער בעטלער.

מען האָט אונז צוגעפֿירט מיט'ן צוג צו אַ הױכן בערגעל, אױף װעלכן עס זײַנען געשטאַנען צלמים פֿון מלחמה־מצבֿות... נאַכט, זומער. מענשען מיט פּעקלעך, מענשען מיט פּעק און טשעמאָדאַנעס. דאָס איז געװען די גרעניץ, װאו מען האָט אונז געדאַרפֿט דורכלאָזען, מיר זאָלען קאָנען װײַטער פֿאָרען. שױן צו אַנדערע הערשער און אַן אַנדער אָרדנונג.

שױן לאַנג איז דאָס געװען. אין די אױערן קלינגט נאָך אָפּ אָפּט דער „הו־האַ" פֿון יענער נאַכט, די יללות און געװײנען. דער הימעל אַלײן האָט זיך געװאונדערט: װאָס טוען זײ דאָ, די מענשען, אין מיטען נאַכט, אין אָפֿענעם פֿעלד?

און די מענשען האָבען זיך געטוליעט אײנער צום צװײטען, באַהאַלטען אַלץ זיכערער דאָס ביסעל געלט און צירונג, טאָמער װעלען עס די באַזוכער נישט געפֿינען.

עס האָט לאַנג געדױערט די פּראָצעדור פֿון באַזוכען, באַטאַפּען יעדען. אונטער'ן בלױזען הימעל זײַנען מיר געשטאַנען און װען גאָט זאָל פֿון אױבען אַראָפּקוקען, װאָלט ער געזעהן אַ

שמייכעל געטאָן: וואָס די מענשעלעך טוען עס אונטען!

מענשען האָבען עפּיס באַהאַלטען אין די קליידער און די טשעמאָדאַנעס, אין די האָר פון קאָפּ, און די אַנדערע מענשען זוכען עס מיט גרויס פלייסיגקייט און פרייען זיך ווען זיי געפינען עפּיס, בעת די אַנדערע וויינען.

די פרויען באַזוכט אַ פרוי, נאָר מיט אַזאַ גראָבען פּנים און מיט אַזעלכע גרויסע הענט. דער עולם זאָגט וועגען איר, אַז דאָס איז אַן איבערגעטאָענער מאַנספּערזאָן — זער מעגליך און צו וואָס אַ פרוי? זי שפּיליעט פונאַנדער ביי זיי די בלוזקעס פאַר אַלעמען אין די אויגען און די באַזוכטע ווערען דערביי אַזוי צעטומעלט, אַז זיי פאַרגעסען וועגען צניעות און שעמעוודיגקייט: מען וויל בלויז ראַטעווען דאָס ביסעל צירונג.

און עס גייס אַזוי אַ יאָמער די גאַנצע נאַכט. ביי דעם האָט מען צוגענומען געלט, ביי יענעם צירונג, ביים דריטען קליידער. מען וויינט, מען קריגט זיך מיט די קאָמיסאַרען, אַ פרוי פאַלט אויף די קני און בעט זיך אָפּצוגעבען איר פאַרמעגען. זי איז אָרעם און עלענט, שרייט זי.

און אין דער הויך אין הימעל און אַרום אויף די פעלדער איז שטיל, די נאַכט לעבט פאַר זיך.

לעם מיר שטייט אַ בעטלער, אַ לאָמער מענש מיט שמאַטעס אָנשטאָט בגדים. דער קאָמיסאַר הייסט אים דורכגיין אַן אַ רעוויזיע...

— סטופּאַי, סטאַריק!

יענער הינקט צו און רוקט זיך אַוועק ווייטער. מיט אַמאָל כאַפּט זיך עפּיס דער קאָמיסאַר און רופט אים צוריק און נעמט אים באַטאַפּען, באַזוכען.

הע, הע!...

מען שלעפּט אַרויס גאַנצע פעקלעך פינף-הונדערטער און אַנדערע ווערט-פּאַפּירען. דער קאָמיסאַר כאַפּט זיך צום לאָמען'ס קוליע און שרייפט עס פונאַנדער. אינעווייניג אין שטעקען פון דער קוליע ליגען ווייטער ווערט-זאַכען, בריליאַנטען.

זעט נאָר: אַקציעס, גאָלד, וועקסלען, ענגלישע פונטען. אין

אזעלכע שמאַטעס אַזאַ אוצר. דער געניטער באַזוכער איז אַליין איבערראַשט:

— דאָס איז אַלץ דיינס? — פרעגט ער ביים בעטלער.

— מיינס? ניין!

— טאַ וועמענס דען?

— מיינס? ניין! — חזר'ט איבער דער צעשראָקענער מענש און וואַרפט אַ בליק אויף דעם בערגעל געלט און ווערט-זאַכען, וואָס וואַלגערן זיך לעם אים. דער עולם אַרום פאַרגעסט פון אייגענע צרות און מען באַטראַכט דעם אַלטען בעטלער.

איצט לאָזען אים שוין די באַזוכער נישט צורו. ווי פון אַ געפּונענעם קוואַל ווילען זיי פון אים אַלץ מער אַרויסציען.

— דאָס היטעל, ווייז דאָס היטעל!

און אין דער צעקנייטשטער, צעריבענער היטעל געפיגט מען ווידער שטיינדלעך, פינגערלעך און פאַרשיידענע צעטעלעך.

— דעם גאַנצען רוסישען אוצר האָסטו אַרויסגעפירט, אַל-טער! — אַזוי וויצעלט זיך איינער. מען באַטאַפּט אים פון אַלע זייטען.

— און ניקאָלאַיִס קרוין האָסטו נישט? — וויצעלט זיך דער צווייטער.

— ניין, — ענטפערט דער צעשראָקענער, און דער עולם אַרום לאַכט.

עס געדויערט לאַנג.

עס גלויבט זיך נישט, אַז ביים אַלטען האָט מען שוין אַלץ אויסגעזוכט.

— מען האָט אים באַדאַרפט צעשניידען, אַזאַ מוז אינעווייניג אויך עפּיס באַהאַלטען.

עס ווערט שטיל און דער אַלטער שטייט אַ בלייכער, שטאַ-מעלט עפּיס.

שפּעטער דערוויסען מיר זיך, אַז דאָס איז אַ ספּעציאַליסט אויף אַ״יבערצופירען ווערט-זאַכען. ער האָט מיט זיין לאָמען פוס און שמאַטעס אַ סך געלט פאַרדינט, ווייל מען פלעגט אים אָן קאָנטראָל דורכלאָזען. איצט האָט מען אים אַרעסטירט...

— אין טשרעזוויטשייקע וועסטו גיין — זאָגט צו אים דער

קאָמיסאַר. מען האָט אים ערגיץ אַוועקגעפירט אין די נאַכט אַריין.

און אַרום איז ווידער געגאַנגען דאָס באַזוכעניש. מענשען האָבען כסדר געשפּיליעט די קנעפּלעך פון די בגדים און פרעמ־דע הענט האָבען געזוכט, געזוכט ביז'ן ליכטיגען טאָג אַריין...

דער בריליאַנטענער בער.

אין דער צייט פון דער מלחמה זיינען פיל מענשען אין מאָסקווע לעגענדאַריש רייך געוואָרען; אין דער צייט פון באָל־שעוויזם האָבען די זעלבע מענשען לעגענדאַריש זייערע מיליאָנען פאַרלוירען.

אַ סך, אַ סך מעשיות דערציילט מען וועגען בריליאַנטען, וועגען גרויסע קאַפּיטאַלען, וועלכע זיינען אין איין רגע ווי אין ים אַריינגעזונקען.

גאָר נישט לאַנג האָב איך געהערט פון צוריקגעקומענע באַקאַנטע אַ מעשה, וועלכע האָט מיך איבערראַשט, ווי אַ וואונ־דערליכער חלום און וועלכע באַווייזט נאָך אַמאָל, אַז דאָס לעבען אַליין שאַפט שענערע חלומות, ווי די רייכסטע פאַנטאַזיע פון מענשען.

אַ מעשה מיט בריליאַנטען:

איך האָב שוין געהערט אַמאָל וועגען דעם, אַז מען איז געקומען ביי עמיצען זוכען, האָט מען דעמאָלט דאָס פאַרמעגען געראַטעוועט אויף אַזאַ אופן: ווען אַ גאַנצע מחנה זעלנער מיט

באַאַמטע האָבען זיך גענומען אַרומטאַפּען די ווענט, די פּאָדלאָגעס און אַרויסוואַרפען אַלץ פון די שופלעדער, האָט דעמאָלט די בעל-הבית׳טע פון הויז געהאַלטען אין האַנט אַ קליין פּעקעלע מיט צירונג, וועלכעס איז ווערט געווען מיליאָנען.

זי האָט זיך נישט פאַרלוירען. פון חדר צו חדר איז זי גע-גאַנגען און געזוכט אַ רעטונג, אַריינגייענדיג אין קיך, וואו אויף דער פּליטע האט זיך וועש געקאָכט. אַ גרויסער טאָפּ מיט קאָכע-דיגע וואַסער האָט געזאָדען און זיך געפּאַליעט. אומשולדיג און נישט פאַרדעכטיג האָט אויסגעזען די בעלהבתישע קיך.

די ווירטין איז אַ רגע שטיין געבליבען, אַ קוק געטאָן אויפ׳ן גרויסען שוואַרצען טאָפּ און אַריינגעוואָרפען אַהין דאָס טייערע פּעקעלע.

און אַזוי אַרום איז אַלץ געראַטעוועט געוואָרען פון די זוכערס.

עס איז אַוועק אַ צייט.

דאָך זייער רייכקייט האָט זיי קיין נחת נישט פאַרשאַפט. יעדע פּאָר וואָכען קומען ווידער די לייט מיט אַ באַזוך און מען מוז זיך פאַרזיכערן, מען מוז די ברילאַנטען איינמאָל פאַר אַלע-מאָל פעסט באַהאַלטען.

און זוכענדיג, קלערענדיג, וואַרפענדיג זיך פון איין זאַך אויף דער צווייטער, איז איינמאָל אַ בליק אַראָפּגעפאַלען אויף אַ אויסגעשטאָפּטען בער, מיט וועלכען די קינדער האָבען זיך געשפּילט אין קינדער-צימער.

מיט אַ טאָג שפּעטער איז די בעל-הבית׳טע פון דער שטוב מיט אירער אַ שוועגערין געזעסען פאַרשלאָסען אין אַ באַזונדערן חדר און פלייסיג געאַרבעט. דעם בער האָט מען אויפגעשניטען, אַרויסגענומען אַ ביסעל שטרוי, אַלטע אויסגעדאַרטע שטרוי און אויף דעם אָרט אַריינגעלייגט אַ קליין פּעקעלע מיט בליצענדיגע שטיינדלעך, מיט שטראַלענדיגע פּערל...

און צוריק עס פאַרנייט.

נאָר איין זאַך האָבען די פרויען באַשלאָסען: נישט אַראָפּ-לאָזען די אויגען פון בערעלע, מיט וועלכען די קינדער שפּילען זיך און טאַנצען אַרום פון חדר צו חדר און אויפ׳ן הויף, אויפ׳ן באַלקאָן.

די קינדער האָבען זיך געשפּילט און די מוטער האָט אָפּ־טונג געגעבען, אז דער טויטער בער זאָל צו וויט נישט אָוועק־גיין. ביי דער ערשטער געלעגענהייט, ווען די קינדער פּלעגען אויפהערען צו שפּילען זיך מיט'ן בער, האָט די מוטער אים אָבי־סעלע ווייטער באַהאַלטען, אַריינגעטראָגען פון הויף און אים אָוועקגעלייגט אויף אַן אָרט, ער זאָל זיך וואַרפען אין די אויגען.

קיינער פון די איבעריגע הויז־לייט האָבען נישט געוואוסט, אַז דער אומשולדיגער בערעלע איז איצט ווערט מיליאָנען.

—וואו האָט איר אַהינגעטאָן אייער ביסעל צירונג?—האָבען באַקאַנטע געפרעגט.

אויף דעם פּלעגט די בעל־הבית'טע מיט אַ סוד־קול ענט־פערן:

—ע... שוין פאַרזיכערט, שוין איינמאָל פאַרזיכערט.

מען באַדאַרף נאָר נישט אַראָפּלאָזען די אויג פון בער און אַלץ וועט שוין גוט זיין. וועמען וועט עס איינפאַלען, אַז אין אַ בער ליגען בריליאַנטען?

און מען האָט אים טאַקי גוט געהיט.

און די קינדער האָבען געריטען אויף אים, געדריקט צו זיך און אים געשלאָגען, ווען ער האָט נישט געוואָלט שטיין אָדער גיין.

איינמאָל איז דאָס קליין טעכטערל צוגעגאַנגען מיט'ן בע־רעלע צו דער מוטער:—מאַמאַ! מען באַדאַרף אים אַרויסוואַרפען.

—וועמען? קינד!

—דעם בערעלע...

—פאַרוואָס?

ער וויל נישט שטיין. ער וויל נישט גיין, ער וויל נישט טאַנצען.

און פיל מי האָט געקאָסט דער מוטער, איינרעדען די קינ־דער אַז דער בערעלע איז איצטער קראַנק. ווי ער וועט נאָר געזונט ווערען, וועט ער נעמען שטיין, גיין און טאַנצען. זי איז נאָך פאָרזיכטיגער געוואָרען. ווער ווייס, אָב וועלען די קינדער אַרויסוואַרפען אַזאַ פאַרמעגען דורכ'ן פענסטער.

אין אַ קורצע צייט אַרום איז אין הויז געווען אַ טומעל. איין

שכן איז געלאָפֿען צו צווייטען נאָך אַן עצה...

זיינען געקומען מענשען מיט אַ באַפעל, אַז אַלע מוזען זיך פון דעם הויז אַרויסקלייבען, ווייל מען האָט עס רעקוויזירט.

עס איז געוואָרען אַ טומעל. די מענשען, די פרעמדע האָבען גענומען אַרויסטראָגען די זאַכען פון שטוב אויפ׳ן גאַס און אין דעם דאָזיגען טומעל איז דער קינדערשער בער פארשוואונדען געוואָרען.

פאַרשוואונדען און נישטאָ. אַן אַרבעטער האָט אים געוויס פאַר זיינס אַ קינד צוגענומען, אָדער עמיצער האָט אים אָפּגעגנב׳ט און אַוועקגעטראָגען אויף סוכאַרעווקע, אויפ׳ן מאַרק פאַרקויפען.

דער בער, דאָס קינדישע שפּילצייג, איז פאַרפאַלען געוואָרען.

אַלע אומגליקען זיינען אין שטוב פאַרגעסען געוואָרען. דער בערעלע, דער קינדערישער בערעלע איז פאַרשוואונדען געוואָרען.

די קינד׳ער האָבען געוויינט—עס האָט זיי געפעלט אַ שפּילצייג.

די מוטער האָט זיך פאַר׳ן קאָפּ געכאַפּט: אַ מאַיאָנטעק מיט צירונג איז צוזאַמען מיט׳ן בערעלע אַוועק.

מען האָט געפרובט לויפען, זוכען, אויספאָרשען.

דער אומשולדיגער אָנגעשטאָפּטער בער האָט זיך צוריק נישט באַוויזען.

אָט דאָס איז די מעשה, די ווירקליכקייט פון לעבען, נאָר דאָ הויבט זיך אָן די פאַנטאַזיע.

וואו איז אַהינגעקומען דער בער מיט די ברילאַנטען?

אפשר האָט עס דער, וואָס האָט אים גע׳גנב׳ט, פאַרקויפט אַ צווייטען אויף „סוכאַרעווקע", אויפ׳ן מאָסקווער גרויסען מאַרק און דער צווייטער איז געשטאַנען און געפרווירען מיט׳ן בער אונטער׳ן אָרים און קליינע קינדער לאָבוסעס זיינען פאַרבייגעגאַנגען און אים געגלעט און גערייצט זיך מיט׳ן שטומען בער?

אפשר!..

אפשר!..

אפשר האָט עס אַן אַרבעטער געבראַכט אַ היים, געקויפט

דאָס בערעלע פּאַר זיינע קינדער און זיי האָבען זיך געשפּילט מיט אים אין אַן אָרעמען קעלער. נאָר אַרום אין שטוב איז דלות געווען און נויט און אויפרעגונג, שרייען די קינדער און שפּילען זיך. כאַפּט די בייזע מאַמע אַרויס פון זיי דאָס בערעלע און שלאָגט מיט אים די קינדער און זי ווייס נישט, אַז אינעווייניג אינ'ם בערעלע ליגט די רעטונג!...

וואו איז איצט דער בער?

אפשר ערגיץ אויף אַ בוידעם. זעלטען ווען אַ מענש גייט דאָרט אַרויף און מען טרעט אויף זיין אָנגעשטאָפּטען בויך און מען וואַרפט אים פון איין ווינקעל אין צווייטען.

און אפשר האָט ער זיך פלוצלונג אויפגעריסען, צופעליג געפּלאַצט, בעת אַ קינד האָט זיך געשפּילט מיט אים און פון אינעווייניג זיינען אַרויסגעפאַלען שנירעלעך פּערל, בריליאַנטענע אויריגלעך, רינגעלעך... אַ פאַרמעגען, אַ רייכקייט...

ליבער לעזער! איך רעכען, אַז דו וועסט צוגלייך מיט מיר נישט זיין גלייכגילטיג פון איצט אָן צו יעדען אָנגעשטאָפּטען בערעלע.. וואו דו זאָלסט אים נישט באַגעגענען, אין שוי-פענסטער פון אַ שפּילצייג-געשעפט, צי אין קינדער-חדר... אומעטום.

דאָס איז נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה. איך זע איצט יעדען טאָג די מענשען, ביי וועמען עס האָט פּאַסירט די געשיכטע. זיי האָבען שוין נייע בריליאַנטען, נאָר יענעם בערעלע פאַרגעסען זיי נישט.

נישט לאַנג האָט מיר דידאָזיגע פרוי דערציילט, אַז דער בערעלע איז איר צו חלום געקומען.

זי האָט אים שוין געוואָלט נעמען און אויפשניידען, איז ער פלוצלונג אַנטלאָפען און זי האָט זיך פון חלום אויפגעכאַפּט...

וואו ביזטו, בערעלע?

פּינעלע.

פּויל און לאַנגזאַם גייט די אַרבעט אויף דער דאַמף-גאַר־בעריי אין די הייסע זומער-טעג: די בעלי-הבתים זיינען זיך צו־פאָרען אין די בעדער און דער גאַנצער אויפזעער איז געבליבען איסאַק, דעם שעפ׳ס יונגסטער זון, וועלכער איז נישט לאַנג צו־ריקגעקומען פון אויסלאַנד. ער האָט דאָרט געלערנט עטליכע יאָר און קיין זאַך זיך נישט אויסגעלערנט. פאַרוואָס איז דאָס אי־סאַק געקומען אַזוי פּלוצלונג און אָנגעהייבען אַרבעטען אין פאַב־ריק? אָט וועגען דעם האָבען זיך אַרבעטער אַ לאַנגע צייט גע׳־סוד׳עט, מען האָט נישט געוואוסט אויף קלאָר. נאָר עפּעס האָבען זיי דערשמעקט: אַ מעשה מיט אַ פאַלשען וועקסעל, דער פאָטער זאָל האָבען געפאָרען צו אים און אים אַרויסגעראַטעוועט, נאָר מיט דעם באַדינג, ער זאָל זיך שוין אויפהערען צו בילדען און פאָ־רען אין פאַבריק אַריין...

איבעריגענס—די אַרבעטער גייט עס שטאַרק נישט אָן, זיי זיינען צופרידען, וואָס זיי האָבען איצט אין די הייסע טעג אַזאַ גוטען אויפזעער: איסאַק קומט זעלטען ווען אַריין אין פאַבריק

און דאָס קומט ער צום דייטשען מייסטער, ווען ער דערציילט, ווי ער האָט געלעבט אין אויסלאַנד — איז דאָס געווען אַ לעבען! ווײַן, פרויען, קאָרטען און... דער טײַוועל אַליין פלעגט זיי העלפען, די סטודענטען, אויסזוכען נײַע פאַרגעניגענס. דער דייטש דערמאָנט זיך אויך עפּעס פון זײַן יוגענט און דערציילט פאַר איסאַק'ן זײַנע העלדישקייטען. אָט אַזוי האָבען זיי זיך באַפריינדעט און געמאַכט אַ שטיקעל פאַרבאַנד: די בעלי-הבתים זײַנען אין אויסלאַנד און לעבען דאָרט אַ גוטען טאָג, טאָ פאַרוואָס זאָלען זיי אויך נישט האָבען אַביסעל הנאה פון זומער. קומט ער אַרײַן, איסאַק, און שלעפּט אַוועק דעם מייסטער אין שײַנק, די אַרבעטער וואַרטען נאָר אויף דעם: מען כאַפּט זיך אַרויס פון פאַבריק און מען לויפט צום נאָנטען טײַך... מען וואַרפט אויף גיך אַראָפּ די שמוציגע קליידער, וואָס זײַנען פאַרפעצט פון די פעל און מאַשינען-אייל, און איינער נאָכ'ן צווייטען שפּרינגען זיי אַרײַן אין וואַסער. עס איז גישט צו דערקענען די פאַרזאָדגטע אַרבעטער, ווי צעלאָזענע קינדער שפּרינגען זיי אַרום אין וואַסער, לאָזען זיך אַראָפּ צום גרונט און ווייזען זיך ווידער, באַשפּריצען זיך איינער דעם צווייטען... און פון די קעפּ, פון די האָר רינגען שטראָמעלעך וואַסער, ווי צעשמאָלצענער זילבער. די געשרייען טראָגען זיך אַלץ ווייטער. דאָס וואַסער רוישט שטאַרקער. פּלוצלונג גיט ווער אַ געשריי:

— דער מייסטער גייט!...

מען שפּרינגט אַרויס פון וואַסער. יעדערער כאַפּט זײַן פּעקעל קליידער און אַנטלויפט; ווער עס אויספּייעט, לויפט אַרײַן צוריק אין פאַבריק, ווער נישט — באַהאַלט זיך האַלב נאַקעט אין גראָז. דער מייסטער גייט טאַקע אויפ'ן וועג, נאָר ער וויגט זיך אויף אַלע זײַטען, ווי אַ יונגער בוימעל אין אַ ווינט-טאָג.

איסאַק איז אַ הויכער, אַ שײַנער ברונעט. אין שטעטעל האָט זײַן קומען אַרויסגערופען אַ גאַנצען טומעל: די מיידלעך האָבען זיך גענומען מער שפּיגלען און פּוצען, זיי האָבען אים

באַכגעקוקט, וואו ער גייט, וואָס ער טוט, ער האָט אָבער זיי די ערשטע צייט קיינעם נישט באַמערקט. ער האָט זיך נאָך נישט געקאָנט אָריענטירען אין שטעטל. שפּעטער האָט אים דער מייס-טער עפּעס אַריינגעשושקעט וועגען דעם מילנערס טאָכטער, פייגעלע. פייגעלע איז אַ שלאַנק מיידעל, אַ שוואַרצע מיט אַ לענגליכען שוואַנען-האַלז. זי טראָגט זילבערנע אוירינגלעך ווי די ציגיינערינס און גייט שטענדיג ריין אָנגעטאָן. צייטענווייז זעט מען איר זיצען ביי דער מיל מיט אַ ביכעל אין האַנט. די מיל רוישט, דאָס וואַסער שוימט און שפּריצט און פייגעלע לייענט עפּעס מעשיות פון גרויסע שטעט, פון פּאַלאַצען, פון ליבע...

עטליכע מאָל איז שוין איסאַק געווען ביי זיי. ער האָט גערעדט מיט איר טאַטען, און אין דערזעלבער צייט געקוקט אויף איר.

ער האָט זי ווען באַמערקט זיצען מיט אַ בוך. איז ער צוגעגאַנגען, געפרעגט וואָס זי לייענט, זיך אָוועקגעזעצט לעם איר. ער האָט עפּעס אָנגעהייבען ריידען, דערציילען. נאָר באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך אַביסעל פאַרלוירען קוקענדיג אין אירע ריינע אויגען און הערענדיג איר נאַאיווע אָפענהאַרציגע ענטפערס. ער איז אַלץ געוואוינט געווען מיט די גרויס-שטעטישע פרויען. דאָרטען ווערט אַזוי גיך קאָנטשאַפט געשלאָסען. דאָרטען פאַרשטייט מען זיך אויף האַלבע ווערטער, און דאָ מוז ער זיך צופּאַסען צו איר.

זיי זיינען אַביסעל אויפגעטראָגען געוואָרען און איסאַק פלעגט שוין קומען צום דייטש און אים דערציילען פון פייגעלען. ער פלעגט זיך באַרימען, אַז ער קושט דאָס מיידעל און אין דער אמת'ן האָט ער מורא געהאַט פאַר איר. ביי אַ צווייטיגען וואָרט פלעגט זי ווערען ברוגז און נישט ענטפערן. זי פלעגט ליב האָבען צו הערען ווי ער דערציילט פון די גרויסע שטעט, פון טעאַטער און פון באַרימטע זינגערס, און ער פלעגט גאָר ווערען אַן אַנדערער, ווען ער פלעגט זיצען מיט איר אַ קורצע צייט. עס פלעגט אים פיל מאָל פאַרדריסען, וואָס ער באַרימט זיך פאַר'ן דייטש, וואָס ער באַליידיגט איר אונטער די אויגען. נאָר איינמאָל האָט ער נישט אויסגעהאַלטען.

אירע ליפּען זיינען אַזוי נאָנט געווען, איר אָטעם האָט אים אָנגעצונדען. ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און געוואָלט אַ קוש געבען, און זי די נאַאיווע פּראָווינציעלע מיידעל האָט אים דערלאַנגט אַ שטויס אָפּ פון זיך און אַראָפּגעלאָזען אַ פּאַטש. עס האָט אַ קלונג געגעבען, אַז זי האָט זיך אַליין דערשראָקען, כאָטש דער פּאַטש איז נישט געווען אינגאַנצען פון כעס, דאָס איז גיכער געווען אַ קאַפּריז. אַ האַלבער שטיף. איסאַק איז אַביסעל צעטומעלט געוואָרען, נאָר באַלד געקומען צו זיך און דערביי געטראַכט: אַהאַ! עס ווערט אינטערעסאַנט. ער האָט געהאַט וועגען דעם אַ באַזונדערן באַגריף:—אַ פּאַטש פון אַ פרוי, פלעגט ער זאָגען,— איז אַ האַלבער קוש. פייגעלע איז דעמאָלט אַנטלאָפען אַהיים און איסאַק איז געבליבען אַליין, האָט ער אַרומגעקוקט די געגענט און צום ערשטען מאָל באַמערקט, ווי שיין און ווי וואויל דאָ איז אין שטעטעל: דאָס וואַסער אַרום מיל האָט גערוישט, ווי אַ ווילדער וואַסער-פאַל, אַביסעל ווייטער האָבען זיך קינדער געבאָדען. זיי האָבען אויסגעזען ווי מלאכים, וועלכע שטיפען אין גן-עדן...

יעדען פאַרנאַכט, ווען די זון נעמט פאַרבען די שויבען פון פאַבריק, הייסט איסאַק אָנזאָטלען צוויי פערד: פאַר זיך און פאַר'ן מייסטער, און מען פאָרט שפּאַצירען. דער דייטש וואָלט זיך פון דעם פאַרגעניגען אַנטזאַגט, עס איז אים אַביסעל צו שווערליך צו זיצען אויפ'ן פערד. ער וואָלט בעסער געגאַנגען אין שיינק, נאָר עס פּאַסט אים נישט זיך צו אַנטזאַגען. כאַפּט ער זיך אַרויף אויפ'ן פערד און שרייט די גאַנצע צייט: „האָפּ! האָפּ!” דאָס מאָל האָט איסאַק אויסגעקליבען דעם וועג אַרום מיל. עס האָט זיך אים געוואָלט ווייזען פאַר פייגעלען, זאָל זי זען, ווי פעסט ער זיצט אויפ'ן פערד, און צווייטענס איז אים עפּעס אָנגענעם געווען פאַרבייפאָרען דעם אָרט, וואו זי לעבט. ער איז שוין געווען נאָנט פון מיל. נאָר פייגעלען האָט ער נישט געזען. דער דייטש האָט באַמערקט, ווי ער קוקט זיך אַרום, האָט ער גע-

פרעגט ביי אים, וואָס עס הערט זיך? ווי האַלט ער מיט דעם
מיידעל? דאָ האָט איסאַק נישט אויסגעהאַלטען און זיך ווידער גע-
נומען באַרימען. ער האָט געשפּירט, ווי ער באַליידיגט דאָס מיי-
דעל און זיך זעלבּסט, נאָר אויפהערען צו ריידען האָט ער נישט
געקאָנט. זיי זיינען שוין פאַרבייגעפאָרען די מיל. דאַן האָט אי-
סאַק אומגעדרייט דעם קאָפּ און באַמערקט פון ווייטען, ווי פיי-
געלע באַהאַלט זיך אונטערן פלויט און קוקט אים נאָך. זי האָט
נאָר דערזען, ווי איסאַק דרייט אום דעם קאָפּ, איז זי באַלד פאַר-
שוואונדען געוואָרען. ער האָט צו זיך אַליין אויסגעשריען: פיי-
געלע, ווערסט שוין פון מיר נישט אַנטלויפען. און דאָס פערד
האָט באַקומען אַ שטויס מיט'ן פוס אין זייט, אַז עס האָט פון
אָרט אויפגעשפּרונגען. דערנאָך איז איסאַק אַוועק איבער'ן פעלד
אַ ווילדען גאַלאָפּ. דער דייטש איז אָפּגעשטאַנען. ער האָט איבער-
הויפּט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט געמיינט,
אַז איסאַק איז שכּור, און עס האָט אים פאַרדראָסען, וואָס יענער
האָט אים נישט מיטגערופען טרינקען. איסאַק איז דערווייל אַוועק
ווייט-ווייט איבער די פאַרזייטע פעלדער, עס
האָט זיך אים אויסגעדוכט, דאָס ער יאָגט נאָך דעם זודיגען גליק.
ער האָט זיך שוין לאַנג נישט געשפּירט אַזוי יונג, אַזוי שטאַרק.
און פייגעלע'ס שלאַנקע פיגור האָט זיך אַלץ אַזוי אַרויסגע'גנב'ט
פון אונטער די ערשטע נאַכט-שאָטענס, זיך אַרויסגע'גנב'עט און
ווידער זיך באַהאַלטען. איסאַק האָט געשעפּטשעט:

—ווערסט נישט אַנטלויפען, ווערסט נישט אַנטלויפען!

סוף זומער זיינען די בעל-הבתים געקומען פון די בעדער
און אינדערהיים ביי איסאַק'ן האָט זיך אָנגעהייבען אַ גיהנום:

—וואָס האָסטו אומגליקליך געמאַכט אַ מיידעל! — האָט מען
צו אים געשריען.

—מיר האָבען זיך ליב,—האָט איסאַק געלאַכט.

דערווייל זיינען פייגעלע'ס אַלע קרובים יעדען טאָג געקו-
מען און סקאַנדאַליען געמאַכט.

—אומגליקליך געמאַכט אַ אידיש טאָכטער.

איסאַק׳ס פאָטער האָט פאַרגעלייגט געלט:

—זאָל זאָל זי אַוועקפאָרען קיין אַמעריקע.

און איסאַק האָט עס באַדאַרפט איבעררײדען מיט איר, זי זאָל אַוועקפאָרען קיין אַמעריקע, נאָר אָנשטאָט אַמעריקע, איז דער סקאַנדאַליסט איסאַק אַוועק צום רב און געשטעלט אַ חופה און דאָס שטעטעל האָט געקוואָלען.

נאָר דער דײַטש האָט זיך געבייזערט אויף איסאַק׳ן:

—מיט אַ מיידעל באַדאַרף מען זיך אָפּשפּילען און אַ סוף און דאָ האָסטו גענומען און חתונה געהאַט, אויס איסאַק...

—איסאַק האָט זיך פאַרענטפערט:

—מען באַדאַרף דאָך ווערען אַמאָל אַ מענש צו מענשען גלייך...

און אין דערהיים ביים טאַטען האָט מען זיך אונטערגע-געבען.

—דעם מילנער׳ס טאָכטער האָט פון אים אַן אַנדער מענש געמאַכט.

איסאַק האָט גענומען פלייסיג אַרבעטען.

נאָר אַמאָל פלעגט ער זיך פאַרטראַכטען און וואונדערן זיך.

—אַזאַ מיידעלע, אַזאַ פייגעלע און האָט מיך געכאַפּט.

אין קורצען האָט ער זיך שוין גאָר אויפגעהערט צו באַ-געגענען מיט׳ן דייטש. דער שיינקער האָט שוין פון אים מער נישט געלייזט פאַר קיין בראָנפען.

—אַ נס איז געשען,—האָבען ווייבער צווישען זיך גערעדט.

און אַז פייגעלע פלעגט דורכגיין די גאַס, האָבען פיל מענשען איר געבענשט.

פאַרוואָס? גלאַט אַזוי, מענשען האָט הנאה געטאָן די גאַנ-צע געשיכטע...

דער דריטער.

דוד פלאָנסקי איז נישט קיין באַרימער און נישט קיין ליגנער. ער האָט אויך פיינט אַנעקדאָטען און צינישע וויצען. ווען ער דערציילט עפּעס שפּירט מען, אַז ער האָט דאָס איבערגעלעבט. עס דוכט זיך דאַמאָלט אויס, אַז ער וויל זיך פאַרטיידיגען מיט זיין ערציילונג: צופיל באַרעדט מען אים, צופיל שונאים האָט ער צוליב זיין ערפאָלג ביי פרויען.

דאָסמאָל האָט מען טאַקי גערעדט פון פרויען, פון טרייהייט. מען האָט זיך געשפּאַרט, ווער עס ליבט שטאַרקער, ווער עס איז ערליכער אין דער ליבע. פלאָנסקי האָט געוואָלט אָפּקומען מיט אַ שפּאַס און ער האָט זיך אָנגערופען:

—איך רעכען, אַז ריידען וועגען ליבע דאַרפען אַלטע לייט, וועלכע זוכען אַ טרייסט אין זכרונות...

—און וואָס זאָלען טאָן די יונגע?

—די יונגע דאַרפען ליבען,—האָט ער האַלב אין כעס געענטפערט. נאָר באַלד האָט ער געביטען דעם טאָן:

—איר רעדט דאָ פון טרייהייט; איך וועל אייך עפּעס דערציילען.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון שטול, אָנגעשפּאַרט זיך אויף די אַקסלען אָן טיש און אָנגעהייבען:

איינמאָל האָב איך זיך באַקאַנט אויף אַ זומער-וואוינונג מיט אַ יונג ווייבעל, אַ ברונעטקע מיט אַ געזונטער פריילּיכער נשמה; זי פלעגט קיינעם נישט אויפרעגען מיט איר צופיל לאַכען. איך האָב געשפּירט, אַז דאָס איז ביי איר נאַטירליך. פאַר אַ קורצע צייט, וואָס זי איז געווען אין פּענסיאָנאַט, האָבען איר אַלע ליב געקריגען. צום צווייטען מאָל האָב איך איר באַגעגענט ביים טייך. זי איז אַליין געשטאַנען ביים ברעג און שווייגענדיג אַרומגעקוקט די געגענט, וואָס האָט זיך אַלץ מער פאַרשלייערט אין די טונקעלע נאַכט-שאָטענס. זי איז אַזוי געשטאַנען אין איין פּאָזע. איבערן קאָפּ האָבען טויזענטער פויגעלעך געזשומעט און הויך-הויך האָבען שוין עטליכע שטערען געבּרענט. איך בין צוגעגאַנגען צו איר און געפרעגט, וואָס זי טוט דאָ אַליין און וואָס איז זי אַזוי פאַרזאָרגט, צי בענקט זי נישט נאָכ׳ן מאַן? זי האָט בייז אַ קוק געטאָן אויף מיר און באַלד זיך פונאַנדערגעלאַכט:

—נאָכ׳ן מאַן? ניין! עס איז פאַראַן נאָך וועמען צו בענקען אָן א״ם...

—אפשר נאָכ׳ן שטאָטישען טומעל? נאָך אַ גוטען פריינד?

—וואָס זייט איר אַזוי נייגעריג? עס פּאַסט נישט פאַר אַ מאַנסבּיל!...

—נו, אויב עס פּאַסט נישט, וועל איך שוין מער נישט פרעגען. און מיר האָבען אָנגעהייבען צו ריידען פון אַנדערע זאַכען. עס איז אַלץ פינסטערער געוואָרען. מיר האָבען זיך נישט געאיילט אַ היים. מיר האָבען גערעדט און דערציילט די מער אינטערעסאַנטערע מאָמענטען פון אונזער לעבען. מיר איז דאָ גוט געווען אויף דער נשמה: נישט מיט יעדער פרוי ווילט זיך אַזוי לאַנג אָפּזיצען אויף איין אָרט און ריידען אָפענהערציג. פון דאָס, וואָס זי האָט מיר דערציילט, בין איך דערגאַנגען, אַז דעם מאַן האָט זי נישט ליב, אַז חתונה געהאַט האָט זי נישט מיט איר אייגענעם ווילען, נאָר די עלטערן האָבען איר געצוואונגען דערצו. נאָך בין איך דערגאַנגען, אַז עס איז פאַראַן אַ מענש,

וועלכֿען זי האָט ליב געהאַט פאַר דער חתונה און האָט אים נאָך איצט אויך ליב. דאָס איז אַ סטודענט, ער באַדאַרף אין אַ צוויי יאָר אַרום ענדיגען. זי האָט מיר געגעבען אָנצוהערען, אַז זי וואַרט ער זאָל ווערען זעלבסטשטענדיג. אין יענעם אָוועט איז צווישען אונז שווייגענדיג געשלאָסען געוואָרען אַ פאַרבאַנד. ווען איך בין געקומען מיט איר אין פענסיאָנאַט איז שוין געווען נאָך אָוועט-ברויט. מען האָט אונז נייגעריג באַטראַכט און צו מיר האָט שוין ווער אַ וואונק געטאָן: „אַהאַ, ברודער, האָסט שוין געפאַנגען"...

זי פלעגט קריגען בריף פון מאַן און פון געליבטען. מיר פלעגען יעדען טאָג גיין צוזאַמען אויף דער פאָסט. זי פלעגט מיר די ערשטע צייט איבערלייענען אַמאָל אַפּאָר שורות פון סטודענט'ס בריף. שפּעטער פלעגט זי מיר שוין איבערלייענען דעם גאַנצען בריף. אָט אַזוי בין איך געוואָרען איר פאַרטרויטער. טאָג און נאַכט פלעגט מען אונז זען צוזאַמען. מען האָט אונז שוין אָנגעהייבען באַריידען. עס פלעגט אַמאָל דערפליען צו מיר אַ שטאָך-וואָרט, אַ גראָבער שפּאַס. איך האָב עס איר דערציילט...

—אייך גייט עס אָן,—האָט זי מיר אויף דעם געפרעגט.

—מיר נישט, נאָר אייך...

—מיר אינטערעסירט עס נישט אויף קיין האָר,—האָט זי מיר געענטפערט.

און מער האָבען מיר וועגען דעם נישט גערעדט.

איך ווייס נישט אויף זיכער, וואָס איך בין אויסען געווען מיט דעם, וואָס איך האָב נישט אויפגעהערט אַרומצוגיין מיט איר. נו, זי געפעלט מיר צוואַנציג מאָל, אָבער עס איז דאָך אומזיסט: מיט איינעם איז זי פאַרבונדען, דעם צווייטען האָט זי ליב און וואָס זאָל איך דאָ טאָן? מעגליך, אַז עס האָט מיך אַביסעל געריירט איר לאַגע; זי האָט טאַקי שטאַרק געליטען פון דעם, וואָס זי מוז לעבען מיט אַ מענשען, וועלכער איז איר ווילד פרעמד. נאָר אין דער אמת'ן האָב איך דאָך שוין געליטען צוליב איר. צום טייוועל דעם מאַן מיט'ן געליבטען! איך האָב אָן אַלץ פאַרגעסען. זי האָט מיך גערייצט, זי איז אַליין געווען דער זומער...

איך געדענק איינמאָל אויפ׳ן פעלד, פאַרנאַכט, מיר קוקען צו מערב-זייט: ווערט זיך נאָך לאַנג האַלטען דער פייערדיגער פנים אויפ׳ן הימעל? זי קוקט אויף מיר אַ רגע. איך שפּיר, אַז אין דעם מאָמענט איז זי מיר די נאָנטסטע אין לעבען. און אינסטינק-טיוו ציען זיך אויס די אָרעמס צו איר. איך וויל איר אַ קוש געבען, נאָר זי גיט אַ שפּרונג-אויף, ווי אַ שלאַנג וואָלט זי איינגעביסען.

—הערט אויף—שרייט זי צו מיר.—נישט דערוועגט זיך. און די אויגען ברענען פון כעס.

—באַרואיגט זיך, איך וועל זיך באַהערשען.

דאַמאָלס רעדט זי שוין מיט אַ ווייכערן קול, נאָר אויך מיט געוויסער אויפרעגונג.

—סטאַרעט זיך, הער פּלאנסקי, אַז מיין געוויסען זאָל בלייבען ריין!

איך האָב נישט געוואוסט אַנטקעגען ווען זי וויל איר געוויסען זאָל ריין בלייבען: אַנטקעגען איר מאַן, צי אַנטקעגען איר געליבטען. אַזוי צי אַזוי—אַ מענש אַפּעלירט צו מיר, אַ מענש איז אין מורא פאַר זיין געוויסען. אירע ווערטער האָבען אויף מיר געווירקט ווי אַ קאַלטער עמער וואַסער. איך האָב זיך פון דאַ-מאָלס אָן אויפגעהערט צו ערלויבען אַזעלכע זאַכען. ביי מיר אין די אויגען איז זי אויסגעוואַקסען. אָט האָב איך באַגעגענט אַ פרוי אַ שטאָלצע, אַ פרוי, וואָס הערשט איבער זיך. איך האָב נישט איבערגעריסען די טאָג-טעגליכע באַגעגענישען. עס איז שוין גע-ווען אין מיטען זומער. די רויטע מאַלינעס האָבען געוואונקען אויף די שטענגעלעך פון גרויסען גאָרטען, וואו מיין באַקאַנטע האָט געלעבט. איך געדענק, מיר זיינען איינמאָל אַריין גאַנץ טיף אין די מאַלינעס - בוימלעך, וועלכע זיינען געווען העכער פאַר אונז. אַרום איז קיינער נישט געווען און מיין ברונעטקע איז אָנ-געטאָן אין אַ לייכטען ראָזען מאָרגען-ראָק. צווישען גרינע בוימ-לעך האָט איר קלייד פון ווייטען געפלאַקערט. איך געדענק, איך האָב געקוקט אויף איר, איך האָב געהערט, ווי זי אָטעמט, ווי זי לאַכט און רייסט די צייטיגע מאַלינעס און שלינגט זיי באַלד

אראָפּ... און אין די אויגען האָט מיר אָנגעהייבען שווינדלען. יאָ. מ'זאָגט, אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע „הייליגע" נשמות, וועלכע בלייבען גלייכגילטיג צום לעבען, עס מעג ווי רייצען... איך געהער נישט צו אַזעלכע. איך האָב געשפּירט ווי איך פאַר-ליר מיין גלייכגעוויכט. נאָך אַ רגע און עס וועט עפּעס פאָרקו-מען שרעקליכעס. און עפּעס אַ פרעמדע קראַפט האָט מיך אַ שטויס געטאָן צוריק. איך בין אַנטלאָפען פון גאָרטען...

און לויפענדיג האָט זיך מיט מיר עמיצער ווי גערייצט, אין די אויערן האָט כסדר געקלונגען:

—„האָסט גוט געטאָן!"

—„האָסט שלעכט געטאָן."

—„ביזט אַ פיינער מענש."

—„ביזט אַ יאָלד, אַ נאַר."

—„איינמאָל לעבט מען".

און פאַרגעסט. אַז עס איז געווען דאַמאָלס זומער און איך בין אַ סך, אַ סך יונגער געווען.

איך וועל נישט לייקענען, אין מיין דאַמאָלסטיגער עקשנות איז געווען אַ געוויסע פּראַכט. איך האָב נישט געוואָלט זיין קיין ערליכער מענש.

איך האָב זיך אַליין געוואָלט אויספּרובירען.

דאָס איז דאָך אַ שטילע העלדישקייט, אַ פאַרבאָרגענע מערטירעריי. איך האָב דורכגעלעבט שווערע טעג און דאָך פלעג איך מיט איר ווידער פאַרברענגען לאַנגע שעה'ען און ריידען פון איר געליבטען, פון אירע פּלענער אויף דער צוקונפט. און איך האָב זיך געסטאַרעט, איר געוויסען זאָל בלייבען ריין... און הערט זיך איין! איינמאָל אין אַ נאַכט, ווען די שטערען האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען נענטער צו דער ערד, ווען אין דער וואַרימער לופט האָבען זיך צוגאָסען בלומען-דופטען, וועלכע האָבען פאַר-שכורט אונזערע הערצער, מיר האָבען דאַמאָלס מער געשוויגען ווי גערעדט... פּלוצלונג האָב איך דערשפּירט ווי מ'קושט מיך ווילד, ווי צוויי הענט אָרעמען מיך אַרום. איך וואָלט פאַר דער

זון מיין פנים נישט געקענט ווייזען, ווען איך וואָלט זי דאַמאָלס אָפּגעשטויסען.

איך געדענק, אַז אין אַ קורצע צייט איז זי אַוועקגעפאָרען. עס איז דאַמאָלס געווען אַ רעגען-וועטער. איך האָב איר באַגלייט ביז'ן באַן, אויפ'ן וועג האָבען מיר גערעדט וועגען יענער נאַכט.

—ווי אַזוי איז דאָס געשען? און זי האָט די גאַנצע שולד אַרויפגעוואָרפען אויף זיך אַליין. זי האָט פיל געליטען: זי האָט צוויי מענשען גענאַרט...

ווען איך האָב זיך מיט איר געזעגענט, האָב איך צו איר געזאָגט:

—באַרואיגט זיך און פאַרגעסט, אַז איר האָט וועמען גע-נאַרט; געדענקט אָבער דעם שיינעם חלום. נישט איך, נישט איר זייט שולדיג; שולדיג איז די נאַטור, און די נאַטור קען קיינער נישט פאַר'משפט'ן...

ביינאכט.

I

איך וואַרט אויף דיר אין דיין צימער, אין דיין קליינעם ווינקעל. עס קומט אָן די נאַכט. עס איז איצט יענע שעה, ווען דאָס געוויינליכע ווערט אומגעוויינליך. אויפ'ן גאַס ראַנגעלט זיך נאָך דער טאָג מיט די ערשטע גאַסען-לאָמפּען, נאָר ביי דיר אין צימער איז שוין אינגאַנצען פינסטער. איך שפיר אַ ריח פון יונגע היאַצינטען, נאָר די בלומען זע איך נישט. ערגעץ אין אַ ווינקעל קלאַפּט אַ זייגערל, נאָר איך ווייס נישט וועלכע שעה עס איז.

ביי דיר אין צימער זיינען אָנגעשטעלט אַזוי פיל קליינע טישעלעך מיט שפּילצייג און סטאַטועטקעס. איך האָב מורא אַ טריט צו שטעלען, טאָמער פאַלט וואָס אום. איך רוק זיך פאָר-זיכטיג צו דער קאַנאַפּע און איך גיב זיך אָפּ אינגאַנצען דער שטימונג, וואָס הערשט ביי דיר אין צימער.

אויפ'ן גאַס ווערט פינסטערער. אין די שכנישע פענסטער ברענען שוין לאָמפּען און די פייערלעך ציען זיך צו דיר אין צימער. אפשר זיינען זיי אויך פאַרליבט אין דיר? דורך די זי-

פֿיגע גאַרדינען ציען זיך שטראַלען אין פֿאַסקעלעך ליכט ווי שלענגעלעך, ווי בינען פֿאַלען זיי אַראָפּ אויף דר'ערד, אויף די ווענט און אויף די קליינע טישעלעך מיט די סטאַטועטקעס.

וואָס איז די נאַכט? פֿאַרוואָס צויבערט זי אַזוי? און פֿאַרוואָס וויל דער מענש אַזוי באַזיגען די נאַכט מיט זיינע עלעקטרישע פֿייערן, מיט זיינע קאָלירטע לעמפּעלעך? וואָס ווילען די שאָטענס? פֿון וואַנען קומען זיי און וואוהין גייען זיי אַוועק? פֿאַרוואָס איז יעדער שאָרך אַזוי פֿיל מיט סודות און וואונדערליכער ערוואַרטונג? אַלע טרוימען און חלומות האָט דער מענש ביינאַכט אויסגעטראַכט.

שטיל און גוט אויף דער נשמה און די בענקשאַפֿט נעמט אַרום אַזוי צאַרט, פּונקט, ווי דיינע הענט... איך וואָלט וועלען, אַז דו זאָלסט איצט אַריינקומען אָן גערויש, אָן לאַכען, נאָר שווייגען זאָלסטו! איצט, ווען די שווערע וועגענער האָבען אויפגעהערט צו קלאַפּען אויפ'ן גאַס, ווען די הענדלערס פֿאַרשליסען די קאַסעס, ווען די נאַכט האָט צוגעדעקט די גרויע ערד.

אונטער די פֿיס ליגט מיר אַ ווייכער דיוואַן, אויף וועלכען עס זיינען אויסגעמאָלט אַ לייב מיט צוויי קליינע לייבעלעך, אַ לאַנגער ווייסער שטרויס און נאָך עפּעס אַ מאָדנע חיה מיט גרויסע ציינער. די שטראַלען פֿון פֿרעמדען פֿענסטער קריכען אַרום איבער'ן דיוואַן און עס דוכט זיך מיר אויס, אַז די חיות מיט'ן שטרויס באַוועגען זיך, זיי דערנענטערן זיך צו מיר. נאָר עס שרעקט מיך נישט, עס איז שטיל, אַזוי וואונדערבאַר רואיג אין דיין צימער! אָפּטמאָל דערפֿליט פֿון ערגיץ אַ הויך וואָרט, אָדער עטליכע האַרמאָנישע גאַמען פֿון אַ קלאַוויר און אונטען טיף-טיף ווי אין אַן אָפּגרונד רוישט די שטאָט, ווי עס רוישט דער ים אין אַ לייכטען שטורם.

II.

דו ביזט אַריינגעלאָפֿען ווי אַ שד'ל... ניין, ניין! ווי אַ מלאך! ווער נישט ברוגז, ווען מען באַליידיגט דיך אין אַ שפּאַס, דו

האָסט מיך אויפגעוועקט מיט דיין לאַכען, דו האָסט פאַריאָגט די פרעמדע שטראַלען מיט דעם גלאַנץ פון דיינע אויגען. און פייער האָסטו אָנגעצונדען—איצטער זע איך פיל בלומען דו האָסט, איצטער זע איך, ווי שפעט עס איז שוין...

און דו רופסט, דו רופסט אונטען, עס ווילט זיך דיר שפּאַצירען, צענויפמישען מיט די טויזענטער פרעמדע אומבאַקאַנטע מענשען. איך גיי מיט דיר! אַראָפּלאָזען זיך אין טאָל איז פיל גרינגער, ווי אַרויפגיין אויף׳ן באַרג און דיינע אויגען ציען אַזוי, איך גיי מיט דיר...

וואַרט! איר ווער אַליין פאַר׳שכּור׳ט פון דעם גלאַנץ. צי דען איז דאָס די זעלבע שטאָט, וואָס בייטאָג? איך דערקען נישט די גאַסען, די מענשען... אַזוי פיל פייערן, אַזוי פיל קאָנטראַסטען אין די פאַרבען. יאָ, מיין פריינד, היינטיגע פּאָעטען דאַרפען אויפהערען צו באַזינגען דעם הימעל מיט די שטערען, ווייל די ערד ביינאַכט איז אַזוי פאַרפוצט, די שטאָט האָט אַזוי פיל געהיימנישען...

אַמאָל זיינען אור-אַלטע וועלדער געווען, וואו דרייסטע מערדער פלעגען זיך באַהאַלטען, וואו ריטערס פלעגען אויף יאַגד פאָרען. היינט איז די שטאָט אַ געדיכטער געהיימער וואַלד. און מיר אַלע פלאָנטערן זיך אין דעמדאָזיגען שטאָט-וואַלד. קיינער ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך אין די פאַרבאָרגענע קעלערס, אין די הויכע פענסטער פון די פיל-שטאָקיגע הייזער, אין די פינסטערע געסלעך. קיינער ווייס נישט וועלכע פאַרברעכענס עס פלאַנעווען די אָפּגעשטויסענע...

און דאָ איז אַלץ מיט ליכט באַגאָסען. מענשען שמייכלען. קינדער אָרימע אין צעריסענע קליידער ציען זיך צו די שויפענסטער פון די שפּילצייג און ביינאַכט אין חלום וועלען זיי זיך שוין שפּילען מיט די וועגעלעך, מיט די פּילקעס. דאָס זעלבע די גרויסע: אָט גייט אַפּאַר-פאָלק. יונגע אַרבעטער, זיינע קליידער זיינען אויסגעשמירט אין מאַשינען-אייל, זי איז ריין אָנגעטאָן מיט אַ טיכעל אויף׳ן קאָפּ. זיי שטעלען זיך אָפּ ביי אַ פענסטער פון פרויען-קליידער. זי ווייזט אים אָן מיט די פינגער

אויף אַ שיינעם מאַנטעל און דער אַרבעטער פּינטעלט מיט די מידע אויגען. ער זאָגט איר צו דאָס צו קויפען, זי נעמט שמיי-כלען, ווי אַ קינד און אין חלום וועט זי שוין שפּאַצירען אין מאַנטעל...

און אין טעאַטער, אין צירק, אין שיינק, — אומעטום יום-טוב'דיגע מענשען, דאָס פייערט מען דעם זיג איבער דעם גראָען שווערען טאָג...

פּלוצלונג פאַרגלוסט זיך דיר לויפען, פליען און מיר פאָרען אין אַ האַסטיגען אויטאָמאָביל, איבער טונקעלע גאַסען, איבער אַ באַלויכטענעם שאָסיי און די בוימער, די שטומע פון וואַלד קו-קען אויף אונז, ווי אַ נאַכטיגע סטאַדע שעפסען.

III.

דו ביסט שוין מיד. דיין קאָפּ פאַלט צו צו מיין אַקסעל. קום צוריק אין דיין קליינעם ווינקעל. אונזער גליק איז נישט אין טומעל. קום צוריק אין דיין שטילען נעסט, וואו דער ריח פון די היאַצינטען פאַרוויגט אין אַזאַ לייכטען דרימעל. איך וועל דיך קושען אין דרימעל. איך וועל דיר ווידער דערציילען דיין גע-ליבטע לעגענדע פון דעם אָפּגענאַרטען איקאַריוס. געדענקסט? פליגלען האָט ער זיך פון וואַקס געמאַכט און געפלויגען צום הי-מעל. ער איז שוין געווען הויך, הויך איבער די וואָלקענס, איז פּלוצלונג די זון אַרויס ווי אַ שטרענגער וועכטער, ווען ער דער-זעט אַ פרעמדען אַריינגיין אין גאָרטען. זי האָט בייז אַ קוק גע-טאָן אויף דעם, וואָס פליט צום הימעל און פון איר פייערדיגען בליק זיינען זיינע וואַקסענע פליגעל צעשמאָלצען געוואָרען. ער איז אַראָפּגעפאַלען אויף אַ פעלז, פון פעלז אין ים אַריין, די הענט און די פיס האָט ער זיך צעבראָכען. און די ים-מיידלעך האָבען זיך מיט זיין טויטען קערפּער געשפּילט, ווי מיט אַ פּילקע. זיי האָבען אים געוואָרפען אין דער לופטען און ער פאַלט באַלד צוריק אַריין אין ים. זיי האָבען געשפּאַסט פון באַזיגטען. דו וואָלסט אַזוי נישט געטאָן, דו וואָלסט זיינע וואונדען איבערגע-

בונדען, דו האָסט ליב דעם באַזיגטען...

יאָ... דו שאָקעלסט מיט'ן קאָפּ, דו האָסט אין זיך די רויִגקייט און די גוטסקייט פון דער נאַכט. ליולינקע, קינד!

אונטען רוישט נאָך אַלץ די שטאָט. די שטילקייט פון דיין צימער פאַרוויגט מיך און טראָגט מיך אַרויף אויף לייכטע פליגעל ערגיץ הויך... איך פיל זיך זיכער, ווי אין דער שטאַרקסטער פעסטונג, ווען דו ביסט מיט מיר.

און דו קוקסט נאָך אַלץ אַראָפּ פון פענסטער אויף די שפּאַצירענדע. עס ציט דיך נאָך אַלץ צום פרעמדען טומעל, צו די אומבאַקאַנטע מענשען. דו וואָלסט וועלען אויסטרינקען דעם גאַנצען בעכער פון דעם נאַכט-חלום. דו ביסט מיד. קום אַהער נעענטער! די האָר דיינע זיינען צעפּאַלען. אַזעלכע שרעקעדיגע שוואַרצע האָר האָט געמוזט האָבען יהודית, און דו ביסט דאָך גאָר די פאַרטרוימטע שולמית. קום אַהער נעענטער! די נאַכט וועט אונז ביידען פאַרוויגען...

דו הערסט די לעצטע טריט. עמיצער שפּרייזט אויפ'ן לייִדיגען טראָטואַר. פונקט ווי ער וואָלט שפּרייזען אויף די פּליטעס פון אַ בית-עולם. אַ מענש שפּרייזט איינער אַליין שפּעט ביי נאַכט. מיר ווייסען נישט, ווער דער מענש איז און דער מענש ווייס פון אונז גאָרנישט.

האָב מיך ליב,—מיר זיינען זעהר איינזאַם.

אַ נאַכט-פויגעל שרייט איבער אַלע דעכער און קלויסטערשפּיצען, שרייט ביינאַכט אַ פויגעל מיט אַ קול, וואָס איז פאַר דעם מדבר געבוירען געוואָרען. מיר ווייסען גאָרנישט... קום נעענטער, נעענטער—מיר זיינען זעהר איינזאַם.

גנבים...

די נאַסע טראָטואַרען גלאַנצען. פון די דעכער טראָפּענט פון צייט צו צייט און ארום איז נאַכט. איינצעלנע סילועטען באַוויזען זיך און ווערען פאַרשוואונדען אין די הינטערשטע גאַסען. כמורנע-טריבּ ברענען די עלעקטרישע לאָמפּען און גיסען קרענקליכען שיין אַרום זיך. די גרויסע שטאָט איז איינגעשלאָפען. אין די רייכע רעסטאָראַנען לעבּט זיך. דאָרטען האָט זיך דאָס שלאָפלאָזיגקייט פאַרקליבען, און די קלאַנגען פון מוזיק וועקען און וועקען אַלץ העכער. נאָר דאָ אויף די גאַסען האָט די נאַכט אירע אייביגע פליגעל פאַרשפּרייט און אַלץ באַזיגט. אפילו די נאַכט-וועכטער, די וואָס האָבען זיך צום וואַנט צוגעשפּאַרט און לויערן, און די, וואָס שפּרייזען דרעמלענדיג אַרום הין און צוריק אויפ'ן טראָטואַר—זיי זיינען אויך פון דער נאַכט באַזיגט: אין זייער שווייגען שפּירט זיך די נאַכט און זייער מידקייט...

אַ פאַרשפּעטיגטע זונה לויפט דורך די גאַס: זי האָט זיך פאַר קיינעם קיין מורא נישט בּיינאַכט. זי האָט שוין נישט וואָס צום פאַרלירען. זי קוקט זיך אַרום: קיינער נישטאָ שוין אין גאַס —ווערט זי פאַרשוואונדען.

פלוצלונג דערהערט זיך אַ קלאַנג פון אַ צעבראָכענער שויב, עס דערהערט זיך אַ געשריי:

—ראַטעוועט, ראַטעוועט! גנבים...

אַ שטיק טאָג האָט זיך אַריינגעריסען אין דער נאַכט. אַ טומעל איז געוואָרען: די נאַכט-וועכטער לויפען און פייפען, עמיץ אַנטלויפט פון זיי, מען כאַפּט אים, ער ראַנגעלט זיך, שרייט, אַז ער איז אומשולדיג און בעט מען זאָל אים אָפּלאָזען. ער דערציילט פאַר די סטראַזשניקעס, דאָס ער גייט פון אַ באַ-קאַנטע...—אַזוי שפּעט פון אַ באַקאַנטע? לאַכט ביי אין סטראַזש-ניק—קום דאָרטען וועט זיך אַלץ ערקלערען. וועסט דערציילען דעם דעזשורנעם!...

און די גרופּע פּאָליציסטען מיט די צוויי פאַרדעכטיגע אין דער גנבה לאָזען זיך אַוועק צום נאָנטען צירקעל. די עטליכע נייגעריגע גייען זיך פונאַנדער אין פאַרשיידענע וועגען און די נאַכט שווייגט ווידער, די פאַרנעפּעלטע לאָמפּען ציטערן...

פון די צוויי פאַרהאַלטענע איז דער ערשטער טאַקע גע-ווען דער גנב: מען האָט ביי אים געפונען אין טאַש עטליכע זילבערנע חפצים.—דער צווייטער איז אומשולדיג אַריינגעפאַלען, נאָר די נאַכט איבערנעכטיגען אין צירקעל מוז ער שוין.

אין ווינקעל פון דער ענגער קאַמער גוסס'ט די גאַנצע צייט אַ לעמפּעל. מענשען ליגען איינער אויפ'ן צווייטען און שלאָ-פען, כראָפּען און שילטען וועמען אין שלאָף.

ליגענדיג אויף דער נאַרע האָט ער זיך איצט געבייזערט אויף דער גאַנצער וועלט: אויף אַזאַ געשיכטע האָט ער זיך גאָר-נישט געריכט; מען זאָל אים צענויפמישען און שלעפּען מיט אַ גנב אינאיינעם איבער די גאַסען. אַ גליק... נאָך אַ גליק, וואָס דאָס איז געשען אין מיטען דער נאַכט. ער ליגט אויף די נאַרעס און טראַכט פון דער ערשטער האַלבע נאַכט, וועלכע איז פיל בעסער און באַקוועמער, ווי די צווייטע העלפט אַוועק. זיין פּאַליע שוועבט אים פאַר די אויגען... איז דאָס אַ ווייבעל! האָט זי אים ליב! זי האָט זיך קוים דערוואוסט, אַז איר מאַן זאָל אַוועקפאָרען און באַלד אָנגעקלונגען דורכ'ן טעלעפאָן צו אים צו מאַקס'ן. „ביסט

היינט פריי?״—האָט זי אים געפרעגט. „פאַר דיר שטענדיג פריי״ האָט ער איר געענטפערט. נו, טא, קום היינט, דער „אַלטער״ איז אַוועקגעפאָרען. אויף לאַנג, אויף אייביג, אויף גאַנצע וואָכען! און דערנאָך, ווען ער איז געקומען האָט זי צוגעגרייט בלומען און אַ געשמאַקען אָוונט-ברויט. זי האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ ווייסע לאַנגע קלייד. אַלץ איז געווען עפּעס אויסגעהאַלטען אין איין סטיל: די בלומען, איר קלייד, דאָס אויסזען פון צימער, אין וועל-כען זיי האָבען פאַרבראַכט. זי קאָן די קונצען, זי איז אַ קינסט-לערין פון ליבע, די פּאליע! זי קליידט זיך שטענדיג, לויט איר שטימונג. איינמאָל, געדענקט ער, אויף זומער-וואוינונג אין אַ נאַכט, ווען יעדעס האַרץ האָט געצאַפּעלט פון פרייד און ליידענ-שאַפט, איז זי צו אים געקומען געקליידט, ווי יהודית, אָ-האָ! אויך יענע נאַכט וועט ער נישט פאַרגעסען...

ווי יהודית, מיט צעלאָזענע האָר, מיט אַן ערנסטען בליק און וויפיל פייער איז געווען אונטער דעם ערנסטען בליק. זי איז נישט געקומען בעטען, קניען. זי איז געקומען נעמען פייער, וויפיל דאָס האַרץ און דאָס לייב גלוסט.

ער האָט שוין מיט איר געהאַט אַ סך אַזעלכע משוגענע נעכט און יעדע נאַכט איז עפּעס נישט ענליך צו דער ערשטער, צו דער פריערדיגער נאַכט.

זי איז אַ מייסטערין פון ליבע, זיין פּאָליע...

אים איז האַרט געווען צו ליגען אויף די נאַרעס, נור ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס מאָרגען וועט ער האָבען וואָס צו דערציילען פּאָליען, און אויף דער צווייטער זייט פון דער נאַרע איז געלעגען דער אמת׳ער גנב, און גאַנץ אָפט עמי-צען צוגעשאָלטען אויפ׳ן קול. דערנאָך האָט זיך עפּעס געפונען נאָך אַן אַרעסטאַנט, מיט וועלכען דער גנב האָט אַ לאַנגע צייט פילאָזאָפירט, און די אונטערשטע שורה פון זייער פילאָזאָפיע איז געווען, אַז אַלע, אַלע אָן אויסנאַם גנב׳ענען; יעדערער ווי ער קען און ווי ער איז געוואוינט געוואָרען פון די אַרומיגע זיינע...

מאַקס האָט ביי די ווערטער אַ שמייכעל געטאָן צו זיך אַליין אין דער פינסטער: צו וואָס גנבים קאָנען זיך דעררי״דען,

—אַלע גנב'ענען! ער, מאַקס, האָט נאָך קיינמאָל ביי קיינעם גאָר־נישט גע'גנב'עט. נאָר ביי די געדאַנקען האָט אים עפּעס אַ צופּ געטאָן אין האַרצען, אָבער אַזוי טיף אַ צופּ געטאָן... עפּעס אומ־באַקאַנטעס, נישט זיינס קיין ווייטאָג איז דאָס געווען: סטייטש, ער גנב'עט נישט? און פּאָליע? ער קאָן זיך מיט איר מאַן, ער דריקט אים די האַנט, און ווי נאָר ער איז אַוועקגעפּאָרען, האָט ער זיך אַריינגע'גנב'עט צו יענעם אין שטוב, און נאָך מער: דער גנב, וואָס האָט גע'גנב'עט די זילבערנע חפצים, האָט אין דעם מאָמענט ריזיקירט מיט זיין פרייהייט. ער האָט דערביי פיל איינ־געשטעלט. מען האָט אים אויך געקאָנט פיל שלאָגען, שיסען אויף אים און הרג'נען, און ער, מאַקס, מיט וואָס האָט ער ריזיקירט? עס איז מיאוס, מיאוס אַזוי צו גנב'ענען, מיאוס און קליינליך. און פּאָליע, די לעבעדיגע פריילינע, וואָס האָט אים היינט אַזוי הייס געהאַלזט און געקושט, פּאָליע האָט אים איצט אויסגעזען אַ צעלאָזען פאַרדאָרבען ווייבעל: זי איז נאָך מער שולדיג פאַר אים...

און אַלע חסרונות האָט ער איצט געזען אין פּאָליען און אין זיך אַליין; קומען צו יענעם אין שטוב, עסען ביי יענעמס טיש און אים אַזוי נאַרען, דערנאָך זיך באַגעגענען מיט אים, קו־קען אים גליין אין די אויגען, דריקען די האַנט. דאָס איז דאָס נידעריגסטע, וואָס אַ מענש קאָן טאָן.

צי ווייל די נאַכט אין צירקעל האָט אויף אים אַזוי גע־ווירקט? צי דאָס געוויסען האָט זיך טאַקע אויף אַן אמת אויפ־געוועקט אין אים, נאָר מאַקס האָט זיך געוואָרפען פון איין זייט אויף דער צווייטער און פיל, פיל דורכגעטראַכט און דורכגעלעבט אין די עטליכע שעה.

עס זיינען געווען ביי אים מאָמענטען אין דעם דאָזיגען באַקלערען, בעת אַ קאַלטער שוויס האָט אים באַגאָסען. ער האָט אָפּגעטאָן אַ זאַך, פון וועלכער ער וועט זיך שוין זיין גאַנץ לע־בען נישט ריין־וואַשען, ער האָט שטאַרק חרטה געהאַט. און פּלוצ־לונג האָט ער באַשלאָסען, אַז ער טאָר אין דער שטאָט מער נישט לעבען.

ער וועט אַלץ צוועקוואַרפען און זיך לאָזען אין דער וועלט אַריין, ביז דער שמוץ וועט פון אים אַראָפּ.

אַ גנבֿ? טויזענט מאָל ערגער פאַר אַ גנבֿ איז ער. אַ ליגנער, אַ מענש מיט אַ מאַסקע, אַ נידעריגע בריאה.

דערנאָך האָט ער זיך אַביסעל באַרואיגט, נאָר צו איין זאַך איז ער געקומען:

ער האָט באַשלאָסען פון מאָרגען אָן איבערצורייסען מיט פאָליען זיינע באַציאונגען. גענוג, מען דאַרף זיין אַ מענש, מען דאַרף זיין שטאַרקער פאַר די אַלע קליינע און גרויסע זינד.

דער פרימאָרגען האָט זיך לאַנגזאַם אָנגערוקט. די אַרעס-טאַנטען אין קאַמער זיינען שוין אַרומגעגאַנגען און גערעדט צווי-שען זיך; יעדערער האָט דאָ געהאַט זיין צרה. דאָ זיינען געווען פיל גנבֿים, אויסגעניכטערטע באָסיאַקעס, אַן אונטערצינדער און עטליכע, וועלכע מען האָט גלאַט פאַרהאַלטען אַלס פאַרדעכטיגע, צווישען זיי אויך מאַקס. איינציגווייז האָט מען אָנגעהייבען די אַרעסטירטע אונטען אַרויסצורופען אין קאַנצעלאַריע אַריין. פון דאָרטען פלעגען זיי באַלד צוריק אַריינקומען מיט אַראָפּגעלאָזענע נעזער. דער אונטערצינדער האָט געוויינט. און אָט האָט מען אויך מאַקס'ן אַרויסגערופען, אויף גיך אָפּגע'פטר'ט און געהייסען גיין אַהיים.

עס לוינט צו זיין אַביסעל אַרעסטירט. עס לוינט פאַר יע-דען מענשען, ווענען די פרייהייט ווערט צו געוויינליך. ערשט דאַן, ווען מען פאַלט אַריין אין אַ קליין חדר'ל מיט קראַטעס און די טריט זיינען געציילטע און די לופט איז געשטיקט, ערשט דאַן פילט מען ערשט ווי גרויס די גרויסע וועלט איז, ווי פריי-ליך עס איז צו שפּרייזען, ווי טייער עס איז די פרייהייט. די הייזער טאַנצען דיר אַנטקעגען דאַן. די שטיינער זינגען מיט דיין האַרץ צוזאַמען און דעם גרעסטען שונא ווילט זיך אויס-שטרעקען די האַנט.

מאַקס איז אַרויס אויפ'ן גאַס. אַ שטראָם שטראַלען פון דער זון האָבען אים באַגעגענט און באַלויכטען זיין וועג. און פאָליעס פאַר אויגען האָבען אים אַנטקעגען געשוועבט. פלוצלונג האָט ער

זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט עפּעס זוכן, זוכן אין זיך אַליין. עפּעס איז פֿאַרשוואונדען, פֿאַרלוירען געגאַנגען. ער האָט געטראַכט עטליכע סעקונדען און דאַן זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ביינאַכט באַשלאָסען איבערצוררייסען מיט פּאָליען. ער האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס: דאָס איז נישט ער געווען, נאָר אַ צווייטער, אָדער... אָדער בשעת מען זעט נישט די זון, בשעת מען ליגט אין דעם שמוציגען גרוב, וועלכע רופט זיך אַ תּפיסה, ווערט מען דאַן אַ פֿרומער, אַ בעל-תּשובה.

מאַקס'ס געוויסען האָט איצטער געשלאָפען. ער איז פֿריי-ליך געלאָפען צו פּאָליען.

דעם אפטײקער׳ס לאמפּ.

דורות, הונדערטער יאָרען איז דער מאַרק־פּלאַץ ביינאַכט נישט באַלויכטען געווען. די פינסטערניש איז געווען אַזוי נאַטירליך, ווי ביי טאָג די ליכטיגקייט. מענשען האָבען זיך דערקענט לויט דעם גאַנג, טריט און נאָך דעם ציטער פון שאָטען.

פלעדער־מייז שוועבען אין דעם חשך, הינט בילען און מענשען זינגען זיך זייערע לידער. זונטאָג הערט זיך דער „אַי־דאַנאַ״ פרייטאָג צו נאַכטס—אַ אידישער ניגון, און יאָרען גייען. די פינסטערניש שרעקט נישט. אַ פאַרשפּעטיגטער וואַסער־טרעגער גייט צום פּלומפּ און נעמט אָן וואַסער. ער גייט צוריק גלייך, רואיג. יעדער טריט איז דאָ אויסגעמאָסטען און דער חשך שטערט נישט.

נאַכט... און ביינאַכט דאַרף זיין פינסטער, דער טאָג האָט זיך פאַרמאַכט, ווי אַ גרויסער ספר און דער מענש פאַרטראַכט זיך איבער׳ן בוך פון לעבען פאַר זיין שלאָפען גיין.

די פינסטערניש אַרום איז געווען אַ באַדערפעניש, אַ באַרואיגונג.

און מיט אַמאָל איז געקומען אין קאַזמערזש אַ נייער אַפּטייקער און האָט אַראָפּגעבראַכט אַ גרויסען לאָמפּ.

דער לאָמפּ איז נישט קיין געוויינליכער, דאָס איז אַ גאַנצע מאַשינעריע מיט שרויפּען, מיט אַ ווייסען זיפּעל. און אַז מען וויל אַביסעל ליכט פון לאָמפּ, מוז מען פּאָמפּען און בלאָזען. די מאַשינעריע נעמט זשומען, רוישען און קנאַקען און פייפען, ביז עס גיט אַ בליץ דאָס ווייסע ליכט—אַזש די אויגען פאַרבלענדען זיך.

מער פאַר אַלעמען האָבען זיך די פלעדער-מייז דערשראָקען: הונדערטער יאָרען זיינען זיי געפלויגען ביינאַכט איבער׳ן גרויסען מאַרק-פּלאַץ און קינדער געשראָקען. איצטער שרעקען זיי זיך אַליין. פון אַפּטייקער׳ס פענסטער קוקט אַרויס אַ העלע לבנה און באַגיסט דעם גאַנצען מאַרק-פּלאַץ מיט ליכט.

אַן איבערקערעניש אין שטעטעל.

דער לאָמפּ האָט אַלעמען און אַלץ צעטומעלט.

שטענדיג אין דער צייט פלעגען זיך שוין אַלע איילען אַהיים, אָדער ביי זיך אויף דעם גאַניקעל זיצען און דערציילען מעשיות. און דערציילען איז שטענדיג געווען וואָס, די ביימער פון אַלטען בית-עולם האָבען גערוישט און צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ.

—„אַמאָל איז געווען, אַמאָל איז געווען".

דער בית-עולם איז אַזוי נאָנט צו די לעבעדיגע, טויט און לעבען וואוינען אַזוי נאָנט, עס דוכט זיך אויס, אַז עס איז גאָר קיין גרויסער אונטערשייד. פאַרליבטע פּאָרלעך באַהאַלטען זיך אַזוי אָפט אויפ׳ן בית-עולם. אויך דאָ איז די פינסטערניש צונויף געקומען.

איצט איז אַנדערש: דאָס שטעטעל גייט לאַנג נישט שלאָפען. עס ווילט זיך נישט; עס איז ליכטיג.

ביים אַפּטייקער׳ס פענסטער איז איצט יעדען אָוועט פריילין, דאָ קומט איצט זיך זען חתן-כלה, מען שמועסט זיך אויס און מען גאַפט אויפ׳ן לאָמפּ. מען קוקט אַריין אין אַפּטייק אויף די ווייטע סלאָעקלעך מיט די רפואות, אויף דעם אַפּטייקער׳ס גלאַטען לבנה-קאָפּ און אויף זיינע בייזע, גרויסע וואָנסען.

אַרום דעם פענסטער איז אַ ניי לעבען אָוועק.

עפּעס אַ איד האָט בייטאָג דערהאַלטען אַ בריף. נו, איז

ער בייטאָג זעהר פֿאַרנומען, דער איד. קומט ער איצט צום אַפּטייקער׳ס פענסטער, טוט אָן די ברילען און שטודירט זיין בריף־לאַנגזאַם, וואָרט ביי וואָרט.

די פערד פון שטעטעל האָבען זיך שוין איצטער צוגעוואוינט צו דער נייער לבנה אויף דער ערד, צום אַפּטייקער׳ס לאָמפּ, נאָר די ערשטע צייט ווען זיי פלעגען אַריינפאָרען גלייך פון שאָסיי אין מאַרק־פּלאַץ, האָבען זיי שטאַרק מיט די פיס געטופּעט און געריסען האָבען זיי זיך פון די האָלאָבלעס, געוואָלט אַנטלויפען פון שדים־פייער, וואָס האָט העל באַלויכטען דעם גאַנצען מאַרק־פּלאַץ, פון אייביג־אָן פינסטערן מאַרק־פּלאַץ.

נאַכט און ליכט, העלער רוישענדער פייער. מענשען זיינען ווי די נאַכט־פויגלען נייגעריג און פאַרוואונדערט.

קינדער־לאָבוזעס טרעטען פון דאַנען גאָרנישט אָפּ... דאָ שפּילט מען איצט אין קנעפּלעך. דאָ שטיפט מען.

איינער ביים צווייטען כאַפּט אַראָפּ דאָס היטעל און וואַרפט עס אַריין אין אַפּטייק. צו־ערשט פלעגט דער אַפּטייקער דאָס אַריינגעוואָרפענע היטעל צוריק אַרויסוואַרפען; שפּעטער, ווען ער האָט דערזען, אַז עס נעמט קיין סוף נישט, האָט ער גענומען קאָנפיסקירען די אינגעלשע היטלעך. איבער אַן אָוועגט קלויבען זיך ביי אים אַן עטליכע היטלען.

און די אינגלעך שטייען אַנטקעגען מיט אָפּגעדעקטע קעפּ און בעטען זיך מיט די אויגען:

—טייערער אַפּטייקער, גיב אָפּ מיין היטעל! יענער מאַכט זיך נישט וויסענדיג, ביז אַ טאַטע קומט און באַשטראָפט דעם שטיפער.

אויף דער טיר פון אַפּטייק הענגט אַן אַלטע אַייזערנע קייט, מיט וועלכער מען מאַכט צו די טיר פון אינעווייניג, איז נישטאָ קיין לאָבוז אין שטעטעל, וועלכער זאָל פאַרבייגיין גלייכגילטיג און נישט אַ צי־טאָן די קייט.

דעם אַפּטייקער פאַרדריסט עס און ער יאָגט נאָך די לאָבוזעס. זיי אַנטלויפען הינטער די הייזער און דאָרט איז פינסטער און זיין לאָמפּ האָט שוין דאָרט קיין שליטה נישט—גייען זיך

לאַפּוזעס אין דער פינסטער.

ביינאַכט איז אַרום אַפּטייק לעבעדיג, דאָ איז אַ מיטעל-פּונקט פון דער וועלט. ווער עס איז נאָך יונג, ווער עס האָט עפּעס צו זאָגען און טראַכטען פון טאָג, קומט אַהער-צו און שמו-עסט זיך אויס פאַר'ן שלאָף.

דאָ געפינט איר דעם סטראַזשניק, דעם וואַיט, דאָ רעדט מען אַרום אַלע שטעטלשע און וועלטישע ענינים.

דער גייט אַוועק און יענער קומט...

איינער אַ לאַבוז שטעלט זיך אויפ'ן קאָפּ און מאַכט מיאוסע מינעס און שטעקט אַרויס די צונג דעם אַפּטייקער מיט זיין לאָמפּ, מיט זיין גאַנצען יחוס. אַ צווייטער אַ פאַרטרוימטעד לייגט אַריין אַ פינגער אין מויל און שטייט אַזוי שעה'ן אָפּ און קאָן זיך נישט אָפּרייסען פון בייזען וואונדער.

דער פייפט, יענער מעקעט, ווי אַ בהמה און נאָך איינער אַ לאַבוז האָט פון ערגעץ באַקומען אַ ביקסעל מיט פּיסטאָנעס און יעדעס מאָל, ווען .דער עולם באַרואיגט זיך אַביסעל, דערהערט זיך אַ קנאַל. דער אַפּטייקער לויפט אַרויס און גלאָצט מיט די אויגען.

אַלע זידלען דעם לאַבוז.

אָבער שולדיג איז דאָך גאָר דער לאָמפּ. אין אַמאָליגע צייטען האָט מען פון אַזעלכע שטיפערייען ביינאַכט נישט געוואוסט.

אַנדערע זיינען מיט'ן אַפּטייקער גרויסע מחותנים. גייען זיי טאַקי אַריין אין אַפּטייק גופא און איבער זיי ווישט דער לאָמפּ, זשומעט און בלאָזט, ברומט און גיסט מיט גאַנצע עמערס ליכט.

דער לאָמפּ,—דאָס איז נישט קיין געוויינליכע מאַשינעריע, אַ פויער האָט פאַרשפּעטיגט צו זיין דאָרף און איז געבליבען נעכ-טיגען אין שטעטעל; איצט שטייט ער מיט ברייט-געעפענטע אוי-גען און גלאָצט זיי אויף דעם לאָמפּ. עמיצער פון די שטעטעלשע קולטור-טרעגער ערקלערט אים גענוי, וואָס דאָס איז פאַר אַ קונ-ציגער לאָמפּ און דער פויער קראַצט זיך דאָס בערדעל און עס איז אים עפּעס שווערליך צו באַגרייפען די אַלע ערקלערונגען.

נאָך מענשען קומען, שטעלען אָן די אויגען און הערען

אויס די ערקלערונגען.

אַ לאָמפּ—אַ טייוועל, נישט קיין לאָמפּ. אַמאָל איז דאָך פינסטער געווען און מען האָט געליבט דעם אויבערשטען, געלעבט. מען האָט געלעבט אָן דעם.

פאַרליבטע שטייען ביים פענסטער. פון וואַסער קומט אַ קיל ווינטעל. פון די בערג בלאָזט אַ וואַרעם ווינטעל, און אַ יונגע מיידעלשע האַרץ קלאַפּט צו שטאַרק אין דער זומערדיגער נאַכט און אַז דאָס האַרץ קלאַפּט צו שטאַרק, ווערען די באַקען בלייך און די אויגען בליצען עפּעס אַנדערש ווי אַלע מאָל.

—וואָס ביסטו בלייך אזוי, כּלה'שי?—פרעגט אַ חתן ביי זיין כּלה.

—גאָרנישט, עס דוכט זיך דיר אויס. דאָס איז פון לאָמפּ. דער לאָמפּ וואַרפט אַ בלייך שיין אויף מיר.

נאָר באַלד אַנטלויפט דאָס פּאָר'ל פון לאָמפּ, קושען זיך איז בעסער אין דער פינסטער.

נישט נאָר מענשען—

פון די בערגלעך, פון די טאָלען, פון די ווילדע פעלדער זאַמלען זיך דאָ צונויף אַלע פאַרביגע נאַכט-מאָטילען. קלענערע מיט גרעסערע, לאַנגליכע און שמאָל-קורצע שמעטערלינגען, רונדע ווי בלעטלעך פון בלומען, מיט גרויע און געלע, מיט שוואַרץ-ווייסע פליגעלעך, מיט רויטע פלעקען. וועלכער נאַכט-קינסטלער האָט עס אויסגעקלערט אַזעלכע פאַרבען פאַר די מאָטילען, פאַר אַלע פליגעלעך? אַלע דרייען זיך אַרום דעם פענסטער און קלאַפּען זיך אין שויב.

אַנדערע מער-דרייסטערע פליען גלייך אין אַפּטייק אַריין און דאָרטען ווערען זיי שכּור פון די רעצעפּטען-ריחות און פון לאָמפּ'ס נאָפט.

זיי דרייען זיך אַרום פייער. פאַר די פיטשינקע לעבענס מוז דער וואונדער נאָך גרעסער זיין. דאָרטען אין די טאָלען, וואו זיי זיינען געבוירען געוואָרען, די מאָטילען, דאָרטען איז אַזוי פינסטער און רואיג, בלויז אַ שטערן באַלויכט אַמאָל מיט זיין אַראָפּפאַלען דעם טאָל און דאָ רוישט און סאָפּעט אַזאַ גרויסע

שטיק ליכט און וואַרפט אַזוי פיל שיין אַרום.

אין אַפטייק פאַלען זיי אויף דעם פאָל אַראָפּ, די שמעטער־לינגען, אויף די סלאָיעס מיט די רפואות, אויף דער קאַסע, און דער אַפטייקער שאַרט זיי אַראָפּ.

מאַכטלאָזע פאַלען זיי, פאַר׳חלש׳טע.

גאָר אַנדערע מחנות קומען פון די נאַכט־שאָטענס אַרויס קלייניטשקע סודות פון דער נאַכט. טרוימען־לעבעדיקע צאַפּלען און קלאַפּן מיט די פליגעלעך אין אַפּטייקער׳ס פענסטער און קאָנען זיך נישט אָפּוואונדערן פון ווייסען ליכט.

צוריק צו די נאַכט־שאָטענס פליען זיי שוין נישט

עפעס אַ כלב, אַ פרעמדער, נישט קיין היגער כלב, מיט שוואַרץ־ווייסע פלעקען, אַ כלב האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מי־טען מאַרק מיט דער „מאָרדע״ צום אַפּטייקער׳ס פענסטער און האָט זיך פונאַנדערגעיאָמערט. אָבער מיט אַזאַ יאָמער, מיט אַזאַ האַרץ־רייסענדען קרעכץ, אַז באַלד, דאַכט זיך, דאַרף די גאַנצע וועלט אונטערגיין.

וואָס האָט ער צו דעם לאָמפּ? צום ליכט? וואָס געפעלט אים דאָ נישט, דעם כלב?

שטייט ער אַזוי און יאָמערט און זיינע קולות צוטראָגען זיך ווייט צו די איינזאַמע הייזלעך ביים סוף שטעטעל, צום שאָסיי, צו די בערג, צום וואַסער. איין הונט מאַכט פול די לופט מיט זיין יאָמער.

כאַפּט אַ לאָבוז אַ שטיין און לאָזט אים אַריין אין כלב. דער כלב מאַכט פיס ערגעץ אין דער פינסטערניש.

די אינגלעך נעבען אַפּטייק קוקען זיך אַרום און וואונדע־רען זיך איבער:

—דאָס איז נישט געווען קיין הונט, דאָס איז געווען אַ לץ, אַ לץ, מעגסט גלויבען. דו האָסט געזען, ווי ער איז אַוועקגע־לאָפען און נישט געבילט, דער בעסטער סימן!

און אַלע אינגלעך נעמען ריידען פון שדים, פון לצים.

אַ גליק וואָס דער לאָמפּ וואַרפט ליכט—דער שרעק וואָלט זיי אַלע־מען פאַריאָגט.

און דאָך גייען די אָוועק, די אינגלעך, שלאָפען, אַביסעל אָנגעשראָקענע, און ביינאַכט חלומ׳ט זיך זיי דער הונט, וואָס האָט אַזוי ווילד געיאָמערט.

נאָר איינער באַוויזט זיך נישט אין יענעם ווינקעל, וואו די אַפטייק שטייט. דאָס איז מיכאל גנב. ער איז שטאַרק אין כעס אויף דעם אַפטייקער, וואָס ער האָט באַלייכטען דאָס שטע-טעל, מיכאל באַוויזט זיך נישט קיינמאָל בייטאָג און אין אָוונט גנב׳עט ער זיך אין די שאָטענס. ער זוכט פרנסה און איצט: דעם אַפטייקער׳ס לאָמפּ שטערט אים שטאַרק.

באַוויזט ער זיך, נעמט באַלד אַ אינגעל שרייען:

—מיכאל דער גנב גייט, מיכאל דער גנב!

ווען אַרום אַפטייק ווערען ווייניגער מענשען, הערט מען דאַן דייטליכער, ווי דער לאָמפּ רוישט. דער אַפטייקער טראָגט דאַן אַרויס אַ טאַבורעט פון אינעווייניג, שטעלט עס אַוועק און זעצט זיך אָפּרוען פאַר׳ן גאַנצען טאָג.

גייט פאַרביי אַ פאַרשפּעטיגטע אידענע, וואַרפט זי אַרייך אַזאַ פראַגע אין דער נאַכט:

—ווי אַ מכשף זעט ער דאָ אויס ביי זיין אַפטייק מיט זיין משונה׳דיגען לאָמפּ.

און דער אַפטייקער זיצט און וואַרט נאָך אַלץ אויף רע-צעפּטען. אין שטעטעל בייזערט מען זיך אויף אים:

—אַ מענש זאָל זיצען און וואַרטען, אַז אַנדערע זאָלען קרענקען.

און קרענקען קרענקט מען איצט אַ סך מער אין שטעטעל ווי אַמאָל, אין שטעטעל און אין די אַרומיגע דערפער.

מענשען זוכען די סבה פון דעם. אַנדערע זאָגען, אַז דאָס איז צוליב דעם לאָמפּ.

זינט דער לאָמפּ האָט גענומען וואַרפען פאַסען ליכט אויף דעם מאַרק, האָט מען אָנגעהייבען מער צו קרענקען אין שטעטעל.

און צו וואָס דאַרף מען אים? פריער האָט מען דען שלעכט געלעבט? צו וואָס באַדאַרף מען ביינאַכט אַזאַ העלען פייער? אויף אַרויסצורופען די נישט-גוטע... האַ?

מענשען בייזערן זיך. מענשען באַרעכענטע, עֶלטערע קוקען מיט גרויסע בליקען אויף די נייע אַפּטייק מיט׳ן געגאָלטען אַפּ־טייקער און אויף זיין לאָמפּ קוקען זיי פאַרדעכטיג.

מענשען זיינען אָנגעשראָקען — קיין גוטס ערוואַרטען זיי נישט...

אַ בלוטיגער גרוס.

איינער פון די מיעשטשאַנעס איז אין וואַלד געפאָרען נאָך האָלץ. דער וואַלד איז נאָך גענוג גרויס געווען, כאָטש פון יאָר צו יאָר איז ער אַלץ שיטערער געוואָרען.

מענשען-קאַרליקעס זיינען געגאַנגען מיט העק און זעג און אונטערגעגראָבען די מעכטיגע גיגאַנטען, די בוימער...

עס וועט קומען אַ טאָג, ווען דאָס וואָרט „וואַלד" וועט קלינגען לעגענדאַריש און אַ בוים וועט מען ערגיץ זען אויף אַ בילד, קלענערע בוימלעך וועט מען האַלטען אין די אָראַנזשער-יעס, אין ספּעקטען...

דערווייל ראַנגעלט זיך נאָך די נאַטור מיט איר לעצטען אָטעם.

אַ מיעשטשאַנין איז געפאָרען נאָך האָלץ און איז געקומען צוריק מיט אַ טויטען קערפּערפון אַ קאַבאַן.

דער טויטער ווילדער חזיר האָט פאַרנומען דעם גאַנצען וואָ-גען. דער מיעשטשאַנין האָט זיין וואָגען געפירט איבער די גאַ-סען פון שטעטעל און בלוט האָט פון דער חיה גערונען, ווי פון

אַ קראַן, קינדער און ליידיגייער זיינען געלאָפען און געקוקט אויף דעם מאָדנעם בילד.

און געשוועבט האָט פאַר די אויגען אַ גרויסער געדיכטער וואַלד. אַ גרינע וועלט מיט וועוויאָרקעס, מיט האָזען און פוקס.

אַ וועלט פון פויגעל-קלאַנג און רואיגקייט. שטראַלען זוכען דאָרט אָרט פאַר זיך דורך די צווייגען-קייטען.

שניי זיפט זיך דאָרט דורך די צווייגען, ווי דורך אַ נעץ און מיט אַמאָל לויפט דורך אַזאַ גרויסע, אַזאַ שטאַרקע חיה, ווי דער קאַבאַן און גלאַנצטמיט זיינע קליינע אויגעלעך און סאַפּעט ווילד.

און די חיה פאַרגעסט גאָר, אַז אויף דער וועלט זיינען פאַראַן מענשען און די מענשען איז ווינטער קאַלט.

און די חיה ווייס גאָרנישט, אַז דער מענש קאָן אויסשלייפען שאַרפע העק, מעסערס, שפּיזען.

און אַז דער מענש האָט ביקס און קויל...

דער מיעשטשאַנין האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט דעם קאַבאַן דער׳הרג׳ט: ער איז געשטאַנען מיט זי׳ן האַק און אונטער-געהאַקט די דינערע בוימער. מיטאַמאָל איז אָנגעלאָפען די חיה מיט אַ ברומעריי און גלייך אויף מיר, גלייך אויף מיר.

—האָב איך זיך געכאַפּט אין רעכטען מאָמענט און די האַק מיט׳ן שאַרף איז אַראָפּגעפאַלען דעם קאַבאַן אין מיטען קאָפּ... איך האָב אים דעם שאַרבען צעשפּאָלטען און פאַר מיר אין די אויגען איז די חיה אויסגעגאַנגען.

שפּעטער האָט ער זיך דערוואַרט נאָך עטליכע פּויערים, וועלכע האָבען אים געהאָלפען דעם טויטען קאַבאַן אויפ׳ן וואָגען אַרויפלייגען.

מען הערט אויס די מעשה און מען קוקט אויף די חיה, וואָס ליגט אַזוי ברייטליך אויף דער פור.

בלוט רינט און טראָפּענט כסדר, און ציין שצירען זיך ביי דער חיה. אַ סך טרוקענע סכך-נאָדלען זיינען צוגעקלעבט צום קערפּער פון קאַבאַן, אויסגעמישט מיט בלוט. סכך-נאָדלען, טרו-קענע בלעטער און קליינע צווייגלעך.

דער גאַנצער וואָגען איז פאַרבלוטיגט, דער מאַרק-פּלאַץ איז פאַרבלוטיגט, ביים מיעשטשאַנין זייגען די קליידער און די הענט אין בלוט.

עס דוכט אויס, אַז אין דער חיה איז אַן ענדלאָזער בלוט-קוואַל.

אַזאַ לעבעדיג רויט בלוט, עס שרייט און עס רייצט. אַ שפּיק גאַטור, אַ גרוס פון די לעצטע וועלדער, אַ בלוטיגער גרוס.

הערבסט.

עס איז אַ דור פון בלוט און אכזריות. דו הערסט אויף צו גלויבען אין לעבען און אין זיין פאַרבעסערונג. דערפאַר גלויבט זיך אין טויט און דעם רואיגען בית-עולם. אַ שטילע טרייסט טראָגט פון די איינגעפאַלענע מצבות און פון די געלע הערבסט-בלעטער... הייסט עס, קומט דאָך אַמאָל יאָ אַ סוף צו די אַלע שרעקען און די, וואָס זייערע נעמען עס זיינען דאָ אויסגעקריצט אויף די שטיינער ליידען באמת שוין מער נישט און בלויז דער ווינט דערציילט זיי פון טאָג און טרייסט זיי, אַז עס לוינט נישט צו לעבען...

טויט... עס מאָלט זיך מיר כסדר די אידיליע פון טויט. די שוואַרצע נאַכט, די פאַרשפעטיגטע קראָען איילען אין די נעסטען און קראַקען כסדר. אויף די מצבות פאַלט אַ שאָטען. שטיל-שטום, אַ געל בלאַט לויפט איבער פון איין קבר צום צווייטען, דערנאָך פאַרשאַרט עס זיך ערגעץ אונטער'ן פלויט און קיינער ווייס נישט, אַז אַמאָל איז געווען אַ בלאַט, אַ גרינס, אַ לעבעדיגס.

דערנאָך גייט אַריבער דער ווינט איבער די קברים, שאַרט

אַראָפּ אַביסעל אַלט גראָז, אַביסעל שטויב, נאָר אינעווייניג צו די קברים קומט ער נישט צו. די ביינער ליגען און רוען און עס דאַכט זיך, אַז עמיצער ענטפערט דעם ווינטעל: „מיר זיינען שוין געווען, מיר האָבען שוין געזינדיגט און געלעבט". די ביי-נער ציען זיך נאָך מער איין אין דער ערד, ווי זיי וואָלטען זיך שרעקען טאָמער וועקט מען זיי אויף. עס ווילט זיך נישט ווידער דורכגיין דעם שווערען וועג פון ספקות.

— טויט...

„דו ביזט פאַר׳משפּט צום טויט", רעדט דער שיקזאַל איי-ביג צום מענשען און דער מענש וואָלט דרייסט געקענט ענט-פערן: עס וואָלט נאָך שרעקליכער געווען, ווען איך וואָלט גע-ווען פאַר׳משפּט צום אייביגען לעבען. — טויט איז די ענדע, די ענדע איז אַ טרייסט...

און אַלץ לעבט צוליב דעם שטאַרבען, צוליב דעם שיינעם שטאַרבען. אַ מענש זאַמעלט פאַרמעגען אַ גאַנץ לעבען, בויט, שאַפט, נאָר דער קאָפּ נעמט גרוי ווערען און דער קאַרק בויגט זיך איין. פאַר וועמען האָט ער געלעבט? פאַר וועמען גע-שאַפען?

פרומע לייט זיינען זיך מתודה פאַרן טויט, שוואַנען זינ-גען, און דער לייב גייט אַוועק אין דער מדבר און גיט אָפּ דער וויסטעניש זיינע לעצטע אָטעמס. נאָך שענער פאַר אַלע-מען שטאַרבט אין הערבסט דער זומער, אָט דאָס אַלץ, וואָס האָט געשמעקט און געבליט, וואָס גרעסער דער גאָרטען, וואָס טיפער דער בלעטער-וואַלד, אַלץ שענער איז דעם זומער׳ס טויט. מיין מיידעל רופט עס: דער גאָלדענער בית-עולם. אויף די בוי-מער רעגענט גאָלד, אויף דער ערד וואַלגערט זיך גאָלד און זי לויפט אַרום, מיין מיידעל, און שאַרט עס פונאַנדער, דאָס גאָלד, און זי צוטרייסעלט אַ לייכט בלימעל, זי האָט ליב צו זען, ווי די געלע בלעטער נעמען פאַלען.

אָך, קינד, קינד, דיינס אַ יאָר איז אַוועק און ער וועט שוין קיינמאָל מער צוריק נישט קומען, דו טרעטסט אויף די גע-לע בלעטער, דאָס זיינען דיינע זומער-טעג און דיינע זומער-נעכט.

ביים טויער פון גאָרטען שטייט אַן אַלטער וועכטער. זיי-נע ווייסע האָר פאַלען אַריין אין אַ געל שיטער קאָליר. ער איז שוין אַזוי אַלט, אַזוי געבויגען און ער לעבט נאָך אַלץ, עפּעס און פאַרמאַכט יעדען טאָג דאָס טויער.

ריידענדיג מיט אונז וויצעלט ער זיך:

— איר ווייסט פאַרוואָס איך לעב נאָך? ווייל איך האָב מורא פאַר'ן טויט. און ער לאַכט דערביי, דער אַלטער. דערנאָך רופט ער זיך ווידער אָן:

— ניין, איך לעב, ווייל דער ווינט איז צו מיר גוט. אַלץ ווענדעט זיך אָן ווינט, אַט זעט, ווי ער רייסט פון די בוימער די בלעטער, נאָר אַנדערע בלעטער בלייבען, ווייל דער ווינט איז צו זיי גוט, איך בין אויך אַזאַ בלאַט, צו וועלכען דער ווינט איז גוט.

קאַלטע גלייכגילטיגע וואַסערן לויפען און גלאַנצען ווי בלינ-דע מיט די אויגען. לויפען און קוקען נישט אויף קיינעם. בלויז די וועלדער און די הימלען שפּיגלען זיך אָפּ אין זיי, די וואָל-קענט שפּיגלען זיך אָפּ אין זיי, נאָר זיי בלייבען דאָך איבער אונז די וואָלקען, די וואַסערן נעמען זיי נישט מיט.

אַ קרויז מיט געל-גאָלד, אַ קייט פון נעשטאָרבענע בלע-טער וויקעלט זיך אויפ'ן וואַסער, שווימט און שווימט נישט אַוועק.

דער ווינט האָט אַ בוים אַן אַלטען אַ טרייסעל געטאָן און עטליכע אָפּגעדאַרטע צווייגלעך אַראָפּגעוואָרפען. מיט די צווייגלעך איז אויך אַראָפּגעפאַלען אַ פויגעל-נעסט; און אָט וואַלגערט זיך דער נעסט לעם די פיס. אַ בערגעלע פעדערלעך פאַלט פון דאָרט אַרויס און זיי צעשווימען, די פעדערלעך, אַליין פון זיך אין דער לופט אַריין, אַ ליידיג שאָלעכל פון אַן אויסגעפּיקטע אייעלע וואַלגערט זיך... און דער ערשטער פוס צעטרעט עס.

די וואַסערן לויפען און איילען זיך באַהאַלטען זיך אין גרויסען ים. עס וועט קומען אַ טאָג און אַלץ וועט פאַרגליווערט ווערען, פאַרשטיינערט ווערען.

פאַרנאַכט פאַרגייט אַ בלוטיגע זון און צינדט אָן די שוואַר-

צע. אָפּגעדעקטע צווייגען און די קראָען נעמען שרייען מיט די הונדערט-יעריגע שטימען:

„מען וועט נאָך בויען אַ סך בית-עלמינ׳ם, עס וועלען נאָך געפּלאַנצט ווערען אַ סך בוימער, נאָר אַלץ וועט פאַרגיין, אַלץ וועט פאַרגליווערט ווערען אויף אייביג, אויף אייביג״...

קאַלטע וואַסערן לויפען, קראָען שרייען, בוימער בויגען זיך און דער ווינט טראָגט אין אַ קאַראַהאָד אַ ים מיט געלע בלעטער. אין די שאָטענס פון דעם פאַרנאַכט שטייט מיין שאָטען. עס ווערט אַלץ טונקעלער און עס דוכט זיך מיר, אַז באַלד וועל איך אויף אייביג צושוואומען, פאַרשוואונדען.

די נאַכט האָט אַזאַ גרויסען שויס, זי נעמט אַלעמען אַריין, אַלעמען.

וואוהין?

איך געדענק אַ זעלטענעם פאַרנאַכט, אַ וואונדערבאַרע נשמה-רואיגקייט. גלויז די פיס האָבען ווי געטאָן פון לאַנגען גיין איבערן וואַלד, באַרג און טאָל.

די זון האָט די אויגען געבלענדט און ניט געלאָזען געפינען דעם ריכטיגען וועג, וואו צו רוען...

ענדליך זיינען מיר צוגעקומען צו אַ קליינעם דערפעל, נידעריגע הייזלעך מיט שטרוי באַדעקט. נעבען יעדען הויז ווייסע בלימלעך און קינדער, עלטערע און גאָר יונגע האָבען זיך געשפילט ביי די שוועלען.

מיר, די דריי יונגע לייט, וואָס האָבען געוואַנדערט פון שטעטעל צו שטעטעל און פון דאָרף צו דאָרף, צוליב אַ קאַפּריז. נעם פאַרלאַנג: מיר האָבען געזוכט אונזערע באַקאַנטע חברטעס... מיר זיינען פרעמד געווען פאַר די דאָרפס-לייט מיט אונזער אויסזען, קליידונג און אַרט האַלטען זיך.

דאָך האָבען זיי אונז מיט פריינדשאַפט אויפגענומען, עסען און טרינקען געגעבען, פאַר וועלכעס זיי האָבען קיין געלט ניט געוואָלט נעמען.

מיר זיינען געזעסען אונטער אַן אַלטע ליפּע און אויסגע-הערט, וואָס זיי ריידען און דערציילען. מיר זיינען אפשר נאָך געווען מער נייגעריגער פאַר די פּויערים, וועלכע האָבען נישט אויפגעהערט אונז צו באַטראַכטען.

אין דאָרף איז איצט אַזוי שטיל געווען. רואיג האָט זיך געוויגט די אַלטע ליפּע. ערגיץ האָט אַ בהמה פאַרשפּעטיגט, האָ-בען די קינדער זי אַהיים געיאָגט. די לעצטע שוואַלבען זיינען פאַרבייגעפלויגען, אַ לייכטען קוויטש געטאָן, ווי זיי וואָלטען אַ „גוטע נאַכט" זאָגען און פאַרשוואונדען געוואָרען.

פאַרביי אונז האָט מען דורכגעטריבען עטליכע צענדליג פערד, דאָס האָט מען זיי אויף נאַכט-פּיטער געטריבען.

אַנטציקט זיינען מיר געווען פון דער שטילער אידיליע, פון דעם ברייטען הימעל, וואָס האָט גערוט איבער'ן דאָרף.—אַזאַ לעבען איז שיין— האָט איינער פון אונזערע זיך אָנגערופען.

און אַן אומעט האָט געקלונגען אין זיין קול.

—איך בין זיי מקנא, — האָט דער צווייטער אָפּענהערציג געזאָגט.

איך האָב אויך דאָס אייגענע געפילט.

פּלוצלונג ווענדט זיך צו אונז אַן אַלטער פּויער.

—אין שטאָט מוז זיך גוט לעבען? עס איז דאָרטען אינ-טערעסאַנט ביי אייך...

מער האָט ער נישט געזאָגט, דער אַלטער פּויער:

נאָר פאַר די אויגען האָבען מיר שוין געשוועבט פאַררע-געגטע און פאַרשנייטע דאָרפישע הייזלעך, בלאָטע, חולאת'ן פאַר-שיידענע.

זיי אונטער'ן פרייען הימעל בענקען נאָך אונזער ענגער שטאָט.

און מיר זיינען זיי מקנא...

בריף.

אין דעם טונקעלען זאַל, וועלכער איז אויסגעפּוצט מיט פאַרשיידענע בילדער און סטאַטועטקעס, שטייט אין אַ ווינקעל אַ קליין טישעלע פון שוואַרצען האָלץ; אויפ'ן טישעל אַ קעסטעל, וועלכע איז באַשאָטען מיט פאַרשיידענע שטיינדלעך און מושלעס; אין שאַכטעל ליגט אַ קעסטעלע בריף, און יעדעס מאָל, ווען רעגא רובין גייט פאַרביי דעם טישעל, דערמאָנט זי זיך אַ מאָדנע געשיכטע; פיל מאָל שטעלט זי זיך אָפּ לעם דעם טישעלע, נעמט אַרויס די בריף און לייענט זיי.

ערשטער בריף.

גנעדיגעס פריילין! איך וועט געווים וואונדערן אזאַ בריף. איר וועט זיך אפשר בייזערן אויף דעם אומבאַקאַנטען, וואָס וואַגט צו אייך שרייבען אַזוי אָן צערעמאָניעס, אַזוי אָפען, נאָר וואונדערט זיך נישט—אין לעבען זיינען דאָ אַ סך צופעליגע און אומפאַרשטענדליכע פאַסירונגען, און אפשר צוליב דעם אַליין האָט דאָס לעבען זיין ווערט און פראַכט. שוין פיל יאָר ווי איך

לעב דאָ אין דער ענגער פאַררויכערטער שטאָט. איר זייט די ערשטע פרייד מיינע פאַר אַ לאַנגער טרויעריגער צייט. מיט עט-ליכע מאָנאַטען צוריק האָב איך אייך דעם ערשטען מאָל אויפ'ן גאַס דערזען. איך וואָלט אייך אפשר נישט באַמערקט, ווען איר וואָלט צופעליג נישט אויפהויבען אייערע אויגען, — איר ווייסט ס'אַראַ טיפע, אומעטיגע אויגען איר פאַרמאָגט, זיי דערציילען פון אַ צושטערטען חלום, זיי דערציילען פון אַ באַליידיגטען מלאך.

איך האָב זיך דאַן אויפגעשטעלט! איר זייט שוין געווען ווייט, נאָר איך האָב זיך פון דעם אָרט נישט גערירט; אייער בליק איז מיט מיר געבליבען, ער האָט מיר דעם וועג פאַרצוימט. „ווער איז עס געווען?“ האָב איך געטראַכט. נאָר די מענשען האָבען מיך געשטויסען און געטריבען ווייטער.

פון דאַמאָלס אָן איז די גאַס געוואָרען מיין איינציגער שפּאַציר-פּלאַץ. און די האָפנונג אייך צו באַגעגענען לאָזט מיך קיינמאָל נישט מיד ווערען...

איך באַגעגען אייך גאַנץ אָפט, און יעדעס מאָל לאָזט עס אין מיר איבער גענוג פרייד און בענקשאַפט, אויסער די מאָלען, ווען איר פאָרט איבערן שטאָט אין אַ קאַרעטע, דאַמאָלס ווער איך עפּעס אויפגערעגט און עס פאַרדריסט מיר אויף אייך. איך ווייס נישט פאַרוואָס איר זייט מיר ליבער, ווען איר גייט צו פוס, טריט ביי טריט מיט'ן גאַסען-עולם, וועלכער קוקט אויף אייך מיט אַזוי פיל נייגעריגקייט...

איך האָב זיך באַכגעפרעגט און דערגאַנגען, וואָס איר זייט. „די רייכסטע און די שענסטע אין גאַנץ שטאָט,“ רופט מען אייך אָן. אייער פאָטער האָבען אַלע פיינט. ער איז שלעכט און רייך. אפשר איז ער צו אייך אויך שלעכט, און דעריבער זיינען איי-ערע אויגען אַזוי אומעטיג?

זייט געזונט און בייזערט זיך נישט אויפ'ן
אומבאַקאַנטען פריינד.

צווייטער בריף.

גנעדיגעס פריילין! איך האָב באַמערקט, ווי איר קוקט אייך אום אויף דער גאַס. איר זוכט געוויס דעם אומבאַקאַנטען, אָבער עס איז אומזיסט אייער מי. איך וויל, איר זאָלט מיך נישט קע-נען און איך בין זעהר פּאָרזיכטיג; איך בין זיכער, אַז אונזער באַקאַנטשאַפט וועט צעטרייבען מיין איינציגען חלום... יאָ, עס איז איבעריג. אין דעם טאָג, וואָס איך זע אייך אויף דער גאַס, פיל איך זיך גליקליך און רואיג, כאָטש אָפטמאָל באַפאַלט מיך די בענקשאַפט. איך דערשטיק עס באַלד. ס'איז נאַריש! מענשען באַזינגען שטענדיג די זון, כאָטש זי איז אַזוי ווייט פון זיי, אַלע שיינקייטען באַצויבערן נאָר פון דערווייטען—אירן? איר זייט מיין היי-ליג ווייטעס בילד, אויף וועלכעס איך קוק בגנבה.

איך האָב די לעצטע צייט צוויי מאָל אייך באַגעגענט: דעם ערשטען מאָל אין אַ געשעפט פון שפּילצייג פאַר קינדער. איר האָט זיך אויסגעקליבען צאַצקעס—געוויס פאַר אַ קליין שוועסטערל.

עס האָט מיך דאָרט איבערראַשט אַ קלייניגקייט: איר האָט זיך געדונגען מיט'ן קרעמער. דער קרעמער האָט זיך געשוואָרען, אַז אים קאָסט אַליין טייערער און איר האָט זיך מיט אים גע-שפּאַרט. עס האָט מיך אַביסעל אויפגערעגט, נאָר איר האָט אויפ-געהויבען אויף אַ רגע אייערע אויגען און איך האָב אייך שוין אַלץ מוחל געווען.

דעם צווייטען מאָל האָב איך אייך געזען אויף אַ סימפאָני-שען קאָנצערט. איך האָב אויפגעהויבען די אויגען אין דער הויך צו דעם אָרט, וואו די קלאַנגען הויבען זיך אויף. איך האָב עפּעס געזוכט אין די צעשוואומענע טענער און האָב אייך דערזען אין אַ לאָזשע. דעם קאָפּ האָט איר געהאַלטען אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, די אויגען אַביסעל ברייטער געעפענט, איר האָט קיין קלאַנג נישט דורכגעלאָזען, אַלץ איינגעזאַפּט אין זיך.

און ווען דאָס טעאַטער האָט שוין געהילכט און געציטערט פון אַפּלאָדיסמענטען, זייט איר נאָך אַלץ געבליבען אין דער זעלבער פּאָזע פאַרקלערט און פאַרוואונדערט.

איך האָב אייך אָפּגעוואַרט, ווען איר זייט אַרויס אויף דער גאַס. איך דאַן האָט איר זיך אַרומגעקוקט און עמיצען גע־זוכט, געוויס מיך... אָבער, איר וועט מיך נישט באַמערקען — איך בין פאַרזיכטיג. איך האָב דאַן געטראַכט אייך נאָכצוגיין, קוקן אויף אייך, אויף אייער שאָטען...

נאָר אייער קאַרעטע איז גיך צוגעלאָפּען...
און אפשר ווילט זיך אייך מיך גוט אויסזידלען?
שרייבט: פּאָסט-רעסטאַנט...

דער זעלבער.

דריטער בריף.

גנעדיגעס פריילין! אייער בריף האָב איך ערהאַלטען. טוי־זענט דאַנקען.! ווי איך זע, ווילט איר שטאַרק וויסען, ווער איך בין. איר פרעגט ביי מיר אַזוי פיל פראַגען, אַז איך ווייס נישט, צי איך וועל אייך אויף אַלע קענען ענטפערן. ווער איך בין, און וואָס איך בין? ס׳איז זעהר קאָמיש, ווען מען דאַרף זיך אַליין פאָרשטעלען. נאָר איך וועל עס טאָן: איך בין אַ מאַלער; די בעסטע קאָמפּאָזיציעס מיינע גיבען זיך מיר איין; ווען איך מאָל הויכע בערג, ווילדע פעלזען און איינזאַמע מענשען, וועלכע קלע־טערן אויף די פעלזען. נו. וואָס ווייטער? וואָס זאָל איך נאָך שרייבען וועגען זיך? איך בין נישט קיין שיינער, זעהר קליין און געוואוקס, נאָך קלענער פאַר נאַפּאָלעאָנ׳ען; נאָר איר שרייבט מיר: „ווער איך זאָל נישט זיין, און וואָס איך זאָל נישט זיין” — איר מוזט מיך באַגעגענען. איר מוזט... איך וואָלט אייך געענטפערט מיט׳ן לעצטען בריף, נאָר איר פאַרשווערט מיך, מיט די אויגען, וואָס איר האָט אַזוי ליב.”

יאָ, אייערע אויגען זיינען מיר ליב, איך טאָר זיך נישט אַנטזאַגען, איבערהויפּט איצט, ווען איך האַלט ביים אָפּפאָרען אויף אַ לאַנגע צייט אין אַ ווייטע רייזע. איך וועל עס טאָן: קומט מאָרגען אין אַלטען „סקווער” אין דער אַלעע פון די טאָפּאָלען,

דאָרט וועל איך זיין פון דריי ביז פינף נאָכמיטאָג. נאָר מיט איין באַדינג—קומט צוגיין צופוס; אין אייער קאַרעטע זייט איר מיר עפּעס פרעמדער, ווייטער... איך גלויב, איר וועט מיר טאָן די קליינע געפעליגקייט.

צום גיכען זען-זיך

דער אומבאַקאַנטער.

פּערטער בריף.

געגנעדיגעס פריילין! איר זייט נעכטען געווען אין גאָרטען און מיך נישט געפונען, נאָר גלויבט מיר, איך פיל זיך נישט שול-דיג... ווען איך בין געגאַנגען צום סקווער, האָט מיך אייער קאַ-רעטע איבערגעיאָגט! איר האָט געהייסען דעם קוטשער זיך אָפּ-שטעלען אַ סך פריער פאַר׳ן סקוור; איר האָט נישט געוואָלט, איך זאָל וויסען, אַז איר זייט אין קאַרעטע געקומען. איר האָט מיך נאָך נישט געקענט, נאָר איר האָט מיך גענאַרט. אין זעל-בען מאָמענט האָב איך באַשלאָסען אייער נייגעריגקייט נישט צו-פרידען שטעלען.

יאָ, מיין ליבע פריילין. דאָס איז דער לעצטער בריף. איך גלויב, איר וועט מיך אַנטשולדיגען, וואָס איך האָב זיך מיט אייך נישט באַגעגענט; איך גלויב איר וועט עס פאַרגעסען פריער פאַר מיר.

נאָר אייערע אויגען—איך וועל זיי מיטנעמען אויף מיין ווייטע רייזע, זיי וועלען זיין מיין וועג-פירער.

לעבט וואויל!

דער אומבאַקאַנטער.

רעגאַ רובין לייענט אָפּט די בריף און טראַכט פון דעם אומבאַקאַנטען. ווער האָט עס געקאָנט זיין? וואו איז ער איצט, דער מאָדנער אומבאַקאַנטער? אַך, זי וואָלט אים אַזוי וועלען זען, אַזוי וועלען זען!...

מארגאריטקעס.

מיר זיינען ביים ווייקסעל געשטאַנען, און אויפ'ן שיינעם זון-אונטערגאַנג געקוקט: אַ רויטער וואָלקען האָט זיך לאַנגזאַם געטראָגען איבער אונז, ווי אַ שווערע אָנגעלאָדענע שיף, באַגלייט פון עטליכע קליינע וואָלקענדלעך...

מער פון אַלעמען איז פאַרוואונדערט געווען די יונגע אירע; יערע ווײלע האָבען אירע דינע ליפּעלעך זיך געעפענט מיט אַן אַנדער אויסגעשריי:

—זעט נאָר יענעם וואָלקען, ווי אַ עלעפאַנט זעט ער אויס: באַלד וועט ער אַראָפּלאָזען זיין לאַנגען שנאָבעל אין טייך און זיך אָנטרינקען!..

—זעט נאָר, דער וואַלד ברענט!..

און פון וואָלקען, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ עלעפאַנט, איז באַלד אַן אומגעלומפּערטע שטיק געוואָרען; דאָס פייער פון וואַלד האָט זיך אויפ'ן נאָנטען דאָרף אַריבערגעטראָגען; די שוואַלבען האָבען זייער לעצטען שפּאַציר אין דער לופטען געמאַכט און מיר זיינען נאָך אַלץ ביים ברעג געשטאַנען, געלאַכט. גע-

וואָרפֿען שטיינדלעך אין וואַסער און אין „זשאַבקעס״ געשפּילט...

—אַ בלימעל שווימט, אַ בלימעל שווימט,—האָט אירע פּלוצלונג אויסגעשריען, אָנווייזענדיג אויף אַ ווייס בלימעל, וועלכעס איז פאַרבייגעשוואומען, טאַנצענדיג אויף די כוואַליעס; נאָר קורץ זיינען אונזערע הענט געווען, און דאָס בלימעל האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט...

—דאָס איז אַ מאַרגאַריטקע, פאַרליבטע האָבען עס פון זייער שיפעל געוויס פאַרלוירען.

דאַן איז איינער פון די בחורים ביז די קני אין וואַסער אריינגעלאָפען און אירע׳ן דאָס בלימעל געבראַכט.

—אַן עכטער ריטער,—האָבען זיך אַלע געוויצעלט און אירע האָט זיך געשפּילט מיט׳ן בלימעל, ווי אַ קינד מיט איר בעסטען שפּילצייג...

—מאָרגען וועל איך אייך אַ גאַנצען בוקעט אַזעלכע בלומען ברענגען.—האָב איך צו איר געזאָגט. זי האָט מיט אַ שמייכעל מיר געענטפערט,—און איר שמייכעל מאַכט גליקליך.

אין דערפרי בין איך נאָך בלומען אַוועק: געבלאָנדזשעט אין די פאַרוואַקסענע בערג-שטעגלעך, נישט איינמאָל האָב איך זיך די פינגער צעשטאָכען אָן ווילדען גראָז, דאָך מיינס האָב איך אויסגעפירט: איך האָב אַ גרויסען בוקעט אָנגעקליבען, ווייסע פרישע מאַרגאַריטקעס מיט געלע אויגעלעך, וועלכע האָבען צו מיר געקוקט נייגעריג-צעשראָקען, ווי זיי וואָלטען מיך פרעגען: „וואוהין טראָגסטו אונז, צו וועמען?״

—צו איינער פון די שענסטע טראָג איך אייך, אירע׳ס שמייכעל מאַכט גליקליך...

פון ווייטען האָב איך איר געלעכטער דערהערט. זי איז געשטאַנען אין גאָרטען, ווי אַ יונגע הערשערין פון איבערגעגעבענע פאַזשען אַרומגערינגעלט. אין האַנט ביי איר איז געווען אַ בוקעט רויזען; איך האָב זיך דערשראָקען: ווער וויל עס מיט מיר קאָנקורירען? איך האָב דאָך מיט אַזוי פיל מי אַ בלימעלע צו בלימעלע געקליבען, מיינע פינגער צעשטאָכען...

זי האָט צוגענומען בײַ מיר די בלומען און געקוקט אַ װײלע אויף בײדע בוקעטען:

—די רויזען זײנען שענער,—האָט זי אויסגערעדט און זיך צולאַכט. זי האָט געמעגט לאַכען. אין די הענט האָט זי צװײ בו־קעטען געהאַלטען... און איך...

איך האָב געהאַט צעשטאָכענע פינגער. איך האָב מײנע אײנפאַכע בלומען נישט געקאָנט פאַרטײדיגען: ס'איז אויף זײ טאַקי געװען דאָס בלוט פון מײנע פינגער...

אָבער שענער זײנען געװען די רויזען...

דער שענסטער קלאנג.

ער איז געווים געקומען פון אָרעמען קוואַרטאַל, דער לאָ-בוס, אַ באָרוועסער, מיט אַ היטעל אָן אַ קאָזירעק, די קני אין די הויזלעך אויסגעריבען, די האָר ווילד צעוואַקסען, דאָס פּנים נישט געוואַשען. און אויב ער האָט וואו אַהיים,—מוז דאָרטען זיין שמו-ציג, די שויבען פון די פענסטער אויסגעשלאָגען, און נידעריג, נידע-ריג ווי אין אַ קבר... און אויב ער האָט אַ מאַמען, מוז זי זיין אַ גאַסען-הענדלערקע מיט שרעקליך שמוציגע קליידער, מיט קראַנקע אויגען און זי שילט אים שטענדיג און זי שלאָגט אים...

אָבער דאָ אויף דער רייכער גאַס, וואו יעדער רגע בייטען זיך אַזעלכע שיינע אומבאַקאַנטע בילדער, דאָ איז אים גוט. דאָ פאַרגעסט ער אָן אַלץ...

ליגט ער זיך אויפ'ן טראָטואַר אונטער'ן גרויסען שוי-פענס-טער און וואַרעמט זיך אויף דער זון און קוקט אויף די מענשען, וואָס איילען אַזוי גיך און ער טראַכט זיך:

—וואוהין לויפען זיי? דאָ איז דאָך פאַראַן אַזוי פיל שיינע זאַכען, אַזעלכע מאָדנע צאַצקעס אין די פענסטער. און די טראַמ-

וואָיען, און די קאַרעטעס אָן פערד און מיט פערד...

עס וואונדערט אים פאַרוואָס קיינער אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם אַלעם און פאַר אים איז דאָ אַזוי ניי, אַזוי וואונדער-באַר...

און ער הערט נישט אויף צו טראַכטען, וואוהין לויפען זיי די מענשען, געוויס, זיינען ערגעץ פאַראַן נאָך שענערע גאַסען, נאָך גרעסערע וואונדער... און אַז ער וועט עלטער ווערען, וועט ער זיך אויך דאָרטען אַרייג׳גנב׳נען און אַלץ דערגיין און אַלץ אויסקוקען...

די זון וואַרעמט אים, די מענשען באַמערקען אים נישט, אַלע זיינען אַזוי שטאַרק פאַרנומען און אַזאַ זיסע פוילקייט צע-גיסט זיך אין זיינע יונגע גלידער. נאָר פלוצלונג ווערט ער אומ-רואיג, ווי אַ הונט, וועלכער האָט עפּעס דערשמעקט, זעצט ער זיך אַוועק און קוקט גייגעריג אָן דעם גאַסען-הענדלער, וועלכער האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבען אים. אָך, ס׳אַראַ טייערע צוקער-קעס ער האָט צום פאַרקויפען, ס׳אַראַ קליינינקע, שיינינקע בוי-געלעך. און ער דערמאָנט זיך, דער קליינער לאָבוס, אַז ער האָט אַ קאָפּיקע אין קעשענע, נאָר אים ווילט זיך עס נישט אויסגעבען, ראַנגלט ער זיך אַביסעל מיט זיך און האַלט נישט אויס. ער נעמט אַרויס די קאָפּיקע און קוקט און קוקט אויף איר, ער הייבט זיך שוין אויף און וויל צוגיין עפּיס קויפען, פאַלט אים אָבער די מטבע אַרויס פון האַנט און אויפ׳ן גאַס דערהערט זיך אַ נייער פריילינכער קלונג; עטליכע מענשען קוקען זיך אום, זיי דערזעען די קאָפּיקע און ווילען זיך שוין איינבויגען, איז אָבער דער לאָבוס פלינקער, גיט ער זיך אַ ריס צו זיין קאָפּיקע און שרייט אויס: „מיינע!“

די מענשען איילען ווייטער, און דער לאָבוס פרייט זיך וואָס זיין קאָפּיקע קאָן אַזוי צוציען: ניין, ער וועט נישט קויפען קיין צוקערקעס, ער וועט זיך רייצען מיט די מענשען. און ער פאַרנעמט ווידער זיין פּאָזיציע אונטער׳ן שוי-פענסטער און קוקט אויף די פאַרנומענע דורכגייער, וואָס קיין זאַך באַמערקען זיי נישט און ווי לעם אים גייען פאַרביי עטליכע מענשען מיט

אַמאָל, גיט ער דאַן אַ וואָרף פון זיך אויף עטליכע טריט די קאָפּיקע, זיי דערהערען דעם קלאַנג, שטעלען זיך אָפּ, קוקען זיך אַרום און ווילען זיך שוין איינבויגען, נאָר באַלד דערזעען זיי דעם אָפּגעריסענעם אינגעל און זיי דערהערען זיין קול:

—מיינע!

און ער לאַכט פון זיי, דער לאָבוס, און ער וואונדערט זיך וואָס קיין זאַך אינטערעסירט זיי נישט, אויסער זיין קופּערנע קאָפּיקע.

דער יריד.

יעדען דינסטאָג איז אין קאַזמערזש אַ יריד.

שוין מאָנטאָג בייםנאַכט פאָרען זיך צענויף אין שטעטעל פיל פורען פון די אַרומיגע דערפער; אויף די פורען ליגען געבונדענע שעפסען, קעלבער און חזירים. חזירים ברענגט מען מער ווי אַלץ. מען פירט זיי פון איין מאַרק אויפ'ן צווייטען. זיי ליגען אין די וועגענער מיט די פעטע בייכער אַרויף, פעסט אַרומגעדרייט מיט שטריק און שרייען אַ גאַנצע נאַכט אַזוי, אַז עס דוכט אויס, אַז מען קוילערט זיי שוין...

דינסטאָג אין דער פרי איז דאָס שטעטעל נישט צו דערקענען. די ברייטע מאַרק-גאַס איז אינגאַנצען פאַרנומען: וועגענער מיט אויסגעשפאַנטע פערד, פויערים אין פראָסטע שטרויענע היט און פויערטעס, יונגע און אַלטע, מיט פאַרביגע טיכלעך אויף די קעפ.

פון גרויסען באַרג, וואָס שטייט, ווי אַ שומר לעם שטעטעל איז דאָס אויסזען פון מאַרק זעהר שיין, אונטען געפינען זיך די ציגיינער מיט די פערד. ס'איז אַ מאָדנע שפּראַך זיי האָבען דאָס,

די אידישע מעקלערס; זיי שרייען און שעלטען זיך, האַלטען אין איין פּאַטשען איינער דעם צווייטען איבער די הענט, און דער ציגיינער האַלט אין איין שרייען „ניע" „ניע", ביז וואַנען מען באַווייזט אים אַ פּעקעלע דריי-רובל'דיגע; דעמאָלט נעמט ער אַראָפּ דעם צוים פון פערד און טוט אים אָן אַ געוויינליכען שטריקעל.— דאָס געשעפט איז געענדיגט, און די חברה מעקלערס לאָזען זיך באַלד צו צו אַ צווייטען ציגיינער און פּאַטשען ווידער איבער די הענט...

אין אַ באַזונדערן ווינקעל אויפ'ן מאַרק שטייען די טאַנדעט-ניקעס און פאַרקויפען אַלטע קליידער און שטיוועל. עס קומט צו אַ פויער. ער וויל קויפען אַ פּאָר הויזען. דאַרף ער זיי אָנמעסטען, צי זיי פּאַסען פאַר אים? טוט ער זיך אויס אויפ'ן מיטען מאַרק כמעט נאַקעט ווי אדם...

אידען רייסען זיך אָפּ אַ ווײַלע פון געשעפט און ווינקען איינער צום צווייטען:

—וואָס אַן ערל קאָן...

און מען לאַכט... און דער גערויש פון די מענשען, דאָס הירזשען פון די פערד און דאָס קוויטשען פון די חזירים גיסט זיך צונויף אין איין כאָר. ווייט, ווייט הינטערן שטעטעל אויף די פעלדער טראָגט זיך דער הו-האַ. עס קומען צו פאָרען די לעצ־טע פורען פון די ווייטערע דערפער. אויסער דער ברייטער מאַרק-גאַס זיינען שוין פאַרשטעלט נאָך צוויי זייטיגע גאַסען; דער יריד איז אין רעכטען ברען.

ניכעלע די משוגענע שטייט אין פענסטער און קוקט אין די שויבען און זינגט און שעלט; נאָר קיינער הערט זי היינט נישט. די לאָבוסעס זיינען פאַרנומען מיט די פערד אָדער מיט אַ יונגען „ביק", וואָס האָט זיך אָפּגעריסען פון אַ שטריק און איז אַנטלאָפען אין פעלד... אויף דער זייט גאַס, וואָס איז נענטער צום קאָסציאָל זיצען אויף דער ערד אַ גאַנצע ריי בלינדע און קאַליקעס: איינער שפּילט אויף אַ געגנשלע און די איבעריגע זינ-גען און צלמ'ען זיך. פאַרקויפט אַ פויער זיין קעלבעל אָדער אַ חזיר, שענקט ער זיי דאַן אַ פּאָר גראָשען.

די טויבען פון קאָסטיאַל מוזען אַ גאַנצען טאָג זיצען אויפ׳ן דאַך, ווייל אַראָפּלאָזען זיך אויפ׳ן גאַס איז היינט אוממעגליך.

אַלע שיינקען זיינען איבערפולט, עס טרינקען קליין און גרויס, מאַן און ווייב. אַנדערע ברענגען דאָס פלעשעל צום וואָגען, און מען פאַרטרינקט די פּאָר גראָשען, וואָס מען האָט נאָר-וואָס פאַרדינט.

אין די שניט-קראָמען ליגען פונאַנדערגעוואָרפען אַ גאַנצער באַרג צייג און אַנדערע שטאָפען, די דאָרפישע שיקסעס ברענגען צום יריד יאַגדעס, גרושיבעס און אייער. פאַר דאָס געלט, וואָס זיי נעמען אָפּ דערפאַר, קויפען זיי סטענגעס, שפּילקעס און קינסטליכע בלומען, מיט וועלכע זיי באַפּוצען זיך צום „שלוב״.

די בעסטע געשעפטען מאַכט פריידעל דעם חזנ׳ס; אַ גאַנצען טאָג לאָזט זי נישט אַרויס פון האַנט דעם אייזערנעם אַרשין: די פויערטעס האָבען צו איר פאַרטרויאונג, זי נעמט זיי מיט אירע זיסע ווערטעלעך, מיט אירע לעבעדיגע אויגלעך, וועלכע בלישטשען, ווי צוויי ברילי‍אַנטען. „מאָיאַ קאָכאַנאַ״—הערט מען נאָר פון איר. זי האָט אַ גוטען קאָפּ, פריידעלע: זי געדענקט יעדערנ׳ס נאָמען. זי ווייס פון וואָס פאַר אַ דאָרף די און די פויערטע איז; זי פרעגט אויס וועגען די קינדער און אַלץ אַזוי ווייך, אַזוי גוט-הערציג; זעלטען ווען עס גייט ווער אַרויס פון איר קראָם, נישט קויפענדיג עפּעס.

ביי יודעל קרויט, דעם פעלדשער, איז אויך פול. זיין ווייב און זיין שוויגער שטייען מיט גרויסע שערען אין די הענט און אַרבעטען אויף די פויערישע קעפּ. פיר גראָשען איז דער מקח פאַר אָפּשערען. אַמאָל שפּאַרט זיך אַ פויער איין און וויל נישט געבען מער, ווי דריי גראָשען, דינגט מען זיך און עס קערט זיך וועלטען. יודעל אַליין איז פאַרנומען מיט דאָקטאָריע. אין אַ ווינקעל פון גרויסען צימער ליגט אויף דער קאַנאַפּע אַ גרויסער כלאָפּ און קרעכצט, זיין פלייצע איז נאַקעט, און עס בלישטשען אויף איר צוואַנציג גלעזערנע באַנקעס. יודעל איז שוין ווידער פאַרנומען: מען דאַרף אַרויסרייסען אַ פויער אַ צאָן; זעצט ער אים אַוועק אין מיטען צימער, דערלאַנגט אים אַ שיסעל אין

האַנט, און ווען דער צאָן איז שוין אַרויסגעריסן, הייסט יודעל דעם פּויער שווענקען דאָס מויל מיט וואַסער אין דער שיסעל, וועלכע ער האַלט אין האַנט; דער פּויער וויל דאָס נישט טאָן. צו וואָס? דער צאָן איז דאָך שוין אַרויסגענומען. נאָר יודעל ווערט אין כּעס און שרייט אויפ'ן פּויער.

דער גערויש אויפ'ן מאַרק דערגרייכט צו זיין העכסטע מדרגה, מענשען שרייען און טומלען. מען קריגט זיך, מען שילט זיך צוליב אַ גראָשען; אַלעמען האָט פֿאַרכאַפּט דער מסחר און עס דוכט זיך אויס, אַז די גאַנצע וועלט ווערט דאָ פֿאַרהאַנדעלט; נאָר אין ווינקעל, אין איין אָרט, גייט זיך דאָס לעבען צו, ווי געוויינליך; אין בית-המדרש — עס כאַפּט זיך אַרויס אויפ'ן מאַרק דער אומעטיגער גמרא־נגון און ווערט פֿאַרפֿאַלען אין טומעל.

פֿאַרנאַכט ווערט דער מענשען-קנויל צעשאָטען, די פּויערים שפּאַנען איין די פֿערד, קלייבען צענויף פֿון דער ערד דאָס בי-סעל איבערגעבליבענע „קונעשינע" און הויבען זיך שוין אָן ריירען אין וועג אַריין; זיי נעמען מיט פֿון שטעטעל פֿאַרשיידענע זאַכען: אייזען, זאַלץ, און אַמאָל אַ טרומנע — אין דאָרף ביי עמיצען איז ווער געשטאָרבען, אָדער עס האַלט ווער דאַביי, דאַרף מען אָנ-גרייטען...

דאָס שטעטעל, דוכט זיך, אָטעמט פֿרייער אָפּ. מען קאָן שוין צוגיין צום פּלומפּ און אָנגרייטען וואַסער, מען קאָן שוין אַריינגיין צו אַ שכן. פֿריידעלעס מאַן לייגט צונויף די פֿונאַנ-דערגעוויקעלטע שטיקלעך שטאָף, און פֿריידעלע אַליין זעצט זיך אַוועק אויפ'ן שוועל און בייסט עפּעס צו נאָך אַ גאַנצען טאָג האָרעווען.

די פורען אַנטלויפֿען פֿלינק און פֿריילּיך! אַן אַנדער פּויער איז שיכּור, נעמט זיין ווייב די לייצעס און טרייבט אָן.

די פּאָרלעך, וואָס שפּאַצירען יעדען אָוונט הינטערן שטע-טעל אויפ'ן, ברייטען וועג און אויפ'ן שאָסיי, זיינען היינט נישט צופֿרידען. די פורען הויבען אויף אַזאַ גוואַלדיגען שטויב, דאָס מען קאָן פּראָסט נישט דורכגיין.

ס׳וועט פוסט דער מאַרק. בלויז ביי דער פּאָסט ליגען נאָך עטליכע שווערע חזירים, וואָס די היגע מיעשטשאַנעס האָבען איינגעקויפט אויפ׳ן יריד, און זיי ראָיען זיך אין די דבר-אחרים מיט געשמאַק אין ברודיגען זומפּעל, וואָס ווערט קיינמאָל נישט אויסגעטריקענט...

די נייע באַראָנען.

I.

קליינע אויגעלעך.

דאַלמאַן איז פאַר דער מלחמה געווען אַ פריילײכער, לוסטיגער יונגערמאַן, אַ באַוועגליכער און אַ וויצלער. איך פלעג אים זען אומעטום: אין קאַפע, אין טעאַטער. ער האָט זיך געחבר'ט מיט די יונגע קינסטלער פון מיין שטאָט. אַמאָל פלעגט ער קומען מיט קעשענעס געלט און צאָלען פאַר אלעמען, אַמאָל פלעגט ער זיין, ווי מיר אַלע — זעהר פאַרענגט, ווייל דער טאַטע זיינער האָט מער נישט געוואָלט געבען. קיין אייגענע באַשעפטיגונג האָט ער נישט געהאַט, ער איז געווען „אַ טאַטענס אַ קינד". שטענדיג ריין און מאָדערן אָנגעטאָן. דער קנייטש אויף די הויזען האָט געמוזט זיין אין אָרדנונג, דער שלייף שיין פאַרבונדען. נאָר אַז ער פלעגט נעמען אַמאָל אַן איבריגען כוס... דאַמאָלס האָט מען געמוזט פון טיש אַראָפּנעמען די כלים און גייענדיג מיט אים ביינאַכט אין גאַס אין אַזאַ צושטאַנד איז געווען געפערליך; מען האָט אים געמוזט האַלטען פאַר די האַנט,

ווייל די שוי־פענסטער זיינען געווען אין סכנה, ער האָט אַלץ געוואָלט עפּעס צוברעכן, פאַרניכטען.

מיר האָבען אים אַלע ליב געהאַט. ווער האָט עס פיינט אַ גוטען ברודער?

עס איז אָנגעקומען די מלחמה. פינף יאָר האָב איך דאַכ־מאַנ׳ען נישט געזען. איך האָב אים אָנגעהייבען צו פאַרגעסען, ווי אַ סך אַנדערע קאָלעגען פון יענע טעג.

קומענדיג צוריק אין מיין שטאָט, בין איך ווידער געזעסען אין דער אַמאָליגער קאַפע. די קעלנערס זיינען כמעט די זעלבע, די מאַלעריי אויף די ווענט די זעלבע, די מוזיק שפּילט די זעלבע מעלאָדיעס פון פאַר דער מלחמה... יאָ! געווען אַ צייט אַ טייערע פאַר דער מלחמה. מיר האָבען אַליין נישט גע־וואוסט, אַז מיר זיינען אין גן־עדן... איצטער איז אַביסעל אַנ־דערש.

די מענשען, די פּנים׳ער—אַלץ נייע, פרעמדע געזיכטער. וואו זיינען זיי אַלע פאַרשוואונדען, די אייגנגעהאַלטענע יונגע־לייט, די באַשיידענע פריילינס? איך קוק זיך אַרום איך באַטראַכט דעם עולם, מענשען מיט בריליאַנטען, בריליאַנטענע שפּילקעס אין די שלייפען, בריליאַנטען אויף די פינגער, גאָלדענע פּאַרטציגאַרען, גאָל־דענע זייגערס. און ווי מיאוס זיי זיינען. זיי קאָנען דאָך קיין מעסער־גאָפּעל נישט האַלטען אין האַנט.

דערביי רעדט מען אַזוי הויך, העזה׳דיג, אָדער מען שוש־קעט זיך ווי גנבים, און די קעלנער לויפען און ברענגען אַלץ נייע שפּייזען און וויינען. ביין, פריער פלעגט מען גאָר אַזוי פיל נישט עסען.

דאָס, וואָס דורות האָבען לאַנג אויסגעהאָדעוועט אין באַ־גיין זיך, האָבען דאָס די נייע פאַליעס אין איין יאָר פּאַרטרונ־קען און פאַרניכטעט. אַ קאַפע ווי די, וואו איך זיץ איצט, איז פריער געווען, ווי אַ טעמפּעל פון פרייליכקייט.

און איצט די קעלנער! זיי האַלטען זיך מיט דידאָזיגע געסט גאָר אַנדערש, ווי אין אַמאָליגע טעג. זיי קוקען אויף זיי פון אויבען אַראָפּ און אויב זיי בויגען זיך פאַר די אויפגע־

קומענע, איז דאָס אַזוי עקעלהאַפטיג.

ס׳אַראַ פּנים׳ער... דורשטיגע אויגען, גאָלדענע ציין. די נייע קליידער האָבען נאָך נישט באַוויזען זיך איינצולייגען אויף זייערע אומגעלומפּערטע פּלייצעס.

אַנטקעגען מיר זיצט די גאַנצע צייט אַ מענש-דיק, ווי אַ פאַס און עסט און עסט...

ער קוקט נישט אויף קיינעם, נאָר ביי זיך אין טעלער. די הענט זיינען ביי אים פעט, דער קאַרג — פעט, דער גאַנצער גוף וויגט זיך אין פאַליעס פון צוגעוואַקסענעם פלייש און ער עסט און עסט.

און אָט האָט דער דאָזיגער נפש איינגעהאַלטען אויף אַ רגע די באַוועגונגען פון זיין גאָפּעל און אויפגעהויבען אויף מיר אַ פּאָר קליינע אויגעלעך.

פּיטשינקע אויגעלעך, ווייל אַרום זיינען זיי פאַררינגעלט מיט פעלדלעך פון פונאַנדערגעשוואומענעם פעטס. מען וואָלט לאַנג באַדאַרפט קוקען, אום צו דערגיין, וועלכע פאַרב די דאָזיגע אויגעלעך האָבען.

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און באַלד זיך ווידער גענומען צום טעלער, דערנאָך צו דער פלאַש, דערנאָך צו דער סערוועטקע.

מיין אַנטקעגען-זיצען האָט אים אַזוי ווי אומרואיג געמאַכט.

מיר האָבען זיך גענומען אָנקוקען. עס האָט געדויערט אַ מינוט צען ביז מיין שכן האָט זיך צוזאַמען מיט׳ן שטול אָפּגערוקט פון טישעל, לאַנגזאַם זיך אויפגעהויבען און וויגענדיג זיך אויף צוויי קלעצער, איז ער צוגעגאַנגען צו מיר...

—דאַכט זיך, איך האָב קיין טעות נישט, איר זייט, דו ביסט...

—יאָ, איר האָט געטראָפען.

—איך בין דאַכמאַן, דו דערקענסט מיך נישט.

דאַכמאַן! אַ פאַרגאַנגענע וועלט האָט גענומען שוועבען פאַר די אויגען... דאָס איז דאַכמאַן! אָט דאָס דאָזיגע שטיק פלייש! און איך האָב זיך געמוזט מיט דעם שטיק פלייש צוקושען. מיר

זײנען דערנאָך געזעסען בײ אײן טישעל און געטרונקען פון אײן פלאַש.

דאַכמאַן! איך האָב זיך נאָכאַמאָל פאַרוואונדערט און ווידער געטראַכט פון דער פאַרגאַנגענהײט: אײנמאָל בײנאַכט זײנען מיר שפּעט אַרויס פון אַ נאַכט-רעסטאָראַן. עס זײנען אויך מיט אונז געווען פרויען, האָט זיך אײנע אָנגערופען צו דאַכמאַנ'ען:

—קריך אַרויף אויף דעם טעלעגראַף-סלופּ!

און עס האָט נישט געדױערט. דאַכמאַן איז געקראָכען און איז אַרויפגעקראָכען גאַנץ הויך... אָט די פאַס, אָט דער שווער-שמאַלציגער האַרמאַט...

ער האָט מיר דערצײלט, אַז דער טאַטע זײנער איז געשטאָרבען און ער אַלײן האָט עפּעס געמאַכט גרויסע געשעפטען, מען האָט סחורה פאַרמויערט אין די ווענט און געמאַכט דער-נאָך פון זײ מיליאָנען...

און איצטער קומען שוין די מיליאָנען אַלײן.

איך בין געזעסען אַ לאַנגע צײט און געזוכט זײנע אויגען. פון ווײן זײנען זײ נאָך קלענער געוואָרען.

איצטער זע איך אים אָפט. צו-פוס גײט ער זעלטען, עס איז אים, נעבעך, שווער, דער האַלז זײנער ווערט אַלץ ברײטער, דער גוף—דיקער. נאָר די אויגעלעך, זײ קריכען אַלץ טיפער אין קאָפּ אַרײן און אַרום זײ לײגען זיך אַזעלכע ווײכע הויטיגע קישעלעך.

ער קומט אויך אין טעאַטער אָפט, אויף קאָנצערטען, פונקט ווי ער וואָלט דאָרט זוכען זײן פאַרגאַנגענהײט...

און שפּילען שפּילען דאָך אַנדערע, זינגען זינגט אַן אַנדע-רער, נאָר ער, דאַכמאַן, איז אויף זײן שטול אַזאַ פאַרמאַטערטער, שווײס גיסט זיך פון אים. ווי נאָר עפּעס, שוויצט ער.

דערנאָך ווען אַלע גײען אַרויס פון טעאַטער, איז אים, נעבעך, אַזוי שווער דורכצוגײן. אַלע באַוועגען זיך לײכט און ער בלײבט שטײן אין געראַנגעל פון מענשען נישט אַהער, נישט אַהין...

—וואָס פאַרצוימט איר דעם וועג?—פרעגט אײנער בײ אים און אײדער דאַכמאַן ענטפערט, וואַרפט שוין ווער פון עולם אַ וויץ:

—דו זעסט גישט? אַ פּאַס!

אין אַ שיינעם טאָג וועט פון אַזאַ דאַכמאַן ווערען אַ פול-קום פאַרמאַכטע ווינעלט. די קליינע אויגעלעך וועלען אינגאַנצען פאַרשוואונדען ווערען פון פנים, און ער אַליין וועט האַלב ליגען און האַלב-זיצען אויף אַ שטול און עסען און עסען...

II.

גרויסע אויגען.

בערעזיצקי'ן האָב איך אויך געקענט פון פאַר דער מלחמה. דאָס איז געווען עפּעס שלים-מזל אַ וואָיאַזשאָר. בעת אַלע זייבען געפאָרען קיין טיף-רוסלאַנד און געמאַכט גלאָדענע געשעפטען, פלעגט ער קומען אַ צעבראָכענער, אָן פדיון, אָפט פלעגט מען אים נאָך אין וועג באַ׳גגב׳ענען.

איצטער איז ער אַ גאַנצער קנאַקער, אַ מיליאָנער.

נאָר ער זעט אַלץ אַזוי שלעכט אויס. אין האַלז ציטערן די גרויסע אָדערן, פונקט, ווי דער קאָפּ וואָלט ביי אים געווען מיט שטריק צוגעבונדען. עטליכע הערעלעך האָבען נאָך די אַלטע אַכסניה אויף זיין קאָפּ. די הענט זייבען דאַר און לאַנג. אַלע אָדערן זעט מען אויף זיינע הענט. אויף די טויטע בלייכע פינגער בליצט אַ גרויסער בריליאַנט און די אויגען פליען הין און צוריק.

גייט ער אויף דער גאַס, שטעלט מען אים יעדע רגע אָפּ.

—בערעזוויצקי, איר קויפט?

—בערעזוויצקי, פערקויפט...

און ער גלאָצט שטענדיג אַביסעל צוטומעלט מיט די אויגען:

—האַ! וואָס?

ער האָט אַזעלכע גרויסע אויגען, ווי אַ פּאָר צושראָקענע פויגעל, וועלכע גרייטען זיך אַוועקצופליען.

ער האָט געמאַכט מיליאָנען, נאָר פון דער אַלטער קבצנות איז ביי אים געבליבען אַ גרויסע קמצנות. ער טראָגט נאָך בגדים פון יענע צייטען, פון פאַר דער מלחמה און דער בריליאַנט אויף זיינע פינגער—דאָס טראָגט ער נישט צוליב פּוץ; דעם בריליאַנט וויל ער פאַרקויפען און באַלד קויפען אַ צווייטען. ער קויפט און פאַרקויפט כסדר. נאָר דער עיקר איז ביי אים וואַלוטע. ער לויפט אויף דער בירזשע און האָרכט זיך איין צו יעדען קלאַנג. נאָר שטענדיג איז ער אומצופרידען. פאַרוואָס האָט ער פאַרקויפט די פונטען? ער וואָלט דאָך געקענט פאַר זיי איצט מער נעמען. אָי, וואָס ער האָט געקויפט פאַר דעם געלט דאָלאַרען און פון זיי נאָך מער פאַרדינט? יאָ, דאָס איז טאַקי אַזוי, נאָר די פונטען האָט ער נישט געטאָרט פאַרקויפען. מיט „דומסקע״ איז ער אריינגעפאַלען און דאָס גאַנצע לעבען וועט ער שוין אויף דעם אָפּקלאָגען. ער האָט געהאַט „ניקאָלאַיעווסקע״, האָט ער זיי אויסגעביטען אויף „דומסקע״, ליגען דאָך די „דומסקע״ אין דער ערד און ווען בערעזאָווצקי גיט אַ זיפץ, ווייס מען שוין, אַז ער וועט באַלד אָנהייבען ריידען וועגען זיין אומגליק, וועגען די „דומסקע״.

—צוליב וואָס האָב איך עס פאַרקויפט? צוליב וואָס!

דעם מענשען איז אַלץ ווייניג. הערט ער, אַז עמיצער וויל פאַרקויפען אַ הויז, קומט ער באַלד צולויפען און האַנדעלט עס אויס.

קויפט ווער אַ רינג, אַ זייגער, רוקט ער באַלד אַריין זיין לאַנגע נאָז און פרעגט:

—וויפיל קאָסט עס?

קומט ער אויף אַ „קאָלאַציע״ צו וועמען, שטייט אַ פלאַש ווײַן אויפ'ן טיש, נעמט עס באַלד בערעזאָווצקי אין האַנט אַריין, באַטראַכט דעם עטיקעט, גיט אַ שמעק און פרעגט:

—וויפיל קאָסט עס?

ער שפּילט אַמאָל אין קאָרטען. פּלאַצען זיינע פּאַרטנערען פון אומגעדולד און ער זיצט און באַרעכענט אַליין און ציטערט אויף אַ גראָשען, און בעת מען טרייבט אים-צו, שרייט ער אויס מיט גרעסטען כּעס:

— עס קאָסט מיר שוין אַזוי פיל...

נאָר פאַרוואָס זעט ער אויס אַזוי, ווי אַ בן-מות. די אוי-גען קריכען אים פון קאָפּ אַרויס. אַזעלכע גרויסע קרענקליכע אוי-גען. וואָס פעלט אים, דעם מיליאָנער?

אַ גוטער באַקאַנטער וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז פון קנאה: עס זיינען פאַראַן אין שטאָט נאָך מיליאָנערען. און יענע האָבען אויך פּאַפּירען און ברילאַנטען. אויף דער „בערזע" זיינען פאַראַן אַזוי פיל דאָלאַרען, פונטען און אַקציעס, מיליאָנען, מיל-יאַרדען... בערעזוויצקי קאָן זיך נישט אָנזעטיגען:

ווען ער וואָלט, אָנשטאָט די „דומסקע", דעמאָלט געקויפט דאָלאַרען, אָדער אַפילו פראַנקען, וואָלט ער דאָך איצט געווען אַ מיליאַרדער, נישט קיין מיליאָנער.

ווען ער וואָלט דעמאָלט...

ווען ער וואָלט דעמאָלט...

אַמאָל ליגט ער אַזוי אַפּ גאַנצע נעכט און שלאָפט נישט און פאַרשעלט די רגע, בעת ער האָט פאַרקויפט די „ניקאָלאַ-יעווסקע", און בעת ער שלאָפט שוין איין, חלומ'ען אים זיך גאַנ-צע בערג מיט אַקציעס, דאָלאַרען, פונטען און יעדע רגע רוקט זיך צו אַ פינגער מיט אַ גרויסען ברילאַנטענעם רינג און בע-רעזוויצקי פרעגט אין חלום:

—וויפיל קאַראַט?

—וויפיל קאָסט עס?

אינדערפרי שטייט ער אויף אַ בלייכער, די פּאָר הערעלעך אויף זיין קאָפּ האָבען זיך משונה'דיג צעפּלאָנטערט; די אָדערען אויף זיינע הענט זעען זיך נאָך דייטליכער, דאָס בלוט אין אים איז בלייך, טויט...

ער לויפט אויף דער בערזע. ער האָט עפּעס וויכטיגע

פלענער און די אויגען זיינע זיינען שוין אויף דער צענטער גאס. זיינע גרויסע אויגען.

די גאנצע שטאט — אלץ מיט אלעמען וואלט ער איינגע-שלונגען. ער שווימט ארום צווישען די מענשען מיט זיינע גרויסע אויגען, דערקענט ער שוין ביי יעדען, וואס יענער האט צום פארקויפען און וויפיל ער וויל, נאר פון אלט-געוואוינהייט פרעגט ער נאך איבער:

— וויפיל קאסט עס?

און ער קויפט און פארקויפט און ווייסט שוין די צאל נישט פון זיין געלט.

אמאל אבער גלאצט ער אויס די פאר גלעזערנע אויגען און קוקט ווי א בר-מינן...

איך וואלט שווערען: ער טראכט פון די „דומסקע”, מיט וועלכע ער איז זעהר, זעהר דורכגעפאלען.

משוגע צוליב געלט.

איצט פֿאַרגעסט מען שוין, אַז פֿריער האָט ער געהייסען ששה'ל. היינט רופֿט מען אים: מאָריץ, „פֿאַן מאָריץ", אָדער מאָריץ צעדערבוים. ער איז פֿריער געווען אַ געוויינליכער משרת איך אַ לאַנגער קאַפּאָטע און פֿאַרדינט האָט ער ביז פֿופֿציג רובל אַ חודש. מיט דעם געלט איז אים זעהר שווער געווען צו ווערען אַ לייט.

אויף עסען האָט ער געהאַט, נאָר עס האָט זיך אים געוואָלט ווערען אַ מענש מיט מענשען גלייך.

די קאַפּאָטע האָט ער אויסגעטאָן. און עס איז ביי אים צוגעקומען אַ גרויסער חלום: ער האָט געוואָלט קויפֿען אַ פּאָר לאַקירטע שיך. גאָט ווייסט, וואָס דער מענש האָט אָפּגעשפּאָרט, ביז ער האָט דערגרייכט. ער האָט אָנגעטאָן אויף זיינע פֿיס אַ פּאָר לאַקירקעס און די נשמה האָט אים געלויכטען פֿון פֿרייד און די פֿיס האָבען געגלאַנצט. מיט אַ טיכעלע פֿלעגט ער פֿאַרבאָרגענערהייט אַראָפּשאַרען דעם אומגעבעטענעם שטויב פֿון זיינע גלאַנציגע שיך.

אַ שוך באַדאַרף גלאַנצען...
און דערצו נאָך אַ לאַקירענער שוך...
ער האָט אויך געהאַט נאָך חלומות, אַנדערע צילען, הויכע, ווייט־גייענדע. ער האָט גע׳חלומ׳ט... נאָר דאָס איז דאַן געבליבען בלויז אַ חלום: ער האָט זיך געוואָלט קויפען אַ זילבערנעם פּאַרטסיגאַר.
אַ זילבערנעם פּאַרטסיגאַר...
מיט מאָנאָגראַמען וואָלט ער עס באַפּוצט...
און ער האָט זיך אַלץ פאָרגעשטעלט אין פאַנטאַזיע, ווי דאָס וואָלט אויסגעזען:
— פּאַניע! איר רויכערט? און עפענט אויף זיין זילבערנע קעסטעל און לייגט פאָר אַ פּאַפּיראָס...
איצט איז פון משה׳לען געוואָרען „מאָריץ". און דער מאָריץ האָט זיך גענומען אָפּטער ראַזירען. דערנאָך איז ער געגאַנגען אין טאַנץ־קלאַס און באַקאַנט זיך מיט מיידלעך. די לאַקירענע שיך האָבען אים אַריינגעפירט אין אַ נייע וועלט, נאָר איין אומגליק האָט ער געהאַט. ער האָט ווייניג פאַרדינט, ער האָט געוואָלט בעסער לעבען און זיך גוט איינאָרדענען...
אָבער צוליב אַ פּאָר לאַקירענע שיך האָט ער דאָך באַדאַרפט אַזוי קאַרגען.
האָפענונגען צו נעמען אַ סך געלט האָט ער נישט געהאַט, כאָטש די לאַקירקעס האָבען געגלאַנצט, נאָר אַלע האָבען געוואוסט, אַז די קעשענעס זיינע זיינען פּוסט. פאַרליבען זיך אין אַ רייך מיידעל? האָבען אים דאָ געשטערט זיינע זומער־שפּרענקלעך אויפ׳ן געזיכט און דער געלער קאָפּ האָר.
אונזער מאָריץ צעדערבוים איז געווען אַ געלער און מיידלעך האָבען נישט ליב קיין געלע...
איז ער געווען ביי זיך זעהר געפאַלען און מיט טרויעריגע אויגען האָט ער געקוקט אויף זיין צוקונפט.
געלט האָט ער געוואָלט האָבען! ווען ער וואָלט כאָטש געהאַט רייכע קרובים, אַלטע גבירים... ניין! קיין האָפענונג איז נישט געווען. אפשר חתונה האָבען מיט אַן אַלטע מויד? מאָריץ האָט זעהר פיל

געטראַכט פון דעם און ווער ווייס, ווען אַזאַ צופאַל וואָלט זיך געמאַכט.

ער האָט שוין עטליכע מאָל געפּרובט מאַכען אַליין נעשעפ-טען פון אָפּגעשפּאָרטע פאָר גילדען.

עס איז נישט געגאַנגען...

און די ערשטע פאָר לאָקירקעס האָבען זיך צעריסען. מען באַדאַרף קויפען אַ ניי פּאָר.

פאַלט מיט אַמאָל אַראָפּ פון הימעל די מלחמה, ממש פון הימעל אַראָפּגעפאַלען. דער פּרינציפּאַל זיינער איז אַוועקגעלאָפען ראַטעווען געלט אין מאָסקווע, חובות, וועקסלען.

עס איז געוואָרען אַזאַ טומעל אויף דער וועלט. אַ סך רייכע פאַבריקאַנטען האָבען באַנקראָטירט. די, וואָס האָבען נעכטען געלעבט אין רואיגקייט און רייכקייט, האָבען גענומען לויפען באָר-גען געלט.

די וועלט האָט זיך איבערגעקערט. צעדערבוים׳ס בעל-הבית מיט דער גאַנצער וועלט... נאָר צעדערבוים אַליין האָט זיך גאַנץ רואיג באַטראַכט די לאַגע: עס קומט אַ צייט, ווען מען וועט קאָנען עפּעס אויפטאָן... אויף די גאַסען זיינען געגאַנגען הונדער-טער פּאָלקען סאָלדאַטען, פערד האָבען געהירזשעט, פון די שלאַכט-פעלדער זיינען אָנגעקומען בלוטיגע בשורות.

און צעדערבוים האָט עפּעס גערעכענט...

פון זיין בעל-הבית, פון מאָסקווע, האָט ער באַקומען אַ באַ-פעל פאַרקויפען די סחורה און קויפען נייע.

און צעדערבוים האָט גענומען פירען דעם בעל-הבית׳ס גע-שעפטען, וועלכער האָט געהאַנדעלט מיט זאָקען. און זאָקען האָ-בען זעהר געשטיגען. מאָריץ האָט פאַרדינט אַביסעל געלט און איז אַוועק האַנדלען אויף אייגענער ריזיקע. אַ שטיקעל פאַכמאַן איז ער געווען און די צייט איז געווען אַזאַ. מען האָט באַדאַרפט עפּעס טאָן און געלט איז אַליין אַריינגעשוואומען אין קעשענע.

דער געוועזענער משרת איז געוואָרען אַ מיליאָנער. די מיל-יאָנען האָבען אים איינגעשלונגען, ווי פאַליעס פון אַלע זייטען.

האָט ער זיך געקויפט און איינגעאָרדענט אַ שיינע וואוינונג.

אויסערליך האָט דער מענש זיך אײנגעגנצען געביטען, דער דאָזירער און דער שניידער האָבען אונזער מאָריצ׳ן אויסגעפוצט, ווי אַ לאָרד. נאָר דער לאָרד איז נאָך אַלץ געווען אַ געלער...

און דעם לאָרד האָבען פיל מאָל צוגעפעלט ווערטער צו ריידען.

פריער האָט ער געהאַט אַ באַגרעניצטען לעקסיקאָן, די זאַ-קען האָבען קיין סך רייד נישט געפאָדערט. מיט זיינע סוחרים פלעגט מאָריץ ריידען אויף זייער לשון, מיט וויצען, מיט קורצע קאַטעגאָרישע פראַזען:

—געפעלט איך, נעמט צו די פאַרטיג זאַקען, מאָרגען וועל איך פאַרלאַנגען דאָפּעלט.

איצט האָט מאָריץ צוליב זיין געלט באַקומען נייע באַקאַנ-טע. ער ווערט אויפגענומען אין עטליכע אינטעליגענטע הייזער פון אָפּגעקומענע גבירים און דאָרטען פאַרפעלט מאָריצ׳ן צונג. נישט אַלץ, וואָס זיי ריידען, פאַרשטייט ער און ווער רעדט נאָך, אַז אַמאָל פאַלט אַריין אַ פראַנצויזישע אָדער אַן ענגלישע פראַזע, דעמאָלט ווערט מאָריץ ביי זיך אײנגעגנצען אויס. די אויסלענדישע שפּראַכען וואָלט ער זעהר וועלען קענען. אַז מען רעדט אויף אַ פרעמדער שפראַך, איז מען גאָר אַן אַנדער מענש, עפּעס אַ יחסן אַ גאַנצער.

אָן לשון פאַרלירט מען דעם גאַנצען הומאָר.

—לערן זיך,—האָט אים אַ חבר געראָטען—געלט האָסטו, צייט האָסטו.

—איצטער זיך לערנען?—האָט מאָריץ געקוועטשט מיט די פּלייצעס—אַביסעל צו-שפּעטליך. אָט ווען איך וואָלט געקאָנט אַזוי מאַכען: באַצאָלען אַזאַ קונצענמאַכער אַ פופציג טויזענט מאַרק— עס זאָל אַריינלויפען אין איין אויער פראַנצויזיש און אין צוויי-טען אויער ענגליש... איך וואָלט זיך גאָרנישט געדונגען, איך וואָלט געגעבען נאָך מער געלט.

אַלץ וואָלט ער אָפּגעקויפט פאַר געלט.

נאָר ער פאַרשטייט נישט, ווען עפּעס לאָזט זיך נישט קויפען...

פון קיין רייכען שידוך טראַכט שוין נישט מאַריץ. ער באַדאַרף עס שוין נישט און זוכען זוכט ער אַ געבילדעטע מיידעל. נאָר די אַלע געבילדעטע רוקען זיך סוף-כל-סוף אָפּ פון אים. נישטאָ מיט אים וועגען וואָס צו ריידען. אָט, ווען יעדער פון זיי וואָלט וועלען אויסהערען, ווי אַזוי ער האָט געמאַכט זיינע מיליאָנען, וואָלט עס פאַר אים געווען לייכט צו דערציילען. נאָר די מעשיות מיט די זאַקען אינטערעסירט קיינעם נישט און מאַריץ צעדערבוים האָט נישט מיט וואָס צו אימפּאָנירען...

ער האָט זיך גענומען קויפען בילער, בילדער, נאָר פיל מאָל ברייגגט עס צו קאָמישע סיטואַציעס: ער האָט געקויפט זעהר אַ שיין בילד, דאָס איז געווען אַ לאַנדשאַפט פון קרים. אַ ריי שפּיציגע קיפּאַריסען שטייען אויף אַ בערגעל ביים סאַמע ברעג פון ים און אַלץ אַרום: די הויכע בוימער מיט'ן שטיק הימעל, עטליכע ווייסע וואָלקענס,—אַלץ אַרום שפּיגעלט זיך אין ים. מאַריץ האָט אָבער דאָס בילד אויפגעהאַנגען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, ווייל ער האָט נישט אונטערשיידט די אמת'ע וואָלקענס פון די, וועלכע שפּיגלען זיך אין וואַסער.

אין אָווענט זיינען געקומען צו אים געסט פון די „בעסערע מענשען", ווי ער פלעגט זיי רופען, און דער עולם האָט גענומען שמייכלען:

—דאָס בילד הענגט דאָך קאַפּויער!

מאַריץ האָט דערנאָך אַ נאַכט נישט געשלאָפען:

—אויף זאָקען בין איך אַ גרעסערער מבין, צום טייוועל!—אַזוי האָט ער זיך געטראַכט.

ער האָט פון דעם אַ סך געליטען, אַזוי פיל געלט אויסגעגעבען איינצוואָרדנען זיך און דאָ קומען זיי, די חברה, און קריטיקירען.

—נישטאָ קיין סטיל!

וואָס איז דאָס אַזוינס סטיל? וואָס איז דאָס „סטיל?" וויפיל ער האָט נישט געפרעגט בסוד, וויפיל מען האָט אים נישט ערקלערט. ער האָט ביי זיך באַשלאָסען, אַז ער וועט שוין אַזוי שטאַרבען און נישט וויסען, וואָס דאָס איז אַזוינס „סטיל".

פאַרפאַלען...

אַזוי אין אַלגעמיין, איז ער זיך אַ גאַנץ ליבער יונגער־מאַנטשיק מיט אַ גוט האַרץ, העלפט חברים, כאָטש ער האָט ליב מיט דעם זיך צו באַרימען. ער האָט זיך שוין שטאַרק איינגע־לעבט אין זיין נייער לאַגע. ער איז שוין צוגעוואוינט געוואָרען צו אַ סך באַקוועמליכקייטען, צו די שטעק־שיך, צו אַ ווייכען שטול, צו שלאָפען נאָכמיטאָג. און קליידער האָט ער געמוזט טראָ־גען פון בעסטען שטאָף. שקאַרפעטען זיידענע, לייכטע ווי אַ פעדערל. זאָל גאָט אויסהיטען, אַז זיינס אַ סקאַרפעטקע זאָל ווע־גען מיט אַ דראַכמע מער... די איידעלע פיס זיינע וואָלטען עס נישט אויסגעהאַלטען. געטרונקען און געגעסען האָט ער לאַנגזאַם.

—דער גביר וואַקסט אין אים אויך אינעווייניג — וויצלען זיך זיינע באַקאַנטע.

נאָר מאָריצ׳ן ווערט עפּעס לאַנגווייליג זיין לעבען אָפּטמאָל.

—וואָס טוט מען?

—האָב התונה!—ענטפערט מען אים.

—די, וואָס געפעלען מיר, אַנטלויפען פון מיר.

איינער האָט אים געראָטען, ער זאָל זיך לערנען פידעל־שפּילען. מאָריץ האָט טאַקי פון קינדווייז אָן געחלומ׳ט פון דעם. גערעדט און געטאָן.

ער האָט געקויפט אַ פידעל, צוגענומען אַ גוטען לערער און גענומען סקריפען...

אַ טאָג, צוויי טעג, אַ וואָך. עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. מאָריץ האָט זיך דערשראָקען:

—וואָס? מיין גאַנץ לעבען וועל איך אַזוי אָפּסקריפען. דאָס פידעל איז עפּעס גאָר אַ טיפע באַשעפעניש,—ווי קריכט מען אַריין אין איר נשמה? דאָס פידעל... ס׳איז גאָרנישט ווי מיט מיינע זאָקען.

ער האָט אַוועקגעוואָרפען דאָס פידעל און איצט שפּילט ער קלאַוויר.

נאָר פון אַלע סאָנאַטען, קאָנצערטען, פון אַלע געניאַלע ווערק, האָט ער זיך אויסגעקליבען איין זאַך.

ס׳איז פאַראַן אַזאַ רוסיש לידעל:

„טשיזשיק, טשיזשיק, גדיע טי ביל?״

און ווער עס זאָל צו אים נישט אַריינקומען, יעדען איז ער מכבד מיט זיין אויסגעוויילטע מעלאָדיע. ער איז דער גליק-לייכסטער אין דער וועלט, ווען ער נעמט זיך אויספּויקען מיט איין פינגער זיין „טשיזשיק״.

ער האָט אַריינגעלייגט אין דעם נגון די גאַנצע יניקה פון זיין ליידיג-גיין. אין גוטע אינטימע שעה׳ן ציט ער זיך אויס אין זיין וויג-שטול און די שטול שטייט אַנטקעגען קלאַוויר. די שיך טוט ער אויס און באַטראַכט דערוויל זיינע זיידענע, זיינע דינענקע סקאַרפּעטען...

דערנאָך...

דערנאָך נעמט ער זיך מיט אַ פוס אויסקלאַפּען די מע-לאָדיע:

„טשיזשיק, טשיזשיק, גדיע טי ביל?״

מיט׳ן פוס — ווייל פּאַרוואָס טאַקי שטענדיג מיט׳ן פינגער, די פיס ווילען אויך שפּילען.

און מאַריץ קלאַפּט מיט די קלאַווישען און הילכט איבער׳ן גאַנצען הויז, עס גייט אַוועק אויפ׳ן הויף.

קומט אַריין אַ באַקאַנטער, דערזעט ער, מיט וואָס פאַר אַן אַזאַרט אונזער מאַריץ שפּילט, כאַפּט זיך יענער, אַז מאַריץ איז אַ קאַנדידאַט אויף אַ משוגענעם.

נאָר מאַריץ גיט זיך נישט אונטער:

— גיב נאָר אַ קוק, אַ פּראָסטער געוויינליכער פוס און קלאַפּט אויס אַ מעלאָדיע.

און נאָך אַמאָל צוגיסט זיך דער „טשיזשיק״.

די שכנים ווייסען שוין, ווער עס שפּילט דאָרט אויף דעם צווייטען שטאָק.

— האַ, האַ!

ער, „טשיזשיק״ שוין, דער ליידיג-גייער...

דער „פּאַמידאָר".

דאָס איז געווען אַן אַלטע פאַמיליע, אַ יחסנדיגע פאַמיליע, אַ פאַרשלאָסען הויז מיט אַראָפּגעלאָזטע גאַרדינען, מיט אַ פעסט־צוגעמאַכטער טיר. זומער פלעגען זיי ערגעץ פאַרבריינגען אין אויסלאַנד אין די בעדער.

—די ניסינס זיינען שוין אַוועקגעפאָרען.

—די ניסינס זיינען שוין צוריקגעקומען.

אַזוי פלעגען די שכנים איבערגעבען וועגען זיי.

די ניסינס אַליין זיינען שוין אַלט געווען. געהאַט האָבען זיי אַ טאָכטער מיט אַ זון, וועלכע האָבען כסדר שטודירט און איין גאָט האָט געוואוסט, וועלכע תורה זיי ווילען סוף־כל־סוף דערגרייכען. די טאָכטער איז געווען נישט זעהר יונג. שכנים האָבען גערעדט, אַז עס גייט אין יחוס. מען קאָן זיך נישט צוקלויבען קיין פאַסיגען שדוך. אַ דינסט איז דאָרט שוין געווען פון קדמונים, זי איז איבערגעגאַנגען צו זיי בירושה צוזאַמען מיט די אַלטע מעבעל, מיט די אַלטע גאבעלענען און בילדער.

דאָס הויז איז געווען רייך באַפּוצט. אומעטום בראָנז און

דיוואַנען. שווערע דעמבענע טישען, אַלט-פּרענקישע שאַפּעס, קאַנדעליאַבּרעס. בײַ אַ יום-טוב פלעגט מען אַרויסנעמען זילבער און קריסטאָל. געַ'חבר'ט האָבּען זיך די ניסינס מיט זעהר וויניג מענשען, מיט געציילטע און אויסגעווײלטע יחסנים, אַזוי ווי זיי אַליין זײַנען געווען.

דער סטרוזש פון הויז האָט געהאַט אַ פּראָסטען הויף-הונט און די ניסינס האָבּען אויך געהאַט אַ הינטעל, אָבּער אויך אַ יחסן פון אַן ערגלישער ראַסע, מיט אַ גלאַטען פּעל און געהייסען האָט זייער הינטעל: „לעדי" און אַ טראַגעדיע איז געווען בעת דעם סטרוזש'ס הונט „צוואַניאַק" פלעגט זיך אַרײַנכאַפּען צו ניסינס „לעדי". די אַלטע פלעגט דאַמאָלס שרייען און רופען:

—„לעדי!" „לעדי". און אַלע באַוואָפענט מיט שטעקענס און אַנדערע כלי-זיין פלעגען דעם סטרוזש'ס הונט פאַריאָגען. עס איז געגאַנגען אין יחוס: אַ סטרוזש'ס הונט טאָר זיך נישט חבר'ן מיט זייער „לעדי".

און דערנאָך פלעגט נאָך די „לעדי" באַקומען איר גאָב, עטליכע טעג נאָכאַנאַנד זײַנען געפאַלען אויף איר בייזע בליקען.

דער זון, אַ בלאָנדער יונגערמאַנטשיק, מיט לאַנגע עדעלע פינגער פלעגט נאָר הערען, וואָס יענער רעדט; אַליין האָט ער געשוויגען און זיך געשפּילט מיט זיין בלאָנד בערדעל. אין שטוב איז געווען אַ ביבליאָטעק און ער פלעגט פון די ביכער נישט אַוועקגיין.

די טאָכטער איז געווען אַ בייזע. פלעגט עמיצער אַ פּרעמדער זיך באַווײַזען בײַ זיי, האָט זי זיך שטענדיג געקרימט און געמורמעלט:

—וואָס קריכען זיי דאָ?

די אַלטע פאַני ניסין האָט שוין געהאַט אַ גרויען קאָפּ, נאָר זי האָט זיך אַביסעל צוגעפּיצט, כאָטש גאַנץ באַשיידען. זי האָט עס גיכער געטאָן צוליב איר יחוס. די ניסינס באַדאַרפען האַלטען אַ טאָן.

אין „הויז" האָט זיך געלעבט רואיג און געלאַסען. עס איז געווען אַ „רענטע", פון די בײַנק פלעגט מען נעמען פּראָצענטען.

די טענער פון קלאַוויר, זיי אַליין פלעגען אָנזאָגען, אַז אין „הויז" לעבט מען ווי לייטען, אַז קיין זאַך פעלט נישט, אַז דאָס „הויז" איז נישט קיין געוויינליך הויז. די גיסינס לעבען דאָ, מיט אַמאָל...

די מלחמה האָט זיי געטראָפען אין „באַד", אין אויסלאַנד. זיי זיינען קוים מיט'ן לעבען געקומען צוריק קיין ווארשע. די טשעמאָדאַנעס זי לעדערנע מיט די שיינע פלעדען זיינען ערגעץ דאָרט פאַרבליבען אין עסטרייך, צי אין דייטשלאַנד.

זיי זיינען געלאָפען צו זיך אין „הויז".

געקומען זיינען זיי קיין ווארשע, בעת אויף די גאַסען זיינען טאָג און נאַכט געגאַנגען די „מאָסקאַלישע" זעלנער. טאָג און נאַכט, טויזענטער און צענדליגער טויזענטער האָבען זיי זיך געשאָטען, די גרויע שינעלען, צופוס און אויף פערד און מיט האַרמאַטען, טשערקעסען, קאָזאַקען, קאַלמיקען. אַ ווייטע וועלט פון צפון איז געגאַנגען צו מערב צו.

מען האָט נאָך דאַמאָלס נישט געוואוסט מיט וועמען מען באַדאַרף האַלטען, וועמענס מפלה מען דאַרף בעטען. פון די באַלקאָנען האָט מען בלומען געשאָטען צו די אָפיצירען, צו די זעלנער. דאָס אַלטגעזעסענע לעבען האָט זיך ערשט גענומען ברעכען, מען האָט עס קוים באַמערקט.

עס איז אַלץ געווען ניי, אומערוואַרטעט. די מלחמה האָט גערייצט ווי אַ נייס, ווי אַ פאָרשטעלונג. די ערשטע בלוטיגע ידיעות פון די שלאַכט-פעלדער האָבען אָפגעקלונגען, ווי אַן עכאָ פון פאַרצייטען, נאָר מען איז צום עכא אַלץ נענטער צוגעגאַנגען.

די גיסינס האָבען אַראָפגעקוקט פון די פענסטער און אינעווייניג האָבען זיי מורא געהאַט, זיי האָבען געציטערט...

די ביינק האָבען זיך עוואַקואירט קיין רוסלאַנד. זייער געלט האָבען זיי מיטגענומען. אין „הויז" האָט מען צום ערשטען מאָל דערפילט נויט. עס האָט גענומען פעלען עסען צום טיש.

און אויף די גאַסען זיינען אַלץ מער סאָלדאַטען אָנגעקומען. מידע, נישט אויסגעשלאָפענע, בייזע, צעפגעריסען פון היים

און אייגען לאַנד, פערד האָבען געהירזשעט, הארמאָטען האָבען דעם ברוק איינגעלייגט.

די ניסינס האָבען געקוקט פון די פענסטער און געוואַרט, ווען וועט זיך עס ענדיגען.

דערנאָך האָבען זיך אויף די גאַסען באַוויזען וועגענער מיט די אַרויסגעיאָגטע אידען פון די שטעטלעך. אויף די פורען זיי-נען געזעסען באָבעס מיט אייניקלעך, מיט איינגעפּעדערטע קעפּ, מיט אָנגעשראָקענע אויגען, מיט בלייכע ליפּען.

אַנדערע האָבען מיטגעשלעפּט אַ קופּערנע כּלי, אַ הענג-לייכטער פון שול; אויף אַ וואָגען איז געזעסען אַ קאָזע מיט אַ שפּיציג בערדעל, וואָס האָט געליטען צוליב אירע אידישע בעלי-בתים.

אויף דעם וועג, פאַרענדיג קיין וואַרשע, איז ווער אין וועג פון אַלטקייט, צי פון שוואַכקייט געשטאָרבען—האָבען זיי, די לע-בעדיגע מיט דעם טויטען, דעם רעשט וועג געמאַכט צוזאַמען. שרעק און מורא האָט געשוועבט אין דער לופט, אויסגעגלאָצטע אויגען האָבען אַ באַרואיגונג, אַ טרייסט געזוכט. דאָס אַלטע לע-בען האָט זיך געבראָכען, ווי דער אייז אין פרילינג.

מען איז געלאָפען אין דער גרויסער וואַרשע; דאָ איז די סכּנה געווען קלענער.

ביי די ניסינס אין טיר האָט מען אָנגעקלאַפּט. עפּעס ווייטע קרובים פון אַ שטעטעל האָבען זיך דערמאָנט אָן זיי בעת צרה. זיי זיינען געקומען בעטען, מען זאָל זיי אַריינלאָזען איבער-נעכטיגען, אָפּרוען זיך.

אַ געלער איד, מיט זיין צוקנייטשט ווייב, מיט צוויי קינדער.

מען האָט זיי געמוזט אַריינלאָזען. עס איז אזא שרעקליכע צייט געווען.

דער געלער איד האָט אויפ'ן האַלז געהאַט אַ גוז. הינטען אויפ'ן האַלז האָט ער געהאַט אַ גאַנצע „פּאָמידאָר" און ביי זיין ווייב האָט אין אויג כּסדר געטרערט.

מען האָט זיי אָפּגעגעבען אַ צימער, אַ באַזונדער ווינקעל, באָר די רואיגקייט איז „הויז" איז צושטערט געוואָרען פּונקט

ווי די נייע אָנגעקומענע האָבען ביי אַלעמען די נשמות צוגע-גומען, נישט נאָר ביי די ניסינס, נאָר אויך ביי די חפצים פון די שטומע פאַרפוצטע חדרים.

די קליינשטעטעלדיגע קרובים זייערע האָבען אַ גאַנצען יריד מיט זיך מיטגעבראַכט. זיי האָבען כסדר דערציילט, ווי מען האָט זיי פאַריאָגט פון שטעטעל, ווי מען האָט זיי באַליידיגט און ביי דער אידענע האָבען שוין ביידע אויגען געטרערט.

די ניסינס האָבען פיינט געהאַט טרערען: אַריסטאָקראַטען וויינען נישט. מען זיפצט, מען שווייגט, מען ווערט בלייך, נאָר וויינען, גיסען טרערען, שרייען ווי די מאַרק-ייצערקעס,—פע!

און דער „פּאָמידאָר" אַליין קלאָגט זיך, די קינדער בעטען עסען און פּאַטשקען כסדר, די „פּאַרמידאָרשע" וויינט. עס האָט זיך אַ גיהנם געעפענט ביי די ניסינס.

וואָס אַ טאָג, אַלץ ערגער.

צו זיי, צו די פּאַרטריבענע, האָבען אָנגעהייבען קומען קרובים און באַקאַנטע. דער געלער איד מיט'ן „פּאָמידאָר" האָט אָנגעהייבען מאַכען געשעפטען. עפּעס האָט ער געהאַט אַן אָפּיציר, מיט וועלכען ער איז אַרומגעפאָרען איבער'ן שטאָט איינקויפען פאַרשיידענע פּראָדוקטען און מכשירים...

און ביי די ניסינס איז די לאַגע אַלץ ערגער געוואָרען. מען האָט געלעבט פון גמילת-חסדים, מען האָט פאַרזעצט די צי-רונג.

דער זון איז נאָך מער שוויגענדיגער געוואָרען, די טאָכ-טער האָט שוין עטליכע מאָל באַקומען ספּאַזמעס צוליב דער אַנ-שיקעניש, צוליב די קליינשטעטעלדיגע „ברואים".

זיי האָבען איר גאַנצען יחוס פאַרשוועכט מיט זייער טו-מל און פּלוידערן.

דער אַלטער ניסין איז אַ גאַנצען טאָג אַרומגעגאַנגען אין שטעק-שיך און אין די צייטונגען האָט ער געזוכט, ווען וועט עס זיך שוין ענדיגען, ווען וועלען די ביינק צוריקקומען.

נאָר די ביינק זיינען צוריק נישט געקומען, נאָר די נויט איז אַלץ גרעסער געוואָרען.

דערפאַר האָט דער „פּאָמידאָר" געמאַכט נישט שלעכט. ער פלעגט אָפט אַריין צו די ניסינס און פלעגט דערציילן זײַנע גליקען. ער פאַרדינט טויזענטער דורכ'ן אָפיציר, טויזענטער.

איינמאָל האָט דער אַלטער ניסין איבערגעלייענט אין אַ צייטונג, אַז אַן ענגלישער מיניסטער האָט געזאָגט, דאָס די מלחמה וועט זיך פאַרציען אויף דריי יאָר און אפשר נאָך אויף מער.

דורך דער ידיעה איז דער אַלטער ניסין קראַנק געוואָרען און איז אוועקגעשטאָרבען.

אין „הויז" איז נאָך שטילער געוואָרען. געטומעלט האָט בלויז דער געלער איד מיט זײַן משפחה. זיי האָבען זיך שוין צוגעוויינט אַרומצושפּאַצירען אין אַלע צימערן. דאָס „הויז" איז ביסלעכווייז געוואָרען זייערע. די היסטערישע טאָכטער האָט זיך אויפגעהערט צו בייזערן.

זיי האָבען גענומען שווייגען, די ניסינס, און בלייך זײַנען זיי געוואָרען. אין דערהיים, אויף צו לעבען האָט אַלץ אָפטער צוגעפּעלט.

מען האָט שוין עטליכע מאָל געמאַכט הלוואות ביים „פּאָמידאָר". ער פלעגט גאַנץ גערן געבען, ער האָט שוין אַסך געלט געהאַט.

און איינמאָל איז ער צו דער אַלטער פרוי ניסין געקומען מיט אַזאַ מין פאָרשלאַג:

זאָל זי אים פאַרדינגען די גאַנצע וואוינונג און פאַר זיך מיט די קינדער זאָל זי זיך איבערלאָזען צוויי חדרים. זי וועט באַקומען געלט און ער מיט זײַן פאַמיליע וועט האָבען אַ דירה.

דער פאָרשלאַג איז אַזוי גיך נישט אָנגענומען געוואָרען. די אַלטע האָט געזיפצט, די טאָכטער האָט געוויינט, דער זון האָט נאָך מער געשוויגען.

אַזוי האָבען זיך געצויגען חדשים, די אויפגעקומענע האָבען שוין בעל-הבית'עוועט ווי בײַ זיך אין דערהיים, אַרומגעקראָכען אין קיך, געבראָכען כלים, טאָג און נאַכט זיך געהאַנגען אויפ'ן טעלעפאָן.

ביז די ניסינס, דאָס הייסט, די מוטער מיט דער טאָכטער

האָבען זיך אונטערגעגעבען. דער זון איז ערגיץ אוועקגעפאָרען. און די טאָכטער מיט דער מוטער האָבען זיך אריבערגעקליבען אין די זייטיגע צוויי חדרים.

דער „פּאָמידאָר" האָט באַצאָלט פאַר דער וואוינונג, פאַר'ן מעבעל און איז געוואָרען בעל-הבית.

דאָס פריילין ניסין פלעגט זיך קיינמאָל נישט באַווייזען אין די אַמאָליגע חדרים, וואו איר קינדהייט איז אַוועק. די אַלטע אָבער פלעגט אָפט אַריינקומען און יעדעס מאָל האָט זי געזען עפּעס אַ פאַרענדערונג. דאָ איז אַ בילד אַראָפּ פון דער וואַנט און אויף זיין אָרט הענגט עפּעס אַ געשמאַקלאָזיגקייט. דעם אַלטען טעפּיך, וואָס איז צענדליגער יאָרען געלעגען אונטער'ן טיש, האָט מען אַרויסגעוואָרפען, און זי האָט אַזוי ליב געהאַט דעם טעפּיך, פון פּערסיען האָט מען אים געבראַכט אַמאָל אַ מתנה, אַזוי פיל ערינערונגען לעבען דאָ אין יעדען ווינקעלע פון די איצט טומעלדיגע חדרים.

עס קומען צום „פּאָמידאָר" מענשען מיט גראָבע שטימען. מען רעדט, מען שרייט, מען ציילט געלט, מען שפּילט גאַנצענע נעכט אין קאָרטען.

דעם זייגער, דעם אַלטען זייגער, וואָס פלעגט די שעה'ן אויסשרייען מיט אַ „קוקו", האָט מען אויך אַראָפּגענומען.

די גאָבעלענען אויפ'ן בוידעם אַרויפגעטראָגען, אויף די ווענט האָט מען אויפגעהאַנגען צוויי גרויסע פּאָרטרעטען: דער „פּאָמידאָר" מיט אַ צופרידענעם שמייכעל און זיין ווייב מיט'ן טרערענדיגען אויג.

די אַלטע קוקט און שווייגט.

נאָר, דאַכט זיך, אַז זי איז דאָ איבעריג. דער „פּאָמידאָר" וויל מיט איר עפּעס ריידען... זי זאָל נישט האָבען קיין פּאַראַיבעל... עס איז אים צו ענג. ער מוז אויך די צוויי איבריגע חדרים האָבען פאַר זיך. קינדער וואַקסען אונטער. עס קומען אָפט געסט, קרובים צו אים. מען קאָן זיך דאָך אַליין נישט באַשרענקען, זיך מאַכען ענג דאָס לעבען.

אויב עס גייט אין געלט—וועט ער געבען, וויפיל מען באַדאַרף

די אַלטע בעט זיך, זי וויל דאָ שטאַרבען, איר לעבען איז דאָ אַוועק. יעדעס ווינקעלע איז איר דאָ טייער.

און אַמאָל צובייזערט זי זיך:

—גענומען אַ מענשען און אַריינגעלאָזען צו זיך, דאָס איז די דאַנקבאַרקייט.

—איך האָב פאַר אַלץ באַצאָלט און וועל פאַר אַלץ באַצאָלען.

און דעם „פּאָמידאָר'ס" טרערעדיגע ווייב העלפט אונטער:

—מיר קאָנען פאַר אַלץ באַצאָלען.

און די פרוי ניסין מיט דער טאָכטער פרעגען נאָך איצט ביי יעדען, זיי זוכען אַ צימער פאַר זיך.

—און אייער וואוינונג? אייערע אַלטע, איינגעפונדעוועטע מעבעל, מיט די קריסטאַלענע קלאָשען?

—דער „פּאָמידאָר"—שטאַמעלט די אַלטע—דער „פּאָמידאָר" האָט אַלץ צוגענומען.

—וועלכער „פּאָמידאָר"?—וואָס „פּאָמידאָר"?

—מיר האָבען אַזאַ איינעם, אַן אויפגעקומענעם קרוב,—ערקלערט שוין גענויער די טאָכטער—צוערשט האָט ער פאַרנומען ביי אונז איין צימער, וועלכען מיר האָבען אים אָפּגעגעבען, דערנאָך האָט ער אונז אָפּגעגעבען אַ ווינקעל, און איצטער...

די אַלטע נעמט וויינען און רייסט איבער דער טאָכטער'ס רייד...

וואָווקע.

ער איז געבוירען געוואָרען אין שטעטעל ביי דער ווייכסעל. טאַטע-מאַמע זיינען אים פרי אָפּגעשטאָרבען און וואָווקע האָט זיך פון קינדווייז אָן געוואַלגערט אויף דעם גרויסען מאַרק-פּלאַץ, נעבען די פורען, ביז ער איז אַביסעל גרעסער געוואָרען און די בעלי־עגלות האָבען אים גענומען אויסנוצען. יעדער בעל-עגלה אויף זיין שטייגער. איינער פּלעגט אים הייסען היטען די בריט-שקע, דער צווייטער פּלעגט אים שיקען אָנטרינקען די פערד און וואָווקע האָט זיך איינגעלעבט מיט די פערד ווי מיט די בעסטע חברים. ער איז געווען אַ ספּריטנער יאַט און אַלע האָבען אים געקלאַפּט איבער'ן פּלייצע מיט'ן ליבליכען אויסרוף:

—וואָווקע!

דאָס וואָרט „וואָווקע" איז געוואָרען אַ גאַנגבאַרער קלאַנג אויפ'ן מאַרק ביי די פערד, ביים וואָקזאַל און ביים טייך, וואו מען פלעגט די פערד באָדען...

נאָך אַ באַשעפטיגונג האָט וואָווקע. ער פלעגט ביינאַנט זיך שיפּלען מיט די פישערס און העלפען כאַפּען פיש, פלעגט מען

עפּעס כאַפּען, איז װאָװקען עפּעס געבליבען, אויב נישט, פּלעגט װאָװקע באַקומען מיט עפּעס איבערן פּנים...

און װאָװקע האָט שטענדיג געשמייכעלט. צו אַלעמען און צו יעדען: צו די ליעטניקעס, צום רייכען סוחר פון שטעטעל, צום קסיאָנדז, צו די איבריגע אינגלעך, װעלכע האָבען שטאַרק מקנא געװען װאָװקע׳ן, װאָס ער האָט אַזא גליק און טרייבט זיך אַרום מיט פערד.

װאָװקע איז שוין פופצען יאָר געװען אַ גאַנצער בעל-עגלה. ער האָט אָנגעטריבען מיט זלמנ׳ס פערד און אַליין געמאַכט „יאַזדעס" מיט פּאַסאַזשירען, בייטאָג און ביינאַכט. די פּלייצעס זיינען אים ברייטער געװאָרען, דער קול—אַביסעל גרעבער, די הענט—שטאַרק און נאָך אַ פּאָר יאָר: ער װעט האָבען אייגענע פערד, ער װעט חתונה האָבען.

מאַכט זיך די מלחמה און עס קומט דער דייטש. דער דייטש נעמט-צו ביי אַלעמען די פערד און מאַכט מענשען פאַר אָרעמע לייט. װאָװקע איז געבליבען אָן פערד און אָן פּרנסה. זיין בעל-הבית, דער גענעראַל פון די בעלי-עגלות, זלמן, איז אַליין געבליבען אָן ברויט.

איז ער געגאַנגען גראָבען פאַר׳ן דייטש אָקאָפּעס, נאָר די אַרבעט האָט אים װייניג געגעבען און װאָװקע האָט גענומען פּלאָגעװען, װי אַזוי צו אַנטלויפען אין דער גרויסער װאַרשע אַריין. דער דייטש האָט נישט אַרויסגעלאָזען, דאָך האָט װאָװקע געפונען אַן עצה:

איינמאָל פאַרנאַכט-צייט. עס איז שוין גענוג טונקעל געװען. ביים איינציגען לייטישען האָטעל פון שטעטעל איז געשטאַנען אַ דייטשישער אויטאָמאָביל און װאָװקע האָט זיך דערװאוסט, אַז דער אויטאָמאָביל גייט קיין װאַרשע.

איז ער אַװעק אַהיים, איבערגעטאָן דעם בעסטען בגד און אַליין האָט ער זיך געלאָזען װאַרטען נישט װייט פון שאָסיי. דאָרט איז פאַראַן אַ צעבראָכענער בריקעל און דער אויטאָמאָביל מוז גיין לאַנגזאַמער.

און בעת דער אויטאָמאָביל איז לאַנגזאַם פאַרבייגעפאָרען

ביי דעם בריקעל, האָט זיך וואָוקע אָנגעכאַפּט פון הינטען און אידאָ!

עס האָבען גענומען שווינדלען אין די אויגען פעלדער, וועלדער, בערגלעך אַרויף און בערגלעך אַראָפּ. די טעלעגראַף-סלופּעס האָבען געשפרונגען מיט די דראָטען און וואָוקען האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערט דאָ באַלד צעפּליקט אויף שטיקלעך און עס האָט אים שוין פאַרדראָסען די גאַנצע געשיכטע; נאָר ער האָט קיין צייט נישט געהאַט מורא צו האָבען. דער אויטאָ-מאָביל איז געפלויגען, ווי אַ שד, און וואָוקע האָט זיך געמוזט פעסט האַלטען.

ביינאַכט איז ער געבליבען שטיין אויף אַ באַלויכטענער גאַס, ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין הפקר-פּלאַץ און איז אַריין אין מענשען-שטראָם, וואָס האָט שפּאַצירט אויף די גאַסען.

אין עטליכע טעג אַרום האָט ער שוין פאַרדינט געלט: גע-טראָגען פּעקלעך און געפירט אַ וועגעלע. „אַליין געוואָרען אַ פערד" האָט ער זיך געוויצעלט. שפּעטער האָט ער גענומען האַנדלען מיט שוועבעלעך, מיט פּאַפּיראָסען, דערנאָך האָט ער „געכאַפּט" עפּעס אַ דייטש און ביי אים פאַרדינט.

וואָוקע האָט געמאַכט געלט. אַ סך געלט.

פלינק און דרייסט איז ער געווען, כח האָט ער געהאַט און אַ צייט איז אַזאַ, אַז מען דאַרף גאָרנישט, נאָר נישט שלאָ-פען, איז שוין גוט.

וואָוקע איז געבליבען אַ גוטער ברודער. נאָר די, וואָס קו-מען פון זיין שטעטעל, דערקענען אים נישט: אַן אַריסטאָקראַט געוואָרען; אַזעלכע בגדים, אַזעלכע שיך. פּראָסט נישט צו דער-קענען און וועגען וואָוקען רעדט מען שוין אין שטעטעל, ווי וועגען אַ וואונדער.

כאָטש וואָוקע נעמט אַלץ מער פאַרגעסען זיין אַמאָליגען לעבען, עס זעט אים שוין אויס, ווי אַ חלום, נאָר צו איין זאַך איז ער נישט גלייכגילטיג: צו פערד. דערזעט ער אַ פערד, שטעלט ער זיך באַלד אָפּ באַטראַכטען און, ווי אַ גוטער מבין, שאַצט ער גלייך אָפּ דעם „גייער". פאַרט אַ דראָזשקע, איז אים אָנגענעם

צו כאַפּען אַ שמועס מיט'ן דראָזשקאַרזש, און וואָווקע טראַכט דערביי:

— „פּאַניע, רופט ער מיך, ער ווייסט נישט, אַז דער „פּאַן" איז אַליין אַ גרויסער מחותן מיט די סוסים"...

וואָווקע פאַרשטייט זיך אַליין נישט גאַנץ אָפּט. פון איין זייט איז אים עפּעס ליב צו דערמאָנען זיין זאָרגלאָזע יוגענט, מיט דער ווייכסעל, מיט זלמנ'ס פערד, דער לאַנגער שאָסיי, פון וועלכען די פערד לויפען, ווי אָדלערס באַרג אַראָפּ, אַ מחיה אַלץ צו דערמאָנען, אַ טייערע צייט געווען, און יענע פּאָר גראָשען, וואָס ער האָט דאַמאָלס געהאַלטען אין קעשענע — סאַר אַ טייערע פּאָר גראָשען דאָס זיינען געווען.

אָבער פון דער צווייטער זייט: וואָווקע וואָלט נישט וועלען, אַז פרעמדע זאָלען אים דערמאָנען יענע צייט. און עס פאַרדריסט אים, בעת זיינע לאַנדסלייט קלאַפּען אים איבער'ן פּלייצע:

— ווער האָט דאָס געקאָנט טראַכטען? וואָווקע... אַ סוחר אַ נגיד. אַזאַ שניעק נאָך, האָסט מזל, אַ גרעסערן מזל פאַר זלמן דעם בעל־עגלה...

אַמאָל פאַרטראַכט ער זיך און פאַרטרוימט זיך אַזוי שפּריי־זענדיג. אָ, ווי ווייט ער גייט אַוועק אין זיינע געדאַנקען! ער וועט קויפען הייזער, ער וועט חתונה האָבען מיט אַ בראָמבערג'ס טאָכטער פון שטעטעל. בראָמבערג איז אַ גרויסער יחסן. אַמאָל געווען ביי זיי דער גרעסטער גביר פון שטעטעל, איצט פאַר־אָרעמט געוואָרען. און אפשר וועט בראָמבערג'ס טאָכטער נישט וועלען... ווער ווייס? וועט ער זיי דאַן וויַיזען וויפיל געלט ער האָט און נעמט צו זיך אַליין שמייכלען, בעת ער באַרעכענט וויפיל געלט ער האָט.

פלוצלונג וואַקסט אויס פאַר אים אַ גרויס פערד. אַ דראָזש־קע איז אָנגעלאָפען, נאָר וואָווקע זעט דאָס פערד און נישט מער און יעדעס פערד דערמאָנט אים זיין פאַרגאַנגענהייט.

— עך, עס וואָלט שוין בעסער געווען, מען זאָל אינגאַנצען אויפהערען צו פאָרען אויף פערד. בעסער צו פאָרען מיט אויטאָ־

מאָבילען. און ער טרייסט זיך, אַז אַמאָל וועט טאַקי אַזוי זיין.

איצט פאָרט וואָווקע אַ היים אין שטעטעל. אויסגעפוצט און אויסגעפיינט. דער צוג לויפט און ער שטעלט זיך אַלץ פאָר, ווי מען וועט אים דאָרט באַגעגענען. וועט דאָס ווערן אַ טומעל:

—וואָווקע איז געקומען.

וואָווקע, וואָווקעלע! פון אַלע זייטען וועלען זיך צו אים ציען הענט און אפשר וועלען זיי אים גאָרנישט דערקענען? ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ קליין שפיגעלע און שמייכעלט צו זיך אַליין:

—צי איז דען דערזעלבער? וואָווקע? אין וואַגאָן זיצען נאָך מענשען, מען רעדט פון געשעענישען, ער דערציילט פון זיינע פאַרדינסטען... מיט וואָס איז ער ערגער פאַר אַנדערע?

ער קאָן זיך נישט אונטערשרייבען, נו איז וואָס?

ער איז אַמאָל געווען אַ שמייסער אין שטעטעל, נו איז וואָס? אָבער היינט לאַכט ער דאָך פון אַלעמען. מיט זיינע אייגענע כוחות האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט, מיט זיין אייגענעם ספּריט.

ער פאַרטראַכט זיך און קלערט פון זיינע געשעפטען. מיט אַמאָל שטעלט זיך דער צוג אָפּ. זיין וואָקזאַל. זיין שטעטעל. חברה בעלי-עגלות לאָזען זיך צו די פּאַסאַזשירען און צו אים, צו וואָווקען אויך.

„פּאַניע” רופען, זיי אים די חברה.

און מיט אַמאָל גייט אַריבער אַ רעש צווישען די בעלי-עגלות:

—דער טייוועל זאָל דיך נעמען, כראַביע דו איינער!

—גיב נאָר אַ קוק אויפ'ן נפש.

—מיליאָנשטשיק!

—האָסט אַ קלויסטער באַראַבעוועט.

און וואָווקע פאַרגעסט, אַז ער גייט אָנגעטאָן אין אַ גוטען פעלץ, אַז ער איז היינט אַזאַ יחסן. און ער נעמט זיך קושען מיט זיינע געוועזענע חברים און נעמט ריידען אויף זיין לשון

און שעלט זיך גוטמוטיג.

און אָט גייט צו דער אַלטער זלמן, דער גענעראַל פון די בעלי-עגלות. רבונו של עולם! ווי ער זעט דאָס אויס, ווי זיין פערד זעט-אויס. „צוויי אַלטע שקאַפּעס"—גיט וואָווקע אַ טראַכט וועגען זיין געוועזענעם בעל-הבית און וועגען זיין האַלב-גע-פּגר'טע פערד.

—וואָווקע!—פרעגט זיך דער אַלטער זלמן—איך האָב נחת פון דיר וואָווקע.

און פאָרען פאָרט וואָווקע צום שטעטעל צו מיט זלמנ'ס פערד. עס איז פאַראַן צו פאָרען עטליכע ווי־אָרסט. דער שאָסיי איז גלאַט און ציכטיג, אַרום גרינט דער יונגער פרילינג.

דער אַלטער זלמן דערציילט פון זיינע צרות. מען האָרע־וועט בלויז פאַר'ן פערד און דאָס פערד הונגערט אויך. אַ שווער לעבען. אָבער וואָווקע! ווען מען האָט וואָווקע באַ'גנב'עט?

און ביי וואָווקען קומט איצט פאָר אַ גאַנצע איבערקערע־ניש. זיין גאַנצע קינדהייט לויפט אים פאָר פאַר די אויגען און עס דאַכט זיך אים, אַז יענע צייט איז געווען די בעסטע, אַז צוריק וועט עס שוין נישט קומען.

און דאָס פערד'ל שלעפּט זיך קוים אויפ'ן שאָסיי און ביי זלמנ'ען זיינען די הענט אַביסעל צו שוואַך שוין.

און וואָווקע פילט עפּעס, וואָס ער קען נאָך נישט פאַר־שטיין. עס ציט אים צו די לייצעס, די הענט קאָן ער רואיג נישט איינהאַלטען. זלמן דער אַלטער בויגט זיך יעדע רגע צו אים אַראָפּ, באַטראַכט אים מיט פאַרוואונדערונג און פרעגט עפּעס.

און וואָווקע קאָן עפּעס רואיג נישט איינזיצען. מיט אַמאָל האַלט ער נישט אויס:

—ר' זלמן, גיט די לייצעס!

זלמן גיט אויף אים אַ קוק:

—דו האָסט נאָך נישט פאַרגעסען?

—איך וועל פּרובען.

און איידער וואָס, האַלט שוין וואָווקע די לייצעס, די אוי־

נעמען בײַ אים לױפֿן, דער גאַנצער קערפּער יוערט עפּעס באַ-װעגליכער.

—נו־אַ.

ס׳פֿערד׳ל האָט דערשפּירט די שטאַרקערע הענט און עס האָט זיך אַװעקגעלאָזן האַסטיקער.

דאָס שטעטעל איז שױן באַנט, דער קלױסטער איז שױן אַנטקעגען און דאָ לױפֿט דאָס פֿערד׳ל באַרג־אַראָפּ, גלײַך צום מאַרק־פּלאַץ. אײנהאַלטען איז אים צו־שװער.

און װאָװוקע כאַפּט זיך איצט. עס פֿאַרדריסט אים עפּעס, ער האָט געװאָלט איבערגעבען די לײַצעס זלמנ׳ען.

עס באַגעגענען אים אַ סך אַלטע באַקאַנטע. מען באַגריסט זיך מיט אים, מען װיצעלט זיך:

—קאָנסטו נאָך האַלטען די לײַצעס, װאָװוקע!

װאָװוקע איז בײַז אױף זיך אַלײן: זאָל כאָטש װער פֿון בראָמבערג׳ן נישט באַמערקען, אַז ער האָט אָנגעטריבען דאָס פֿערד..

און עס װאָלט זיך אים שױן װעלען אַנטלױפֿען פֿון דאַנען. דאָס שטעטעל איז אַזױ קלײַן געװאָרען און אָרעם...

אין שפּיטעל.

אין אַ קורצע צייט אַרום איז ער שוין געגאַנגען אין דער אוניפאָרם פון אַ סטודענט. יעדן טאָג פלעגט אים אויסקומען צו זאָגען עטליכע מאָל ליגען: דאָס איז געווען דאַן, ווען מען פלעגט ביי אים פרעגען, ווי אַזוי ער איז אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט; ער האָט אָבער שוין געהאַט פאַר אַלעמען איין ענטפער:

—עס האָט מיר אָפּגעגליקט...

מען האָט אים געגלויבט, ווייל שטאַרק אינטערעסירט האָט מען זיך נישט מיט דעם. ער האָט נישט איבערגעריסען מיט זיינע אידישע באַקאַנטע און אַהיים האָט ער געשריבען פריילכע בריף: ער לערנט, ער לערנט... אַמאָל פלעגט אים אָבער אַ שרעקליכער געדאַנק אַרומנעמען: וואָס וועט זיין ווען אין דער היים וועט מען זיך דערוויסען? ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די מינוט, ווי אַלע מיט אַמאָל נעמען וויינען, און צוליב דעם אַליין האָט ער אָפּגעלייגט, אַלץ אָפּגעלייגט זיין פאָרען צו די עלטערן. עס האָט זיך אים נישט געוואָלט אין די אויגען זיי באַרען. נאָר מער אָפּלייגען האָט ער שוין נישט געקאָנט: די עלטערן האָבן אים

געוואָלט זען און אים אַליין האָט אויך געצויגען צו זיין שטע־טעל צום ברייטען ניעמאַן...

ער איז געפאָרען אהיים. פרייליך, ליכטיג איז געווען דער וועג. אויף די פעלדער האָט מען שוין געאַרבעט און אומעטום אַזוי פיל זון, אַזוי פיל צאַרטקייט און וואַרעמקייט אין דער לופט.

נישט ווייט פון שטעטעל. ער זעט שוין די שפיצען פון דעם קלויסטער, אַ גרויסען אַלטען בוים, וואָס שטייט אויפ'ן בער־געל; ער זעט שוין די ערשטע הייזער; קינדער קוקען אים אָן, צו ערשט דערקענען זיי אים נישט. דערנאָך לויפען זיי נאָך זיין ברישקע און רופען אים ביים נאָמען. ער פילט אַזוי פיל פרייד און האָפנונג, נאָר ערגעץ טיף אין דער נשמה גריבעלט און עג־בערט. ער וואָלט עס וועלען אָפּוואַרפען פון זיך, אַ שליידער טאָן ווייט ווייט, לאָזען עס אויפ'ן וועג אין אַ שאָטען־ווינקעל, נאָר דאָס גאַנצע פעלד איז אין זון... וואָס זאָל דאָס זיין? וואָס שטעכט עס אים אַזוי פון צייט צו צייט אין מאַרך? אָבער אין דער אמת'ן. ער האָט קיינעם גאָרנישט געטאָן. נישט באַ'גנב'עט, נישט באַ'גזל'ט... עט! ער יאָגט אָפּ פון זיך די שלעכטע געדאַנקען. ער האָט איצט ערשט דערזען, אַז די ברישקע שטייט שוין ביי זייער שוועל, און די מאַמע, דער טאַטע מיט די שוועסטער—אַלע לויפען צו אים.

—זון, מיין זון! זיי קושען אים, ער קושט זיי... איין מאָ־מענט בלויז, איין מאָמענט לויפט אים דורך אַ געדאַנק: „ווען זיי וואָלטען וויסען"; נאָר ער ווערט באַלד ווידער מונטער און די אמת'ע נאַטירליכע פרייד נעמט אים אַרום און באַזיגט.

עס גייען אַזוי אַוועק עטליכע טעג אָן גרויסע איבערלעבענישען, רואיגע יום־טוב'דיגע טעג. עטליכע קליינע אינצידענטען האָבען אים עטליכע מאָל אויף אַ קורצע ווײַלע צעטומעלט: איבערהויפט איינמאָל, ווען דער פאָטער האָט אים געפרעגט, צי דאָס איז אמת, אַז איצט שמד'ן זיך אויך אידישע יונגע־לייט, אום אַריינצוקומען אין אוניווערזיטעט... ער האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן פאָטער, גע־מיינט האָט ער שוין, אַז דער פאָטער מיינט אים, נאָר באַלד האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז נישט אַזוי. ער האָט רו־

איג געענפערט דעם פאָטער, אַז עס טרעפען אַזעלכע זאַכען, אָבער נישט קיין סך, און מען איז איבערגעגאַנגען אויף עפּעס אַנדערש ריידען...

אין שטעטעל איז געווען אַ מיידעל כּון גאָר פרומע על-טערן. זי האָט אומגעדולדיגער ווי אַלע אָפּגעוואַרט, אַז דער סטו-דענט זאָל שוין קומען פון פּעטערבורג. און ווען סאַמואיל איז צו איר אַריינגעקומען מיט׳ן ערשטען וויזיט, איז זי רויט געוואָרען: אָט דאָס איז ער, דער קליינער שמואל׳קע, מיט וועלכען זי האָט זיך אין זאַמד געשפּילט. די קנעפּ פון זיין מונדיר האָבען גע-גלאַנצט, ער האָט דאָ אויסגעזען ווי אַ פירשט ביי איר אין די אויגען. פייגעלע האָט זי דאַמאָלס געהייסען, נאָר איצט אין דער לעצטער צייט, ווען זי האָט אָנגעהייבען לערנען, האָט זי דעם נאָמען פאַרקלענערט און איבערגעאַנדערשט. „פאַניע" האָט מען זי אָנגעהייבען רופען. סאַמואיל פלעגט איצט אָפּזיצען ביי איר גאַנ-צע טעג, ער האָט געוואָלט זיין וואָס וויגציגער אינדערהיים.

פאַר דעם מאָנאַט צייט, וואָס ער האָט דאָ פאַרבראַכט, האָט ער זיך זעהר אויפגעטראָגען מיט זיין חבר׳טע פון זיינע קינדערשע יאָרען. עס איז געווען פריילינג און זיי האָט מען שטענדיג גע-זעען צוזאַמען:

—„דער סטודענט האָט זיך שוין פאַרליבט אין פייגעלען" האָט מען זיך געשושקעט אין שטעטעל, נאָר קיינער האָט צו זיי קיין פּרעטענזיעס נישט געהאַט, דעם סטודענט האָבען אַלע גע-קענט און אַלע האָבען פאַר אים דרך-ארץ געהאַט. פייגעל איז שלאַנקער און שענער געוואָרען פון טאָג צו טאָג, דאָס האָט די ליבע געבליט.

איינמאָל האָט סאַמואיל מיט איר גערעדט וועגען עפּעס. דערנאָך זיינען זיי אַרויפגעקומען אויף דער טעמע „שמד׳ן זיך." פייגעלע האָט גאַנץ אָפענהערציג אַרויסגעזאָגט, אַז זי האָט פיינט גע׳שמד׳טע, אַז זי וועט קיינמאָל אַ גע׳שמד׳טען נישט ליבען. סאַמואיל האָט פאָרזיכטיג געפרעגט—„פאַרוואָס פאַניע? זיי זיינען אויך מענשען". פייגעלע איז אויפגעשפרונגען פון אָרט און אים געבעטען מיט אַ בייז פּנים ער זאָל זיי נישט פאַרטיידיגען, כאָטש

זי האָט אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס זי איז אַזוי אין כעס, שפּעטער האָבען ווי פאַרגעסען אָן דער גאַנצער געשיכטע און זייגען אַוועק זיך שיפלען אויפ׳ן טייך.

שפּעט איז סאַמואיל אַהיימגעקומען. שלאָפען האָט זיך אים נישט געוואָלט, האָט ער אָנגעצונדען אַ ליכט און גענומען זוכען אַ בוך... אויף דער וואַנט געגענאיבער איז געהאַנגען אַ גרויסער שפּיגעל אין אַן אַלטמאָדישען ראַם איינגעפאַסט. סאַמואיל האָט אין דעם שפּיגעל געהאַט פאַרגעסען: ער האָט נאָר איצט געזען ווי עמיץ קוקט אויף אים, ווי עמיץ שטייט מיט אַ ליכט אין דער האַנט, מיט אומעטיגע, גלות-פאַרטרויערטע אויגען און קוקט אויף אים. דאָס איז געווען אַ בליק, וואָס שטראָפט און פּייניגט. אַ בליק וואָס וויל און קאָן נישט טרייסטען; סאַמואיל האָט אויפגעציטערט, ער האָט קוים זיך דערקענט צום סוף. טיף אין הארצען ביי אים האָבען הייסע פונקען געגליט. ער האָט זיי נישט געוואָלט פאַרלעשען און ער האָט זיך מורא געהאַט זיי זאָלען זיך נישט פאַרנאַנדערגליען אין אַ צו גרויסען פלאַם...

געלייענט האָט ער שוין נישט, נאָר ביז פאַרטאָג האָט ער געטראַכט פון זיינע נאָענטע, פון זיך אַליין, פון זיין פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, און נישט קומענדיג צו קיין באַשלוס, איז ער איינגעשלאָפען...

עס האָבען אים אויפגעוועקט גוואַלדיגע קולות. די מאַמע איז אַריינגעלאָפען צו אים אין צימער, זי האָט זיך געריסען די האָר פון קאָפּ און געשריען: „מיין זון, וואָס האָסטו געטאָן?“

דורך אַ פּאַפּיר, וואָס איז אָנגעקומען פון פּעטערבורג פאַר סאַמואיל׳ן, איז מען אין שטוב דערגאַנגען, אַז ער האָט זיך גע־שמד׳ט...

סאַמואיל האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט. נעבען זיין בעט האָט די מאַמע גע׳חלשט; אין צווייטען צימער האָבען די שוועסטער געיאָמערט און פון צייט צו צייט פלעגט דער פאָטער אַריינוואַרפען אַ שרעקליכע קללה און שטיל ווערען. שפּעטער האָט דער פאָטער אַריינגעשריען צו אים, ער זאָל פאַרלאָזען זיין שטוב, אַז ער איז פאַר אים מער קיין פאָטער נישט. סאַמואיל איז

נאָך אַ גאַנצען טאָג געבליבען אין זיין צימער, אַ שטומער, ווי אַ פֿאַר׳משפּטער. קיינער איז צו אים נישט אַריינגעקומען, ווי אַ פֿאַרפּעסטעטען האָט מען אים אויסגעמיטען...

שפּעטער ווען עס איז פֿינסטער געוואָרען האָט ער זיך אַרויסגע׳גנב׳עט און אַוועקגעלאָפֿען צום באַן... עטליכע וויאָרסט איז ער געלאָפֿען אויפ׳ן שאָסיי, דער ווינט האָט אים אין פּנים געפּאַטשט און ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. עס האָט אויסגעדוכט, אַז ער האָט עפּעס אַ פֿעסטען באַשלוס אָנגענומען, עס האָט געדוכט, אַז דער מענש איז שרעקליך בייז און שטאַרק...

ער איז געלאָפֿען און געשאָלטען די גאַנצע וועלט. דאָ פֿלעגט קומען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין און אים מאַכֿען פֿאַרגערעכֿט, און באַלד אַ צווייטער געדאַנק, אַ בייזער, אַן אָפּשפּאַסענדער. און ווען ער איז אַריין אין וואַגאָן, האָט ער אויסגעזוכט אַ ליידיגען אָרט... זיך אַוועקגעזעצט און גענומען טראַכטען, נאָר ווי ער האָט נישט געיאָגט פֿון זיך די געדאַנקען, אַלץ דאָס זעלבע בילד: די מאַמע מיט אירע צעשראָקענע אויגען: „מיין זון, וואָס האָסטו געטאָן?”

ער איז צוריק געווען אין אוניווערזיטעט. איצט איז אים דאָס לעבען פֿיל שווערער אָנגעקומען. ער האָט געמוזט זוכען צו פֿאַרדינען. נאָר ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. מיט אַ מאָדנער עקשנות און פֿלייסיגקייט האָט ער איצט געשטרעבט און געלערנט. ער האָט אַזוי לאַנג געליטען, געגריבעלט זיך און געצווייפֿעלט און האָפֿנונג באַקומען, ביז ער איז ווידער צו אַ באַשלוס געקומען: ער איז גערעכֿט אַנטקעגען אַלעמען; ער אַליין וויל זיין גורל אָפּטיילען פֿון אַלעמענס גורל... און שטראָפֿען פֿאַר דעם האָבען די מענשען קיין רעכֿט נישט — יעדערער איז אַ בעל־הבית אויף זיך...

די ליבע קומט פּלוצלונג פֿיל מאָל, אָבער דער האַס קומט לאַנגזאַם. און אָט אַזוי האָט ער אָנגעהייבען ביסלעכווייז צו האַסען זיינע אַלע אייגענע, זיין פֿאַרגאַנגענהייט. ער האָט אָנגעהייבען

געפינען אומסימפּאַטישע שטריכן אין זיינע אידישע חברים, וועל-
כע האָבען זיך פון אים דערווייטערט: זיי זיינען אַלע צו קליינ-
ליך, עגאָאיסטיש...

ער האָט געלייענט ביכער, וואו זיין פאָלק ווערט קריטי-
קירט און אויסגעלאַכט, ער האָט אין דעם אַלעם נישט געגלויבט,
נאָר אַז ער פלעגט ווען געפינען אין די ביכער אַ ריכטיגען גע-
דאַנק, אַ צוגעפּאַסטען פאָרוואורף, פלעגט עס אים פרייען און הנאה
טאָן... און דאַן, ווען עס פלעגען אַוועקגיין עטליכע רואיגע טעג,
ער פלעגט נישט בענקען, נישט ליידען, פלעגט ער דאַן טראַכ-
טען:—צי דען האָב איך אַלץ פאַרגעסען? און דאָס גאַנצע שטע-
טעלע מיט טאַטע-מאַמע, מיט אַלע פריינט פלעגען אַרויסשווימען פון
ערגיץ-וואו, און שווינדלען פאַר די אויגען, ווי געשפּענסטער, אַלע
אַרומיגע לאַנדשאַפטען פלעגט ער דאַן זעען, ער גייט דאָרט
שפּאַצירען מיט פאַניען און איינמאָל זאָגט זי צו אים: „אַ גע-
שמד׳טען וועל איך קיינמאָל נישט ליב האָבען". צי דען מוז איך
אַלץ פאַרגעסען?—טראַכט שוין איצט סאַמואיל און די בילדער
קומען צו אַלץ נענטער... וואו איז אַהינגעקומען זיין נעכטיגער
ווילען, זיין מוט? מיט פליגלען וואָלט ער איצט אַהינגעפלויגען
און אַלעמען איבערגעבעטען... כאַפּט ער זיך באַלד אויף פון די
חלומות און לאַכט זיך אויס הויך אויפ׳ן קול. ער וויל אַליין הערען
ווי ער לאַכט פון אַזעלכע סענטימענטאַלע געדאַנקען. דאָך בליי-
בען אַליין איצט, איז פאַר אים אוממעגליך,—אַנטלויפט ער, גייט
צו באַקאַנטע, אָדער שפּאַצירען. טרעפט אַמאָל, יונגע שקצים לוי-
פען פאַרביי און רייצען זיך מיט אים: „זשיד"! ער האָט אַזאַ אי-
דיש פנים. אַלע דערקענען אים. און אַמאָל ביי דער קאַסע פון
טעאַטער, ער האָט עמיצען אומגערן אַ שטויס געטאָן; ער האָט
זיך באַלד אַנטשולדיגט, נאָר אין דער זעלבער רגע האָט ער
שוין דערהערט דאָס וואָרט: „זשיד". אין אַזעלכע מינוטען האָט זיך
אים געוואָלט מיט וועמען עס איז אָפּרעכענען, כאַפּען יענעם,
טרעטען אים מיט די פיס, טאַנצען אויף אים. אין האַרצען פלעגט
עפּעס שרייען, וואונדען מאַכען. און די געדאַנקען האָבען געבויט
טעאָריעס: „איך וויל זיין פריי" פלעגט ער שרייען צו דער גאַנ-

צער וועלט. איך בין קיין איד נישט און קיין קריסט נישט, — „איך בין אַ מענש, אַמענש"...

די נויט האָט אויך שוין אַרויפגעלייגט איר שטעמפּעל אויף זיין געזיכט און ער האָט איצט אויסגעזען נאָך מער אויסגעלי־טען, כאָטש אַ געוויסע איידעלקייט און פיינקייט האָט געשוועבט אויף זיין געזיכט. ער האָט געהאַט גענוג באַקאַנטע, וואו צו פאַר־ברייננען, מען האט זיך צוגעוויינט צו אים אין עטליכע אי־דישע קרייזען. פיל מאָל פלעגען דאָרט פאָרקומען דיסקוסיעס און דיספוטען, מערסטענטייל איבער אידען און אידענטום. ער פלעגט שטענדיג אַרויסטרעטען אַלס געגנער, נישט אַלס קריסט, נאָר אַלס מענש... ער האָט שוין געהאַט צו הילף אַ געוואַלדיגע טעאָריע מיט טויזענטער אַרגומענטען. ער פלעגט אָפּריידען, אָנהיצען זיך און דערנאָך פלעגט עס אים אויסזען נאַריש און שרעקליך. וועמען פאַרטיידיגט ער? וועמען באַפאַלט ער? זיך אַליין און נישט מער... ווען נישט דאָס לערנען, וואָלט ער טרייסט אין לעבען נישט גע־פינען. ער האָט זיך זעהר באַפריינדעט מיט אַ קריסט, אַ סטודענט, און דערנאָך זומער געפאָרען מיט אים איבער דער וואָלגע. ער האָט געוואָלט אין זיך איינזאַפּען דאָס פרעמדע לעבען, ווערען אַנדערש איינגאַנצען אַנדערש, און צייטענווייז פלעגט אים אויס־דוכטען, אַז ער דערגרייכט עס. ער איז שוין כמעט זיכער גע־ווען אין דעם, נאָר דער ערשטער פאַרגרעבטער פויער פלעגט אים דערמאָנען, ווער ער איז...

עס פלעגען אויך טרעפען גרעסערע און וויכטיגערע צו־פאַלען, וועלכע פלעגען אים דערנאָך לאַנג, לאַנג פייניגען...

אין איינער פון די רוסישע דרום-שטעט, וואו ער האָט פאַר־בראַכט אַ לענגערע צייט, האָט מען געהאַט געשפּילט שעקספּיר'ס „שיילאָק". די גאַנצע צייט איז די פאָרשטעלונג געגאַנגען אין אָר־דנונג. נאָר אין דעם מאָמענט, ווען שיילאָק נעמט שלייפען זיין מעסער, אום אויסצושניידען אַ פונט פלייש פון אַנטאָניאָ'ס האַרץ, איז אין טעאַטער געוואָרען אַ שרעקליכער טומעל. מען האָט אָנ־געהייבען שרייען: „נידער מיט די אידען"! עס האָט זיך אָנגעהיי־בען אַ געשלעג...

סאַמואיל האָט אויך געשריען, ער האָט געוואָלט זיין קול זאָל אַלעמען פאַרהילכען. „נאַרישע מענשען“, האָט ער זיך געטראַכט. „אַזעלכע טיראַנען טרעפען דאָך ביי אַלעמען“. די פאָרשטעלונג אין טעאַטער איז איבערגעריסען געוואָרען און דער עולם איז זיך אין אויפרעגונג פאַרנאַנדערגעגאַנגען.

סאַמואיל איז געגאַנגען מיט זיינעם אַ באַקאַנטען יונגען מאַן, וועלכער האָט נישט געוואוסט, אַז סאַמואיל איז גע'שמד'ט. יענער האָט די גאַנצע צייט גערעדט:

—ס'איז אַ ליגען. אַזעלכע אידען זיינען נישטאָ. אידען, וואָס שניידען אויס ביים צווייטען דאָס האַרץ, וואָס שלייפען דערביי זיך פריער אָן געלאַסען דעם מעסער,—אַזעלכע אידען זיינען נישטאָ... נאָר מען טאָר זיך נישט פאַרשעמען. ווען מען זעט אַזאַ אידען, ווי שיילאָק, איינמאָל פאַר טויזענטער דורות יסורים און פיינען. איינמאָל בלויז האָט דער איד אַ געשריי געטאָן: „איך וויל אייך פייניגען“! ער בעטעלט נישט, ער שפּאָסט פון זיינע פיינט און ער פלוכט זיי, נישט אומזיסט האָבען זיי געמאַכט אַזאַ טו-מעל אין טעאַטער, זיי האָבען דערזעען אַן אַנדער אידען...

סאַמואיל האָט געשוויגען, נאָר אין האַרצען האָט ער גע-לאַכט פון די מענשען, וואָס מאַכען פון יעדער זאַך אַ גאַנצען טומעל; ער האָט געלאַכט פון המון, וואָס האָט אַזוי געלאַרעמט. עס האָט אים איצט פאַרדראָסען שטאַרק, וואָס ער האָט אויך גע-שריען און געקלאַפּט. וואָלט נישט בעסער געווען, ווען ער זאָל שטיין רואיג פון דער ווייטען און צוקוקען ווי די קליינליכע אינסטינקטען צושפּילען זיך. מיט אַזעלכע געדאַנקען איז ער צו-געגאַנגען צו אַ קאַפע. זיין באַקאַנטער איז אַוועק אין אַ צווייטער זייט. ווען ער איז אַריין אין קאַפע, איז גאָר פריילין געוואָרען: מוזיק שפּילט און פרויען, אַזוי פיל שיינע, יונגע פרויען, לאַכען און שמייכלען אַרום. ער גייט און זוכט אַ פּלאַץ פאַר זיך. אין קאָפּ רוישט נאָך דער נאָרוואָס איבערגעלעבטער סקאַנדאַל: „נאַריש-קייטען“ טראַכט ער, און יאָגט אָפּ די אַלע געדאַנקען פון זיך. גייט ער צו צו אַ פרויען-טישעל און וויל זיך זעצען, ווי עמעץ קוקט אויף אים אַזוי שטאַר... דאָס איז אין שפּיגעל, נאָר ער

כאַפּט זיך נישט, עמיצער קוקט אויף אים. בייזקייט און צאָרן איז פאַראַן אין דעם בליק, בייזקייט, וואָס ראַנגעלט זיך מיט מיטלייד, צאָרן, וואָס וויל באַזיגן ליבע... ער דערמאָנט זיך, אַז מיט עטליכע יאָר צוריק, האָט ער שוין דעם זעלבן בליק אַמאָל געפילט אויף זיך, דעם זעלבן שרעק: דאָס איז געווען אין זיין געבורטס-שטעטעל, אין דער נאַכט איידער זיינע נאָנטסטע האָבן זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַוועק פון זיי... ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, געוואָלט אַוועקטרייבן פון זיך דעם אומרואיגן פּנים, וואָס קוקט אים איצט אַזוי אָן, נאָר יענער האָט זיך אַלץ נענטער צוגערוקט צו אים, נענטער... פון שרעק האָט ער זיך די אויגן מיט זיינע הענט פאַרשטעלט און אַ געשריי געגעבן.

מענשען זיינען צוגעלאָפן צו אים. מען האָט אים אָפּגעמינטערט און אַהיים אַוועקגעפירט. קיינער האָט פון אים אַ וואָרט נישט געהערט, קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס מיט דעם מענשען טוט זיך.

ווען סאַמואיל איז צוריקגעקומען קיין פּעטערבורג האָט זיך פאַר אים אָנגעהייבן אַ נייער גיהנם: ער האָט דאָרטען געטראָפן פאַניען, וועלכע האָט איצט שוין אַליין געלערנט אויף קורסען. זיין גאַנצע יוגענט האָט איצט פאַר אים געשוועבט... פאַניע, פאַניע! זי האָט אים דערמאָנט זיין פאָטער און מוטער. עס האָט אויסגעזען, עמיצער זאָל איר אומישנע אונטערשיקען, זי זאָל זיך רייצען מיט אים. זי זאָל אים זיך נישט לאָזען באַרואיגען, זי איז אים געקומען פייניגען... זיי האָבן זיך עטליכע מאָל באַגעגענט ביי די זעלבע באַקאַנטע, וואו סאַמואיל פלעגט אַריינקומען. פאַניע פלעגט מיט אים ריידען, נאָר קיין שום סימן פון אַמאָליגע נאָנטקייט פון איר זייט. עס האָט פּאַסירט, אַז סאַמואיל האָט זיך איינמאָל גענומען פאַרטיידיגען. זי האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איצט אַרט עס איר נישט אַזוי שטאַרק: סאַמואיל איז גערעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז יעדער מענש איז איבער זיך אַ בעל-הבית און די „אַלע" טאָרען דער איינעם קיין דעה נישט זאָגען. איצטער פאַרשטייט זי עס. זי איז געקומען צווישען אַנ-

דערע מענשען מיט העכערע באַגריפען. סאַמואיל האָט אַ ביסעל האָפנונג באַקומען, כאָטש אויסערליך האָט עס אויסגעזען, אַז די גאַנצע פאַניע מיט איר יעדער באַוועגונג, מיט איר שטאָלץ און חן פּראָטעסטירט געגען אים. ער האָט פאַרטרויט פאַר זיין פריינט, דעם קריסט, וואָס אים קומט פאָר איבערצולעבען און אויך אים דערציילט, אַז צוליב פאַניען וויל ער ווידער ווערען אַ איד. דער קריסט האָט עס נישט אָנגענומען ערנסט און ער האָט אין שפּאַס אַ זאָג געטאָן צו סאַמואיל׳ן:

—און וואָס וועט זיין דאַן, ווען פאַניע שטאַרבט נאָך דער חתונה און דו פאַרליבסט זיך אין אַ קריסטין, דאַן בייטסטו ווי־דער דעם גלויבען, און דערנאָך אויב דו האָסט נישט קיין פרנסה— ווידער געזוכט אַזעלכע מיטלען? ניין, חבר סאַמואיל, דאָס איז אַ גליטשיגער וועג. אויב מען קאָן נאָך שענקען אַזאַ טאַט, איז אודאי נישט מער ווי איין מאָל.

אַ קאַלטער שווייס האָט סאַמואיל׳ן אָפּגעגאָסען נאָך די דאָ־זיגע ווערטער: ער האָט זיך גענומען אויף אַ וועג, וואָס איז אויס־געזייט מיט דערנער, ער מוז גיין פאָראויס, צוריק איז דער וועג פאַרשלאָסען, דאָך פאַניע, פאַניע שטייט אויף דעם וועג. ער האָט פאַרשטעלט מיט דער האַנט די אויגען, ווי ער וואָלט וועלען איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל פאַרגעסען פאַניע׳ס בילד...

ער וועט גיין פאָראויס; נאָר וואוהין וועט ער קומען? וועט ער פריינט געפינען? די פאַרצווייפלונג האָט אים שטענדיג אַזוי געמאַטערט.

ער איז געוואָרען אויפגערעגט און פאַרביטערטער. יעדען טאָג פלעגען צוקומען נייע צרות: פון דעם אַ באַליידיגונג, פון יענעם—אַ קאַלטען פאַראַכטענדען בליק. פאַניע פלעגט פאַרברענגען מיט אַנדערע און די לעצטע צייט איז זי אַרומגעגאַנגען מיט אַ אידישען סטודענט. בלויז מיט דעם איינעם. סאַמואיל האָט שוין פון אַנדערע געהערט, אַז זיי זיינען פאַרליבט, ער האָט געפילט, אַז מיט פאַניען ווערט פאַר אים אַלץ פאַרשוואונדען. ער האָט גע־שוויגען און געליטען, ער פלעגט נאָך איצט מיט מער היץ זיך פאַר־טיידיגען קעגען די, וואָס פלעגען אַרויסטרעטען געגען אים. אַלע

אָבען געוואוסט, אַז ער איז אַ געשמד'טער, ער האָט זיך שוין צו דעם אַזוי פעסט צוגעוויינט, ער האָט געהאַט גאַנצע פעק אַר-גומענטען געגען זיינע שונאים, נישט אַלעמען פלעגט זיך וועלען מיט אים דיספוטירען, מען האָט אים געהאַלטען פאַר אַ קלוגען סאַרקאַסטישען מענשען. און עס איז קיין וואונדער ניט געווען וואָס ער פלעגט אַזוי פלינק אָפּענטפערן דעם צווייטען: דער מענש איז שטענדיג אַרומגעגאַנגען אַזוי ווי אַ זינדיגער, האָט ער אויך שטענדיג געזוכט זינד ביי פרעמדע, באַמערקט זייערע שוואַכע זייטען און ביי אַ געלעגענהייט עס אויסגענוצט. עס זיינען פאראַן אַ סך מענשען, וועלכע טוען אָפּ וועלכע עס איז זינד, פאַר וועלכע דאָס געזעץ באַשטראָפט זיי אפילו נישט, דאָך פילען זיך די מענשען שולדיג און האַלטען זיך שטענדיג אין אַ זייט, זיי גיבען אליין ניט קיין ווערט זייערע ווערטער און מעשים; אַן אויסנאַם זיינען אָבער די נאַטורען, וועלכע האָבען צו פיל טעמפעראַמענט אין זיך און וועלכע ווילען שטענדיג גערעכט זיין. אַזעלכע מענשען ווערען פאַרברענט פון אַ אינערליכען פייער, פון זייער קראַפטלאָזיגקייט, מיט וועלכער זיי קאָנען ניט באַזיגען אַלעמען—סאַמואיל האָט אָנגעהערט צו אַזעלכע טיפען: שווייגען האָט ער נישט געקענט, ער האָט נישט געקענט בלייבען פאַסיוו צו דאָס אַרומיגע און צו זיך אַליין...

אין אַ הערבסט-אָוונט איז ער געקומען צו באַקאַנטע, ביי וועלכע ער איז שוין אַ לענגערע צייט נישט געווען. אַריינקו-מענדיג פון דער גראַער נאַסער גאַס אין אַ פריילינען באַלויכ-טענעם צימער, איז ער אויפגעלעבט געוואָרען, ער האָט זיך באַ-גריסט מיט אַלעמען און צו יעדערען אויסגעשטרעקט די האַנט. אין יענער געזעלשאַפט איז אויך געווען אַ יונגערמאַן, וועלכען סאַמואיל האָט נישט געקענט. מען האָט זיי פאָרגעשטעלט, נאָר ווען סאמואיל האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו יענעם, האָט דער יונגערמאַן געמאכט זיך נישט זעענדיג און זיך פאַררעדט מיט עמיצען. סאַמואיל'ס האַנט איז אַ רגע געבליבען אין דער לופטען הענגען... עטליכע שטימען האָבען מיט אַ מאָל געפרעגט: „וואָס באַדייט עס?" דער יונגערמאַן האָט זיך אויפגעהויבען און געבע-

טען ערלויבניש צו פֿאַרלאָזען די געזעלשאַפֿט. סאַמואיל האָט זיך אים געשטעלט אין וועג און געזאָגט: „פֿריער וועט איר געבען אַן ערקלערונג, פֿאַרוואָס זענט איר זיך מיט מיר אַזוי באַגאַנגען?״

פֿיל פֿון די פֿאַרזאַמעלטע האָבען גאַנץ גוט געוואוסט די סבה פֿאַרוואָס דער יונגערמאַן האָט אים די האַנט נישט געגעבען. עס איז געווען פֿאַר זיי אַ באַקאַנטע זאַך: פֿאַר פֿיל האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז קיין גע׳שמד׳טען גיט ער די האַנט נישט, איצט האָבען זיי געזען, אַז דאָס איז נישט קיין שפּאַס, עס איז אַלעמען זעהר אומאַנגענעם געוואָרען. אַ קורצע שטילקייט האָט זיך געצויגען, באַלד האָט זיך דער יונגערמאַן אָנגערופֿען:

— פֿאַר קיינעם איז דאָס קיין סוד. איר זייט גע׳שמד׳ט, און איך... איר מעגט אויף מיר קוקען ווי איר ווילט... איך גיב נישט קיין גע׳שמד׳טען די האַנט. סאַמואיל איז געשטאַנען בלייך און אים אויסגעהערט, דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופֿען...

— איר האָט מיך שרעקליך, שרעקליך באַליידיגט, נאָר איך וועל אָנשטרענגען מיין גאַנצע קראַפֿט און זיין רואיג, איך וויל אייך פֿרעגען, ענטפֿערט מיר, צי איר זייט אויפֿריכטיג? „יאָ״ זאָגט איר? איצטער ענטפֿערט מיר, צי דער מענש איז שוין אַליין גאָרנישט? איך האָב געטאָן ווי איך האָב פֿאַרשטאַנען—ווען איך האָב זיך גע׳שמד׳ט; איך האָב זיך אַליין אויסגעקליבען מיין גיהנם מיט מיין גן-עדן, מיט וועלכע רעכט קריכט איר אין מיין נשמה אומגעבעטענערהייט?

דער יונגערמאַן האָט אים געענטפֿערט:

— איך אַנטלויף מיט אַלע מעגליכקייטען, ווען עס קומט צו אַזעלכע קאָנפֿליקטען. פֿון איין זייט בלוטיגט מיר דאָס האַרץ, וואָס איך באַליידיג אַ מענשען און פֿון דער צווייטער זייט הייבט זיך אויף מיר אַ גוואַלדיגער שטורם, איך קאָן אייך און נאָך אַזעלכע אין די אויגען גלייך נישט קוקען, פֿאַרוואָס? איך ווייס נישט... צו פֿאַרברעכער און אפֿילו צו מערדער באַצי איך זיך נישט מיט אַזאַ האַס-געפֿיל, ווי צו די, וואָס גייען אַוועק פֿון אונז, מיר האָבען דאָך טויזענטער גלייכגילטיגע, מיליאָנען גלייכגילטיגע

אידען, וועלכע עס גייט נישט אָן דער גורל פון גאַנצען פאָלק, דאָס שרעקט נישט אַזוי ווי דער אַוועקגיין. דער איבערגיין צום שונא׳ס לאַגער: מיט׳ן איבערגיין באַשטעטיגט איר, אַז מיר זיינען פאַרדאָרבען, מיאוס און פאַלש, און זיי, צו וועלכע איר קומט, זיי זיינען די גוטע, זיי טראָגען ליכט און אמת... איר זייט פאַררעטער! איך גיי צייטענווייז אַוועק און פון וייטען סטאַרע איך זיך צו זיין בלויז א צושויער, איך קוק זיך איין און ווער אַנטציקט פון דעם לעבענס-ווילען, וואָס לעבט אין אייביגען פאָלק, ביי די אייביגע וואַנדערער... ס׳אַראַ געוואַלדיגע מלחמה דאָ ווערט געפירט. „אויסראָטען, אויסראָטען״ ווערט אומעטום געפרעדיגט. „אויסרייסען ביז׳ן וואָרצעל״ און דאָך איז נישטאָ אַזאַ קראַפט וואָס זאָל אונז פאַרניכטען; די קראַפט ווילען זיין די, וועלכע אַנטלויפען פון אונז, די וואָס זוכען מיט וואס זיך צו פאַרטיידיגען...

דער יונגערמאַן האָט גערעדט מיט׳ן גאַנצען פייער פון זיין נשמה, ער האָט געמאָלט די טראַגעדיע, וואָס יעדער אַוועקגייענדער ברייגגט אַריין אין די הערצער פון זיינע עלטערן, פריינט און פון פאַרשוועכטען שטאָלץ...

סאַמואיל האָט אים געוואָלט ענטפערן, נור צום ערשטען מאָל האָט ער איצט דייטליך געפילט, אַז זיין גאַנצע פאַרטיידיגונג איז אַן איבריגע זאַך: אויף זיין זייט איז קיינער נישט, מען גלויבט אים נישט, ער איז אַליין, אַליין... פּלוצלונג האָט ער עפּעס אַ ברום געטאָן און ארויסגעלאָפען פון צימער. ס׳איז געווען אַ נאַסע נאַכט, אומעט און איינזאמקייט האָט געשוועבט אַרום יעדען פאַרבייגייער, ער האָט אויפגעהייבען דעם קאָפּ און אַרומגעקוקט זיך: הויכע גרויסע מויערן, אַנדערע מיט באַלויכטענע פענסטער, אַנדערע פינסטער, נאָר אַלץ האָט אויסגעזיין אַזוי פרעמד, ער האָט אַ טרויעריגען זיפץ געטאָן... אָ, עס וואָלט זיך וועלען אַמאָל זיין אין שטעטעלע און זיך אויסרוען, אויסשלאָפען פאַר דער גאַנצער צייט, צופאַלען צו וועמענס שויס און אַלעס, אַלעס אויסדערציילען. ער האָט דערפילט אַזאַ שרעקליכע איינזאַמקייט. אַז טרערען האָבען אָנגעהייבען אינווייניג ברייען.

באַלד איז ער אָבער אויף דעם שטאָלץ געוואָרען, גרויס געוואָרען מיט אזא ליידען...

ער האָט געקלערט זיינע אַלטע געדאַנקען. איצט אין דער רואיגקייט אויף דער גאַס האָט זיך אַביסעל זיכערקייט צו אים אומגעקערט, ער לעבט דאָך מיט אַ אידעע: „אַלע און איינער". די „אַלע" ווילען דעם „איינעם" קיינמאָל קיין פרייהייט נישט געבען, זיי ווילען ער זאָל טאָן דאָס, וואָס זיי טוען, קיינמאָל זיך נישט אָפרייסען, קיינמאָל נישט אַרויסשפרינגען אַ ביסעלע העכער, ווייטער, באַזונדער... אָבער מען דאַרף זיך צוגעוויינען צום ליידען, דאַן זיינען די „אַלע" אנמעכטיג קעגען דעם „איינעם"...

מיט די געדאַנקען איז ער צו זיך אַ היים אַרויפגעקומען. נאָר ווען ער איז אין צימער אַריין און ליכט אָנגעצונדען, איז ער גלייך אַנטקעגען שפיגעל שטיין געבליבען, „ביזט ווידער דאָ?" האָט ער מיט כעס אויף זיך אַליין אַ געשריי געטאָן און אויסגע-שטרעקט די האַנט צום שפיגעל... צי דען איז טאַקע זיין גע-זיכט אַזוי פאַרטרויערט? צי דען איז גאָר נישטאָ קיין מיטעל איבערצומאַכען אָט די שטריכען פון זיין פּנים, וועלכע גיבען אים שטענדיג אַרויס? ער האָט מיט די נעגעל אָנגערירט זיין פּנים, ווי אַ חיה וואָלט ער פון זיך די הויט אַראָפּגעריסען... און פּלוצלונג באַמערקט ער, ווי פון שפּיגעל לאַכט ווער צו אים, לאַכט אַזוי רואיג, אַזוי שפּאָטיש: „ס'איז פאַר-פאַלען... ווערסט אייביג אַזוי ליידען... איך וועל אַזוי גיך ניט פאַרשווינדען".

ער האָט אַ שליידער געטאָן אין דער ערד דעם שפּיגעל. די שטיקלעך גלאָז האָבען זיך אין אַלע ווינקעלעך געוואַלגערט און פון די אַלע שטיקלעך שפיגעל האָבען אויף אים טרויעריגע, האַלב-משוגע'נע אויגען געקוקט, געלאַכט פון אים און אים באַ-דויערט. ער האָט פאַרשטעלט די אויגען און געוויינט אין דער הערבסט-נאַכט מיט דער נאַכט אינאיינעם...

נקמה

ער האָט ערהאַלטען אַ בריף, אין וועלכען זי שרייבט אים, דאָס זי וויל זיך זען מיט אים און וועגען עפּעס ריידען. זי בעט אים זעהר, ער זאָל איר די געפעליגקייט טאָן און קומען צו גיין; אין נאָמען פון זייער ליבע, פון זייערע פריעריגע באַציאונגען, וועלכע זי מיינט עס טאַקע מיט דער איצטיגער זעאונג צו ליקווידירען. ער האָט אַ שמייכעל געטאָן: ליקווידירען זייערע באַציאונגען! צי דען איז דאָס שוין נישט געשעען מיט אַ חודש צוריק, ווען ער האָט איר געזאָגט, אַז ער פילט זיך קאַלט צו איר און נאַרען וויל ער נישט. זי וויל זיך אָבער, ווייזט אויס, נאָך ראַטעווען, זי זוכט נאָך מעגליכקייטען. עס האָט אים איצטער אַפילו פאַרדראָסען אויף איר: צי דען האָט ער נאָך ווייניג גערעדט מיט איר, אַז זי זאָל נאָך ביז איצט נישט פאַרשטיין, דאָס מיט אַזאַ האַלטען זיך פאַרלירט זי אַלץ ביי אים; קיין שיינע ערינערונג וועט אַפילו נישט בלייבען. און אין דער אמת'ן: מענשען האָבען שטענדיג פיינט די, וואָס גיבען זיך אונטער, איבערהויפּט איז עס צו באַמערקען אין די באַציאונגען צווישען מאַן און פרוי: דער

מאַנסביל האָט ליב צו קומען און זיגען, וואָס שווערער דער קאַמף, אַלץ זיסער דער זיג.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען דאַרף באַטראַכטען, וואָס דאָ צו טאָן. זי וויל זיך זעען... און אפשר מיינט זי עס טאַקע צום לעצטען מאָל און נאָכדעם וועט זי אים שוין לאָזען צורו, און אפשר, אפשר... ער האָט זיך נישט דערשראָקען, כאָטש אַ שוידערהאַפטיגער געדאַנק האָט אים פּלוצלונג באַהערשט... אפשר האָט זי ערגיץ-וואו באַקומען אַ רעוואָלווער און זי וואַרט אים אָפּ ביי זיך אין צימער. וואָס מער ער האָט געטראַכט פון דעם, אַלץ זיכערער איז ער געוואָרען אין דעם געדאַנק. ער האָט זיך איצטער דערמאָנט פיל פאַרגעסענע פראַזען, וואָס זי פלעגט אַריינוואַרפען אין געשפרעך, ווען עס פלעגט אויסקומען צו ריי-דען וועגען אַזאַ ענין. אַמאָל האָט ער פאַרגעלעזען פאַר איר אַזאַ פאַקט: אַ פרייליין האָט דערשאָסען אַ בחור, דערפאַר ווייל ער האָט זי אויפגעהערט צו ליבען. ער האָט דאַמאָלס געלאַכט פון דער נאַרישער ראַכע. זי האָט אָבער פאַרטיידיגט דער מערדערין; דערנאָך האָט זי איינגעשטימט מיט אים, אַז די ראַכע איז געווען נוצלאָז און איבעריג. ער האָט זיך אויך דערמאַנט, ווי איינגעשפאַרט און פאַרביסען זי ווערט אַ מאָל, קיין זאַך האַלט זי דאַמאָלס ניט אָפּ.

ער האָט באַשלאָסען, אַז גיין מוז ער. פאַר קיין פרעמדען וועט ער זיך נישט ווייזען. נאָר פאָרזיכטיג דאַרף מען זיך האַלטען, ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף זיין קאַלטבלוטיגקייט און כח.

זי האָט אים אָפּגעוואַרט אין דעם זעלבען צימער, וואו זיי האָבען פריער זאָוי פיל גליקליכע שעה'ען פאַרבראַכט: דאָ הענגען נאָך די בילדער, מיט וועלכע ער האָט אויסגעפּוצט זייער קליינעם גן-עדן, דער געלער קאַנאַריק — דער עדות פון זייער ליבע-איז זיך, ווי פריער אַרומגעשפּרונגען אין זיין שטייגעל און געזונגען. אַ ברייטער פאַס זון-ליכט האָט זיך אויסגעשפּרייט, ווי אַ זילבערנער דיוואַן ביי איר אין צימער. אויף אַ רגע איז ער געבליבען שטיין איבעררעשט ביים טיר: ער האָט זיך אַרומגע-

קוקט, און עס האָט זיך אים אין דער רגע אויסגעדוכט, אַז די זעלבע באַציאונגען געדויערן נאָך, זיי האָבן זיך נישט פאַר-נאַנדערגעגאַנגען, נור דערזעענדיג אירע בייזע צונויפגעפּרעסטע ליפּען, איז ער צו זיך געקומען און ערשט דאַן זי באַגריסט:

— גוט מאָרגען, בעלאַ!

און זי מיט'ן זעלבען ענטפער:

— גוט מאָרגען, זיגמונד!

ער איז געבליבען שטיין אין דער זעלבער פּאָזע ביי דער טיר, ער האָט אויף איר יעדע באַוועגונג גוט אַכטונג געגעבען.

— האָסט געוואָלט מיט מיר עפּעס ריידען, בעלאַ! עפּעס אַ מאָדנעם וואָרט האָסטו אויסגעטראַכט: „ליקווידירען די באַצי-אונגען". צי דען דאַרף מען ביי אַזעלכע זאַכען זיך אונטערשריי-בען, גיין צום נאָטאַריוס, צי דען?

זי האָט אים איבערגעשלאָגען:

— איך וויל דיך פרעגען צום לעצטען מאָל, מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו זיך געשפּילט מיט מיין יוגענט, מיט מיין נשמה? די אויגען האָט זי געהאַלטען אַראָפּגעלאָזען, איר שמאָ-לער גראַציעזער קערפּער האָט לייכט געציטערט. אויף די אַקסלען האָט זי געטראָגען אַ לאַנגען, ווייסען שאַל, אונטער וועלכען זי האָט די גאַנצע צייט געהאַלטען די רעכטע האַנט. זיגמונד האָט עס גוט באַמערקט און זיך צוגעגרייט.

—דו ווילסט פון מיר אַ עהרליכען ענטפער? איך וועל דיר אַזאַ ענטפער געבען, דאָס איז דאָסא יינציגע, וואָס איך קאָן פאַר דיר טאָן, און טאַקע צוליב אַזאַ ענטפער מוז איך זיין רואיג און זיכער, דעריבער...

ער איז צוגעשפּרונגען צו איר, זי אָנגעכאַפּט פאַר דער רעכטער האַנט, און אין דער צייט ווען זי האָט אַ געשריי געטאָן און מאַכטלאָז זיך געראַנגעלט, האָט ער איר די האַנט אויפגע-עפענט און אַרויסגענומען אַ קליינעם רעוואָלווער. ער האָט אים אַ ווײלע באַטראַכט, אַ שמייכעל געטאָן און דערנאָך דעם שטאָלע-נעם מלאך-המות אין קעשענע אַריינגעלייגט...

— איצטער וועל איך דיר אויף אַלץ ענטפערן, זי האָט

זיך אָבער נאָך ניִשט באַרואיגט. ווי אַן אומשעדליכע שלענגעל האָט זי זיך איצטער געצאַפּעלט, זי האָט קוים אַרויסגערעדט די פּאָר ווערטער:

— פון וואַנען האָסטו געוואוסט?

— מיר איז פריער איינגעפאַלען אַזאַ געדאַנק און דערנאָך האָב איך באַמערקט, ווי דו האַלסט די רעכטע האַנט. פאַרשטייסטו גאַנץ גוט, אַז פאַר מיר איז גלייכער דו זאָלסט אַזאַ נאַרישקייט נישט טאָן. עס ווילט זיך נאָך אַביסעל לעבען. נאָר איצטער צו דער זאַך: דו האָסט זיך געפרעגט, וואָס פאַר אַ רעכט איך האָב געהאַט זיך צו שפּילען מיט דיין נשמה, וועל איך דיר פרעגען, פאַרוואָס האָסטו די זעלבע פראַגע מיר נישט גענעבען דאַן, ווען איך האָב זיך געשפּילט, נאָר דאַן האָסטו נישט געפרעגט, ווייל געשפּילט האָבען מיר זיך ביידע, ביידע האָבען מיר געשפּילט גלייך אין פאַרגעניגען פון דער האַרמאָניע, וואָס האָט אונז פאַראייניגט. איך בין דען שולדיג, אַז היינט איז די האַרמאָניע נישט פאַראַן? ווי אַזוי איז דאָס געשעען? איך ווייס נישט?.. נאָר צו דיר, בעלאַ, בין איך היינט גלייכגילטיג. אמת, דו ליידסט. נאָר וואָס ווילסטו, איך זאָל דאָ בלייבען און זיין מיט דיר אין דער צייט, ווען מיין האַרץ און מיינע געדאַנקען זיינען דאָ נישטאָ. איך האָב גענוג געטראַכט פון דעם, גענוג געליטען. אויב אַ גוטער איז נישט לייכט צו זיין, איז אַ שלעכטער נאָך שווערער צו זיין. בעלאַ! דו פאַרגעסט אַ קלייניגקייט: דאָס זעלבע וואָלט געקאָנט זיין פאַרקערט: דו וואָלסט פון מיר אַוועק, איך וואָלט געבליבען איינזאַם, און דאַן האָב איך געוואָלט טאָן דאָס זעלבע, וואָס דו: נעמען אַ רעוואָלווער אין האַנט און דיך איינלאַדען צו זיך, ניין! איך האָב שוין געהאַט אַזאַ איבערלעבונג. איך האָב געליטען פון אייפערזוכט און נישט געגלויבט, אַז איך וועל ווען עס איז ווערען רואיג, און דאָך איז עס אַזוי; דו ביזט געקומען און מיר פיל גליק געגעבען, דאָס אַמאָליגע ליידען איז פאַרגעסען געוואָרען. איצטער גיי איך אַוועק פון דיר. און דו האָסט מיר געוואָלט דערפאַר דער׳הרג׳ענען. וואָס האָסטו געמיינט, אַז דער טויטער זיגמונד וועט דיר געבען

מער ווי דער לעבעדיגער?

בעלאַ האָט די גאַנצע צייט געשוויגען; איצטער האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויינט און אין ווייגען גערעדט צו זיך:

— אָבער וואָס זאָל איך טאָן? וואוהין זאָל איך גיין? דו ביזט געווען דער ערשטער, וועמען איך האָב געליבט, דו ביזט דער ערשטער, ווער עס פאַרשאַפט מיר אַזוי פיל יסורים.

— וואָס זאָלסטו טאָן? דאָס איינציגע, וואָס איך קאָן דיר ראַטען... פאַרגעס אָן מיר, רוף מיך ניט מער און זיי געדולדיג אין ליידען. נו וועסט זען: עס וועט אַוועקגיין אַ צייט, וועסטו אַליין אָנהייבען שמייכלען צום לעבען, ביזט נאָך יונג און שיין. איך וויל דיך נישט טרייסטען איצטער, איך רייד עס ערנסט:— כל זמן מען איז יונג און געזונט, קען מען געפינען גליק...

זיגמונד האָט עס גערעדט צו איר, ווי צו אַ גוטען פריינט. ער איז צוגעגאַנגען נענטער צו איר און איר אָפּגעגעבען צוריק דעם רעוואָלווער.

און בעלאַ האָט זיך איצטער געוואונדערט, ווי אַזוי, ווי אַזוי האָט זי זיך דאָס געקאָנט באַשליסען פריער אויף אַזאַ שרעקליכע זאַך? וואָס איז ער אין דער אמת׳ען שולדיג? זי האָט זיך דערמאַנט ווי טריי דער זעלבער מענש איז איר געווען און צום לעצטען מאָל האָט זי זיך געבעטען ביי אים:

— זיגמונד, גיי נישט אַוועק, איך וועל דיין קנעכט זיין, גיי ניט אַוועק... זיי אַ גוטער! נאָר ער האָט געענטפערט:

— ניין, פאַר דיר מוז איך שוין בלייבען אַ שלעכטער, זיי געזונט!

און ער איז האַסטיג אַרויסגעלאָפען פון צימער.

זי איז געבליבען אַליין. אויפ׳ן טישעל האָט זיך געוואַלגערט דער רעוואָלווער, אויף וועלכען זי האָט זיך געשעמט אַ קוק צו טאָן. דער קאַנאַרעק האָט געזונגען און בעלאַ האָט ביטער געטראַכט און אַליין ניט געוואוסט, וואָס דאָ איז איצט פאַרגעקומען: אַ טראַגעדיע, צי אַ קאָמעדיע?

לאזאַרעט 2808

(פון די מלחמה-מעשיות)

I

אונזער לאַזאַרעט איז זעהר אַ גרויסער. פיר שטאָק די הויך, מיט אַ גאַנצען לאַבירינט, מיט קאָרידאָרען, אָפּעראַציע-זאַלען, קאַנצעלאַריעס און מוזים-שטיבלעך.

און אין זיידאַזיגע קאָרידאָרען שוועבען אַרום אַ גאַנצען טאָג דאָקטוירים, פעלדשער, באַרמהאַרציגע שוועסטער און קראַנקע, האַלב-אויסגעהיילטע זעלנער.

אין אַנדערע פּאַלאַטעס זינגט מען, אין אַנדערע שטאַרבט מען.

אונזער לאַזאַרעט שטייט אין אַ מאָסקווער פאָרשטאָט. פון איין זייט זעט מען דורך די פענסטער גאַנץ מאָסקווע מיט אירע צערקוועס, מיט אירע בלוי־גרינע און גרוי-בלויע קופּאָלען און דעכער. צערקוועס, קוימענס און דעכער. פון דער צווייטער זייט זעען זיך פעלדער, בערגלעך און וועלדער...

ווייט-ווייטע שלענגעלדיגע באַרג-ליניעס, אויף וועלכע עס לויפען אָפּט פאַרבייַ צוגען.

וועלדער דראַפּען זיך צום נידעריגען הימעל און די ווייס-קייט ציט און מאַכט אומעטיג.

עס איז נישט לאַנג אַראָפּ דער שניי פון די פעלדער. שוואַרץ-גרוי ציט זיך די ערד.

און ערגיץ זעען זיך שוין מענשען מיט אַקער-אייזענס.

קראָען טראָגען זיך איבער די פעלדער און איבער די מענשען.

ביי אונז אין שפּיטאָל האָט מען דערשפּירט אַביסעל וואַרימקייט און ווער עס האָט כּח, שלעפּט זיך איצט אַרויס אויפ'ן גרויסען הויף, וואו עס שטייען גרויסע פּראָסטע בענק. בלייכע מענשען, בלייך-גרינע פּנימ'ער, טיף איינגעפאַלענע אויגען. מענשען מיט קוליעס, מיט באַנדאַזשען. אַלע אין גרויע כאַלאַטען.

איז מען אַרויס צו דער זון און די זון אַליין האָט זיך צוגעקוקט נענטער צום שפּיטאָל און זי קריכט אין יעדען שפּעלטעלע, אין יעדען פּענסטער, ווער עס קאָן נאָך רירען מיט אַ גליד, ציט זיך צו איר.

נאָר פאַראַן אַ סך, וועלכע ליגען אָן באַוואוסטזיין, אַנדערע ליגען אין דער גסיסה און די זון קריכט איבער די פּאַלאַטעס, איבער די בעטלעך און גלעט און וואַרעמט.

אין הערבסט טרעפט עס אַזוי אין די גערטנער, וואו די טויטע בלומען דערוואַרעמען זיך שוין נישט, וואו די אַראָפּגעבויגענע זון-רויזען ענטפערן שוין נישט אָפּ די שטראַלען...

עס זיינען פאַראַן אָבער אויך צווישען די געזונט-געוואָרענע אַזעלכע, וואָסריידען כּמעט גאַרנישט, זעצען זיך אַוועק אויף דער באַנק, טוליען זיך פעסטער איין אין די כאַלאַטען, ווייל פון די וועלדער קומט נאָך אַ קאַלט ווינטעל.

און שווייגען.

אויף איין באַנק זיצען פיר זעלנער, אַלע מיט קוליעס, אַלע רויכערן און ריידען. פון וואָס?

פון קינסטליכע פיס...

די „שוועסטער" האָט היינט דערציילט, אַז די רעגירונג האָט באַשלאָסען אַלע זעלנער, וואָס האָבען פאַרלוירען אַ פוס,

אָדערביידע פיס, צומאַכען נייע קינסטליכע פיס
ריידען זיי אַרום, די זעלבער, דעם ענין.
—ען,-רופט זיך איינער אָן,—אַ קאַליקע בלייבט אַ קאַליקע, באַיקי!
—מיט אַ קינסטליכען פוס צי מיט אַ קוליע, אַלץ איינס... שענקט עפּעס אַ קאַליקע... אונטער'ן צערקווע וועלען מיר שטיין... שענקט עפּיס אַ קאַליקע!
די „שוועסטער" מיט'ן רויטען קרייץ אויפ'ן ברוסט גייט אַרויס און טרייבט די מער שוואַכערע צוריק אין שפּיטאָל אַריין.
—עס איז נאָך צו קאַלט,—זאָגט זי—דער דאָקטאָר וועט שרייען.
און די „שוועסטער" איז דאָ דער גאַנצער בעל-הבית. עס זיינען פאַראַן נאָך „שוועסטער", יונגע און אַלטע, מיאוסע און שיינע, נאָר יעליזאַוועטאַ איז די עלטסטע, די נאַטשאַלניצע.
מען האָט פאַר איר דרך-ארץ, זי איז אַ שטרענגע, נאָר נישט קיין שלעכטע, נישט קיין פאַרביסענע.
עטליכע זעלנער גייען אַריין אינגווייניג, עטליכע נייע קומען אַרויס.
איינעם פירט אַ „שוועסטער" אונטער'ן אָרעם, ער איז נאָך גאָר אַ יונג אינגעל, אַ פרייוויליגער. דער דאָקטאָר האָט אים גע-הייסען אַרויספירען אויף דער זון. ער גייט אַזוי לאַנגזאַם און לאַכט צום הימעל ווי אַ קינד, פונקט ווי ער וואָלט וועלען איינ-שלינגען די ליכט מיט דער לופט אינגאַנצען. די שוועסטער מיט אַזאַ פרישען פנים גייט צו דערווייל צו עטליכע אַנדערע זעלנער, דעקט זיי בעסער איין אין די כאַלאַטען און שענקט אַ שמייכעל, אַ גוטען בליק...
ווען זי גייט אַוועק, ריידען צוויי זעלנער וועגען איר.
—אַ טייער מיידעל, זאָגט איינער.
דער צווייטער:
—האָסטו שוין חשק?
—יאָ, יאָ וויצעלט זיך ווידער דער ערשטער, פריער האָב איך געטראַכט, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט ברענען. זי האָט

מיר עסען געגעבען, איבערגעטאָן און געוואַשען. עס איז מיר אַלץ איינס געווען, אָבער איצטער, אַז זי גייט צו...

ער דערדעדט נישט, ווייל אויפ׳ן הויף ווערט אַ טומעל: לייבעלע סאַמסאָן איז געקומען, אָדער „דעוו סאַמסאָן״, ווי די זעלנער רופען אים.

אַ רירעוודיגער קליינער מענש אין אַ סאָלדאַטסקען שינעל מיט לאַנג-לאַנגע אַרבעל, מיט אַ גרויס היטעל, אין וועלכען עס שווימט אַרום אַ בלייכער דאַרער פּנים מיט טונקעלע אויגעלעך, מיט אַ שפּיציג נעזעל. אויף זיין געזיכט ליגען נאָך סימנים פון שפּיטאָל-לעבען. נאָר לייבעלע סאַמסאָן איז שוין געזונט און ער באַדאַרף איינגיכען שטיין אויף אַ קאָמיסיע, וועלכע וועט באַשלי־סען, צי ער זאָל ווידער גיין קעמפען מיט די דייטשען, אָדער גיין אַהיים.

סאַמסאָן איז דורכגעקומען אַ שווערע קרענק, איצט איז ער שוין געזונט און ער גנב׳עט זיך אַרויס זעהר אָפט פון שפּיטאָל, קויפט איין פיל זאַכען פאַר די זעלנער: פּאַפּיראָסען, קאָרטען, בריף און אָפט דעם פאַרבאָטענעם טרונק... ער טוט עס פון גוט־מוטיגקייט. ער פאַרדינט נישט פון דעם...

און וועלכער שיקזאַל האָט עס אויסגעטראַכט פאַר דעם אַכציג-פונטיגען נפש אַזאַ נאָמען: לייב סאַמסאָן?

איצט כאַפּען זיך צו אים צו די זעלנער און פרעגען ביי אים .בייס, ער דערציילט און רעדט זעהר פלינק.

שטענדיג האָט ער וואָס צו דערציילען און פון אַלץ איז ער פאַרוואונדערט, איבערראַשט.

—די דייטשען האָבען שוין פאַרנומען ווילנע!—גיט ער אַ געשריי.

—וויפיל איז פון ווילנע ביז מאָסקווע?—פרעגט אַ זעלנער.

—נאָך ווייט,—גיט גיך אָן ענטפער סאַמסאָן.

אַלע זעלנער זאַמלען זיך אַרום אים און מען הערט אים נייגעריג אויס.

אפילו די סאַניטאַרען און די „שוועסטער״ האָבען ליב צו ריידען מיט סאַמסאָנ׳ען; ער פאַרשטייט עפּיס יעדע זאַך אַנדערש.

—וויפיל וועט נאָך געדויערן די מלחמה,—האָט אים איינער אַמאָל געפרעגט.

האָט ער גענומען ציילן די פינגער און האָט אָבגעציילט פינף פינגער.

—פינף יאָר? האָט זיך יענער געוואונדערט.

—פאַרוואָס? נאָך אַ האַנט, האָט סאַמסאָן געלאַכט, און די פיס האָבען אויך פינגער...

פלוצלונג כאַפּט זיך אַרויס לייבעלע סאַמסאָן פון דעם געזעמעל און לויפט אַריין אין שפיטאָל, ווייל אין פענסטער האָט ער דערזען איינע פון די „שוועסטער", פאַר וועלכע ער האָט געבראַכט אַ בריוועל.

עס ווערט לאַנגווייליג אויפ'ן גרויסען הויף און די זעלנער שווייגען און דרעמלען אויף דער זון...

פון צייט צו צייט קומען צו צו די פענסטער בלייכע פנים'ער און קוקען אויף די גליקליכע, וואָס קאָנען שוין שפּאַצירען אויפ'ן הויף.

מיט אַמאָל דערהערט זיך אַן אוממענשליכער געשריי.

—דאָס שניידט מען שוין עמיצען...

—אַן אָפּעראַציע...

און פון צווייטען זייט הויף טראָגען עטליכע סאַניטאַרען אַ טרומנע אין טויטען-שטיבעל אַריין.

יעדען טאָג שטאַרבט דאָ ווער.

יעדען טאָג...

און אַז עס קלויבען זיך צונויף עטליכע מתים, קומט צו-פאָרען אַ גרויסער וואָגען, און אַ פּאָפּ קומט מיט אַ צלם. די זעל-נער צלמ'ן זיך, אַנדערע ווינצלען זיך:

—זיי וועלען שוין מער אויף קיין קאָמיסיע נישט גיין.

און דער וואָגען מיט די הילצערנע טרומנעס ווערט פאַר-שוואונדען.

דערנאָך ברענגט מען פון וואָקזאַל נייע פאַרוואונדעטע, קראַנקע, האַלב-טויטע מענשען...

טאָג איין—טאָג אויס אַזוי...

II

אין אַ טאָג שפּעטער טומעלט עס אין שפּיטאָל.

אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים באַטראַכטען די קראַנקע, די געזונט-געוואָרענע און אַ סך פון זיי שיקט מען צוריק אויפ׳ן פראָנט.

די קאָמיסיע באַשטייט פון דריי דאָקטוירים און איין אָפיציר.

די סאָלדאַטען שטייען אין קאָרידאָר, אַנדערע האַלב-אויס-געטאָן און אַנדערע אינגאַנצען אויסגעטאָן.

כאָטש אויף דרויסען איז שוין פרילינג און אין שפּיטאָל איז געהייצט, נאָר אין קאָרידאָר איז קאַלט. אַנדערע ציטערן פון קעלט און מער פאַר אַלעמען ציטערט לייבעלע סאַמסאָן. זיין דאַר טונקעל קערפּער גיט זיך יעדער רגע אַ טרייסעל, פּונקט ווי מען וואָלט אים מיט אַ שפּילקע אַ שטאָך געבען. נעבען אים שטייט וואַסיל, אַ געזונטער אַסטראַכאַניעץ. ער איז געווען פאַר-וואונדעט אין אַ זייט, נאָר נישט געפערליך. אין שפּיטאָל האָט ער זיך זעהר ערהאָלט. דער קערפּער איז רונד, שטייף און ראַז. נאָר אומעטיג איז וואַסיל און ער שווייגט ווי די נאַטור.

אומעטיג איז ער דערפאַר, ווייל ער איז געזונט געוואָרען, ווייל ער מוז ווידער גיין אויף דער פּאָזיציע.

דאָס איז אַ געזונטער אומעט פון אַן אָקס, וועלכער ווייס, אַז מען פירט אים צו דער שחיטה...

פאַר די סאָלדאַטען האָט ער אַמאָל דערציילט, אַז אים האָט זיך גע׳חלומ׳ט, דאָס ער וועט שוין צוריק נישט קומען; מען וועט אים הרג׳ענען; אַ באָמבע וועט אים אויף שטיקער צערייסען.

לייבעלע סאַמסאָן קוקט אויף וואַסיל׳ס שטייפען קערפּער און וואַסיל קוקט אויף דער וואַנט און שווייגט, שווייגט.

שוין עטליכע מאָל האָט סאַמסאָן אָנגעהייבען צו ריידען:

— וואַסיל, מען זאָגט, די מלחמה ענדיגט זיך שוין, די פראַנצויזען האָבען באַזיגט די דייטשען, וואַסיל אָבער ענטפערט נישט.

אין קיינער פון די צענדליגער סאָלדאַטען, וואָס שטייען

דאָ מיט אים, נישט די „שוועסטערן", נישט די דאָקטוירים מיט די פעלדשערס, קיינער ווייס נישט.

קיינער נישט. די גאַנצע וועלט ווייס נישט, אַז דער אָנגעשראָקענער, אויסגעדאַרטער האַלב-מענטשעל סאַמסאָן טראָגט אין האַרצן אַ גרויס מיטגעפיל צו דעם וועליקאַן וואַסיל, וועלכער וויל נישט גיין צו דער שחיטה און ער וויל אים מיט עפּיס טרייסטן.

—דו ווייסט, וואַסיל? אין די צייטונגען האָט מען געשריבן, אַז די זעלנער, וועלכע זיינען שוין געווען אויפ'ן פראָנט און פאַרוואונדעט געוואָרן, וועט מען שוין מער אויפ'ן פראָנט נישט שיקן. זיי וועט מען איבערלאָזן אין „טיל" קאַרטאָפעל שיילען...

—אַ ליגען! — גיט אַ ברום וואַסיל, — יענע וואָך האָט מען אַוועקגעשיקט אַ גרויסע פּאַרטיע צעקאַליעטשעטע מענטשן ווידער אין די אָקאָפּעס. מיר וועלען אויך גיין. מיר וועלען שוין צוריק נישט קומען...

לייבעלע סאַמסאָן ווערט שטיל. ער נעמט זוכן זיינע בגדים, ער וויל זיך מיט עפּיס צודעקן, ס'איז אים קאַלט.

ער האָט אַליין נישט געגלויבט אין דעם, וואָס ער האָט דערציילט, נאָר וואַסיל האָט אַזעלכע פאַרביסענע ליפּן, אַזעלכע פאַרצערטע אויגן, ווי ביי אַ חיה, ווי ביי אַ הונט.

אין דעם דערלאַנגט מען פון דער טיר אַן אויסגעשריי:

—לייב סאַמסאָן!

וואַרפט דער אידישער סאָלדאַטעל אַראָפּ פון זיך דעם כאַלאַט און לויפט האַסטיג אַריין אין צימער. די סאָלדאַטען באַגלייטען אים מיט אַן אויפמונטערדיגען שפּאַס:

—לאָז זיך נישט, סאַמסאָן!

—איך וועל זיי ווייזען! —לאַכט סאַמסאָן און גיט עפּיס אַ פיל באַדייטיגען ווינק.

די דאָקטוירים גלאָצען אויס אויף אים די אויגען...

—אַ נפש!

—ביינדלעך. אַ וואונדער, אַז די מיסט-קלויבערינס האָבען

עס נאָך נישט אין זאַק אַריינגענומען.

—ס'איז דאָך גאָר קיין מענש נישט, — זאָגט דער דריטער דאָקטאָר.

און שטעלט אָן די „טרובקע" אויף סאַמסאָנ'ס לונגען, פּיקט מיט די פינגער, שטעלט צו דעם אויער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

—די אויבערשטע שפּיצען פון די לונגען קרעכצען צו אַבי-סעל,—באַשטעטיגט ער.

—בלוט-אָרעם,—באַשטעטיגט דער צווייטער.

אָבער דער ערשטער דאָקטאָר האָט אויך זיין מיינונג:

—ער איז טאַקי בלוט-אָרעם, נאָר אויף דער פּאָזיציע איז דאָ אַ סך לופט און דידאָזיגע ראַסע לעבט אין אַזעלכע שווערע היגיענישע באַדינגונגען, נישקשה ער וועט זיך אויף דער פּאָזיציע ערהאָלען.

די דאָקטוירים האָבען גענומען עפּיס דיספּוטירען און ליי-בעלען האָט מען געהייסען אַרויסגיין.

—נו, וואָס!—האָבען די סאָלדאַטען ביי אים געפרעגט.

—איך ווייס אַליין נישט,—האָט סאַמסאָן צעטומעלט געענט-פערט.—זיי אַמפּערן זיך.

ערשט אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט זיך לייבעלע סאַמ-סאָן דערוואוסט פון דיזשורנעם, אַז ער גייט טאַקי נאָכאַמאָל אויף דער פּאָזיציע קעמפען מיט'ן דייטש, אויפרייסען און בויען ברי-קען, גראָבען אָקאָפּעס און פוילען אין זיי—ביז אַ קויל וועט זיך ווידער דערבאַרעמען.

אומעטיג איז ער נישט געווען, נאָר אינערליך אויפגערעגט, ווי ער וואָלט שנאַפּס געטרונקען. ער איז נישט איינגעזעסען אויף איין אָרט, געהאָלפען טראָגען וואַסער און פאַרקערט די פּאַ-לאַטע. קיינער האָט אים דאָס נישט געבעטען. גלאַט אַזוי זיך; ער האָט געוואָלט אַרבעטען.

נאָכמיטאָג איז לייבעלע סאַמסאָן אַנטלאָפען אין שטאָט אַריין, טעלעגראַפירען צו די קרובים זיינע, אַז ער איז גאָט צו דאַנקען געזונט און אַז מען שיקט אים ווידער אויף דער פּאָזיציע...

געקומען איז ער צוריק, ווען די מאָסקווער גלאָקען האָבע

אָפּגעקלונגען די אָוונט-תּפֿילות. ער איז געגאַנגען האַסטיג און דער גלאָקען-קלאַנג האָט אים באַגלייט מיט באַסיגע און דינע אַלטען-טענער. אַ שטיק פעלד האָט ער געזען און אויף דעם שטיק פעלד סוף שטאָט שטייט זיין שפּיטאָל. לאַזאַרעט 2808.

אַ שאָד, וואָס מען שיקט אים אַוועק. ער האָט זיך דאָ שוין גאַנץ גוט איינגעלעבט. ערגיץ ווייט אונטער אַ שוואַרץ בערגיל איז די זון פאַרגאַנגען און אַריינגעקוקט מיט רויטע בליקען אין זיין שפּיטאָל׳ס פענסטער.

נאָך עטליכע מאָל האָבען זיך די גלאָקען צעקלונגען און עס איז שטיל געוואָרען.

פון די פעלדער האָט זיך אַ פרישע קיל ווינטעל געטראָגען און פון שטאָט אַ דערשטיקטער רויש.

לייבעלע סאַמסאָן האָט זיך דערמאַנט, ווי די דאָקטוירים האָבען היינט פון אים געלאַכט און עס איז עפּיס ביטער געוואָרען אויפ׳ן האַרצען, נאָר באַלד האָט ער זיך געטרייסט: „פאַר אַ סאָלדאַט טויג איך, ווייזט אויס״.

ער איז צוגעקומען צום שפּיטאָל, אויפגעעפענט דעם טויער און אַריין אויפ׳ן הויף.

טונקעל. נאָר אין דער טונקעלקייט שטייען עטליכע סילו-עטען און שושקען זיך און ווילען דאָ עפּיס טאָן.

סאַמסאָן איז צוגעגאַנגען נענטער.

אויף דער ערד איז געלעגען אַ מענש צוגעדעקט מיט אַ כאַלאַט.

—ווער איז דאָס? וואָס איז דאָס?

—סאַמסאָן! שריי נישט, דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, עס זאָל זיין שטיל... וואַסיל האָט זיך פון פענסטער אַרויסגעוואָרפען, גע הרג׳עט געוואָרען.

—וואַסיל?

אין איין מאָמענט, אין איין אויגענבליק האָט לייבעלע סאַמסאָן פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. וואַסיל האָט נישט געוואָלט גיין מער אויף דער פּאָזיציע און ער האָט זיך פון פענסטער געוואָרפען.

און דער אויסגעדאַרטער אידעל האָט געוומען ווייגען ווי אַ קינד, ווי אַ אידענע, גענומען וויינען און פאַלען צו דער ערד, רייסען זיך זיין אייגען לייב האָט ער גענומען.

—סאַמסאָנטשיק!—האָט זיך איינע פון די „שוועסטער" ביי אים געבעטען.—וויין נישט, די קראַנקע טאָרען דאָס נישט וויסען...

נאָר „סאַמסאָנטשיק" האָט אַלע זיינע יסורים, זיינע אייגענע ווייען אַריינגעלייגט אין דעם וויינען אַרום דעם טויטען גוף פון וואַסיל'ן.

און נישט נאָר זיינע ווייטאָגען, אַלעמענס, דעם גאַנצען שפּיטאָל'ס ווייטאָגען, דער גאַנצער וועלט'ס ווייטאָגען.

דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט אויף די נידעריגע צוויי פיסלעך, ווי אַ קליינע מאַלפּע און אַזוי געזעסען און פון די אויגען זיינע האָבען זיך געקויקעלט לאַנגזאַם האַסטיגע טרערען.

עמיצער האָט מיטגעוויינט.

דערנאָך זיינען געקומען עטליכע סאַניטאַרען און וואַסיל'ס צעקלאַפּטען קערפּער אַוועקגעטראָגען אין מתים-שטיבעל.

לייבעלע סאַמסאָן האָט זיך ערגיץ פּעררוקט אין אַ ווינקעל און געשוויגען.

אין לאַזאַרעט האָט מען אָנגעצונדען קאַרגע פייערן.

דאָ און דאָרט האָבען געקרעכצט מענשען פון היץ און פון ווייטאָג, עמיצער האָט אין היגער-פלעט זיך פונאַנדערגעוונגען.

די סאַניטאַרען האָבען צוגעגרייט איין צו די קאָפּ-קאָמפּרעסען...

די מידע „שוועסטערס" האָבען אַביסעל גערוט אין זייער חדר.

איינע פון זיי איז לאַנג געשטאַנען ביי דער איקאָנע...

III

אין דער דריטער פּאַלאַטע איז די באַרמהערציגע שוועסטער אַ אידישע, אַ יונגע בלאָנדע קורסיסטין מיט זעהר דינע, כמעט קינדישע הענט, דורכזיכטיגע אַדערלעך שפּילען זיך אויף זיי-

זי רעדט נישט הויך צו די קראַנקע, זי שוועבט אַרום איבער׳ן גרויסען חדר און איר אַנוועזענהייט אַליין ברענגט שוין אַריין פיל טרייסט און זון.

די „קאַסינקע״, דער ווייסער שירץ, אַלץ איז אַזוי צוגע-פּאַסט צו איר.

דער דאָקטאָר איז אויך אַ אידישער און איינער, עפּעס אַ בייזער סאַניטאַר, האָט שוין אַנגערופען די דריטע פּאַלאַטע—„די אידישע פּאַלאַטע״.

אין דער אידישער פּאַלאַטע ליגען אָבער בלויז קריסטען, פּויערים פון די ווייטסטע רוסישע גובערניעס...

עס איז פרימאָרגען. די סאַניטאַרען און די קראַנקע האָבען זיך שוין אויפגעכאַפּט פון שלאָף, די אידישע שוועסטער גייט פון איינעם צום צווייטען, מעסט אויס די טעמפּעראַטור און פאַר-שרייבט.

איינער פון די קראַנקע איז צען טאָג געווען אין הינער-פלעט און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך מיט דעם געדאַנק, אַז ער איז נאָך אין דעם גהינום פון די אָקאָפּעס.

ביסלעכווייז קוקט ער זיך אַרום. די ריינקייט די וואַרים-קייט זעט אים אויס ווי אַ גן-עדן...

—דאָ איז גוט, שוועסטער.

שפּעטער פרעגט דער זעלבער זעלנער:

—אונזער דאָקטאָר, ווער איז ער?

—וואָס הייסט?

—וועלכער איז ער? אַ פּראַוואָסלאַוונער?

—אַ איד,—ענטפערט די שוועסטער.

—און דו?—פרעגט ער נאָכאַמאָל.

—איך בין אויך אַ יעווריקע...

—אויך אַ זשידובקע.

פאַרטראַכט ער זיך, דער זעלנער, פאַרקוקט זיך אויפ'ן פענסטער און רעדט אַרויס צו זיך אַליין:

—כאַראָשי נאַראָד יעווריעי...

אין אַ צווייטען חדר ליגען די קראַנקע ביי וועלכע מען

האָט געלטען אָפעריירט, באַלד דאַרף קומען דער דאָקטאָר איבער־בינדען, די קראַנקע כאַפּען זיך אויף פון שלאָף. אַ סך זיינען ביז איצט געווען ווי אָן זינען פון ווייטאָג און פון די נאַרקאָזען, וואָס מען האָט זיי איינגעגעבען.

קוקט אַזוי יעדער פון זיי אויפ׳ן צווייטען און עס הויבט זיך אָן אַ דיאַלאָג:

—געשניטען?

—יאָ!

—וואָס?

—אַ פוס...

—וועלכער, דער רעכטער, צי דער לינקער?

דער אָפּערירטער האָט אָבער פאַרגעסען וועלכען פוס מען האָט אים אָראָפּגענומען און עס געדויערט ביז ער ענטפערט:

—אָט אָ דער,—ווייזט ער אָן און לייגט אַרויף די האַנט אויף דער קאָלדרע.

—וואָס וועט איצטער זיין?—פרעגט איינער.

און דער צווייטער ענטפערט:

—שענקט אַ קאָפּיקע, ראַדי כריסטאַ... שענקט אַ קאָפּיקע אַ געוועזענעם סאָלדאַט.

דער דריטער האַלט נישט אויס און וויינט זיך פונאַנדער.

קומט אַריין די „שוועסטער" און טרייסט ווידער:

—מען וועט צומאַכען אַ פוס, אַ קינסטליכען פוס, און די רע־גירונג וועט געבען ערד.

—בעסער וואָלט שוין דער „קאָלבאַסניק" צוגענומען דעם קאָפּ מיינעם איידער דער פוס.—וויצעלט זיך נאָך אַ זעלנער.

„קאָלבאַסניק" האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען דער סאַניטאַר, וועלכער נעמט צו די אָפּגעשניטענע גלידער צו באַגראָבען. אין שפּיטאָל האָט מען זיך געוויצעלט ביטער, אַז דערדאָזיגער סאַני־טאַר מאַכט פון דעם קאָלבאַסע.

אין סאַמע ווינקעל פון קאָרידאָר איז פאַראַן אַ קליין חדר׳ל. פריער האָבען דאָרטען געלעבט עטליכע סאַניטאַרען און איצטער לעבט דאָרט די „טויב־שטומע בלינדע מענשהייט".

אַזוי הייסט דער אומגליקליכער, וועלכער ליגט דאָרט אויף אַ בעטעל.

אין דעם צימער גייען זעלטען ווען אַריין די איבעריגע זעלנער. נישט אַלע האָבען דרייסט דערצו, דאָס, וואָס זיי זעען דאָרטען, ווירקט שרעקליך...

די „טויב-שטומע בלינדע מענשהייט״ איז געווען אַמאָל אַ מענש מיט פיס, מיט הענט, מיט אַלע חושים.

קיינער ווייסט נישט פון וואַנען ער איז. פון דאָרף, צי פון שטאָט? און קיינער וועט קיינמאָל נישט וויסען...

מען האָט דעם טויט-לעבעדיגען נפש געפונען אויפ׳ן שלאַכט-פעלד. אַ באָמבע האָט אים אָראָפּגעריסען די הענט, די פיס און טויב-שטום און בלינד געמאַכט.

אָבער דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט און עסען עסט עס ביז׳ן היינטיגען טאָג. דער פנים צובראָכענט ביי אים, די ברעמען אָפּגע-שרפ׳ט. די „שוועסטער״ שפייזען אים פון זייערע הענט און שטענ-דיג וויינען זיי, בעת זיי גייען אַוועק פון אים.

ווען לייב סאַמסאָן האָט אים צום ערשטען מאָל דערזען האָט ער גע׳חלש׳ט און פון יענעם ווינקעל-קאָרידאָר אַנטלויפט ער שטענדיג.

אויפ׳ן הויף איז זון, און זעלנער מיט קוליעס, זעלנער אָן קוליעס קריכען אַרויס פון לאַזאַרעט.

אונטען שטייט לייבעלע סאַמסאָן און דערציילט פאַר די זעלנער:

—היינט וועט מען מיך אָפּשיקען צום „וואַקזאַל״ און פון דאָרט אין עשאַלאָן אויף דער פאָזיציע. ער מאַכט זיך מוט:

—איך וועל זיך שוין מיט׳ן דייטש אָפּרעכענען.

פּלוצלונג דערמאָנט ער זיך, אַז נעכטען האָט זיך אַ זעל-נער פון פענסטער אַרויסגעוואָרפען און עס ווערט אים קאַלט און בוסט אויף דער נשמה.

קיינער ווייסט נישט, וואָס אין אים קומט פאַר די רגע.

די זעלנער לאַכען און שווייגען. איינער גראָבט מיט דער קוליע די ערד, דער צווייטער האָט עפּעס געפּאַקט אַ צייטונג.

קריכט מיט די אויגען איבער די שווארצע פינטעלעך.

—סאמסאן, שרייבט אן א בריוועלע!

זיצט שוין אזוי סאמסאן און שרייבט בריוולעך. אויף דעםווארעמען הויף האט מען ארויסגעטראגען א טאבורעט מיט טינט.

דערנאך פארשווינדט ערגיץ סאמסאן אין די קארידארען פון שפיטאל. ער שמעקט אריין אין קאנצעלאריע, צום דאקטאר. און קומען קומט ער צוריק מיט אן איבערראשענדער בשורה:

—מארגען וועט זיין אין שפיטאל די קייזערין, זי וועט באזוכען די קראנקע און טיילען מעדאלען...

עטליכע פאר תמ׳עוואטע אויגען נעמען האסטיג פינטלען פון דעם נייס.

די קייזערין!

און אין שפיטאל איז אוועק א געריודער. מען האט גענומען רייניגען און ברענגען אלץ אין ארדנונג.

א גענעראל מיט קלינגענדיגע שפארען איז געקומען צופארען און געבראכט באפעלען.

און אלע האבען גענומען ווארטען. לייבעלע סאמסאן האט זיך געוויצעלט:

—צו מיר קומט זי נישט. איך גיי היינט צום „וואאינסקי׳ן״ און מ גען צוריק אויף דער פאזיציע.

איבער׳ן פעלד און איבער׳ן לאזארעט האבען זיך גענומען דרייען עטליכע באטשאנעס. די זעלנער האבען צווישען זיך גע-רעדט, אז די באטשאנעס זעען אויס ווי עראפלאנען און זיי האבען כסדר געריסען די קעפ אין דער הויך.

פון די וועלדער קומט א ווינטעל פול מיט האפנונג, די זון ווארעמט אלץ מער. פלוצלונג א געשריי פון שפיטאל...

מער פאר אלעמען דערלאנגט א ציטער לייבעלע סאמסאן:

—מען שניידט שוין ווידער... אי, אי...

דאכט זיך, אז די באטשאנעס מיט דער זון מיט דעם פרי-לינגס-ווינטעל... אלץ איז פארשוואונדען געווארען:

—מען שניידט שוין ווידער... אי, אי...

IV

מען האָט אַרומגעצוימט דעם גרויסען הויף פון שפּיטאָל מיט זעלנער באַוואָפענטע...

די קייזערין קומט.

אַ גאַנצען טאָג האָט געפּיבערט אין לאַזאַרעט, אין די קאָרידאָרען, אין די קאַנצעלאַריעס. מען האָט אויפגערוימט און יעדעס ווינקעלע באַפּוצט.

די קראַנקע האָט מען היינט געגעבען בעסער צו עסען און ריינער אָנגעטאָן.

די „שוועסטערס" האָבען אויסגעפּרעסט די „קאָפּינקעס". די דאָקטוירים די מונדירען.

מיטאָג-צייט, ווען די זון האָט באַלויכטען די גאַנצע וועלט און דעם שפּיטאָל מיט די קראַנקע, זיינען צוגעפאָרען עטליכע אויטאָמאָבילען: פון דעם ערשטען זיינען אַרויסגעגאַנגען צוויי גענעראַלען און פון דעם צווייטען עטליכע פרויען באַגלייט פון אַ יונגען שלאַנקען אָפיציר.

—וועלכע איז די קייזערין?

אַלע זיינען זיי געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצען, מיט רויטע קרייצען אויף די אַרבעל.

די דאָקטוירים האָבען אָפּגעגעבען ראַפּאָרט און גענומען פירען די סוויטע פון פּאַלאַטע צו פּאַלאַטע. פערפום האָט געשמעקט פון זיי. שטאָלץ זיינען זיי געווען...

—ווי פילסטו זיך?—האָט איינע געפרעגט ביי אַ זעלנער.

יענער מיט די בלייכע ליפּען האָט געוואָלט עפּיס ענטפערן, נאָר פאַר אים האָט שוין געענטפערט דער דאָקטאָר אויף פראַנצויזיש עטליכע ווערטער און איינע פון די פרויען האָט אַרויפגעלייגט אויף דעם קראַנקענס געלעגער אַ זילבערנעם מעדאַל מיט'ן אויפשריפט: „פאַר העלדישקייט".

אָט אַזוי איז די גרופּע געגאַנגען פון פּאַלאַטע צו פּאַלאַטע און געטיילט מעדאַלען און קרייצען און קאַלט געטרייסט און גערעדט פראַנצויזיש.

די דאָקטוירים זיינען געשטאַנען אויסגעצויגען ווי זעלנער און פון אַלץ האָט געשוועבט אַזאַ קאַלטקייט... אפילו די שטראַלען פון פרילינג זיינען קילער געוואָרען.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די געסט האָבען זיך שוין געאיילט צום אַרויסגאַנג. די אויטאָמאָבילען האָבען גענומען רוישען און זיינען פאַרשוואונדען.

— וועלכע איז געווען די קייזערין? די קראַנקע האָבען עס געגווי נישט געוואוסט, עפּיס פרעמדע מענשען זיינען געקומען צו זיי: עפּיס געפרעגט און עפּיס גערעדט. די סאָלדאַטען, די קראַנקע זיינען געווען נישט צופרידען, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך אויף עפּיס געריכט און עס איז נישט ערפילט געוואָרען.

מען האָט אַראָפּגענומען דעם באַוואָפענטען צוים פון שפּיטאָל-הויף און עס האָט זיך אָנגעהייבען דאָס פריערדיגע לעבען מיט קרעכצען, מיט געשרייען פון אָפּעראַציע-חדר. די זעלנער, די געזונטערע זיינען אַרויסגעקראָכען אויף די קוליעס זיך ו אַ ״ע-מען און אוים׳ן הויף האָבען זיי באַגעגענט לייבעלע סאַמסאָן.

ער איז זיך געקומען זעגענען: מאָרגען שיקט מען אים אויף דער פּאָזיציע. ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז די גאַנצע צייט, בעת די קייזערין איז דאָ געווען, איז ער געשטאַנען אוים׳ן פעלד. מען האָט אים נישט אַריינגעלאָזען און עס האָט זיך אים אַזוי נישט געוואָלט דורכלאָזען דעם צופאַל און זען די קייזערין. פאַרפאַלען!

מאָרגען גייט ער צוריק אויף דער פּאָזיציע: איצטער וועט נישט זיין אַזוי שלעכט, עס איז שוין פרילינג און באַלד וועט זיין זומער.

און עס שטעלט זיך אים פאָר אַ ווייט-ווייט פעלד מיט אָקאָפּעס, מיט וועלדער, מיט אַ ברייטען הימעל, וועלכער ציט זיך ווער ווייס וואוהין. סאָלדאַטען קריכען אַרויס פון די אָקאָפּעס, דער שונא איז פאַרטריבען און מען רוקט זיך אָפּ, גאַרמאָשקעס שפּילען. מען זינגט...

און אפשר וועט ער שוין ליגען ערגיץ אין אַ ברודער-קבר און שפּילען און זינגען וועלען די אַנדערע, די לעבעדיג גע-

בליבענע... ער פאַרטראַכט זיך און באַמערקט נישט, ווי אַ סאַני-טאַר גנב'עט זיך אונטער אים... פלוצלונג דערפילט ער ווי צוויי געזונטע הענט כאַפּן אים אָן, ווי מען כאַפּט אַ קינד און מען לויפט, מען לויפט מיט אים. די זעלנער לאַכן פון סאַניטאַר'ס שפּאַס. פון די שפּיטאָל פענסטער רוקן זיך אַרויס נאָך פּנים'ער און קוקן נייגעריג און לאַכן אויך.

—אַי, לייבעלע!

—אַי, סאַמסאָן!

—ניע טראָגאַי!—גיט איינער פון די זעלנער אַ געשריי—פּוסטי יעוואָ!

און די אַלע איבעריגע נעמען זיך אויך באַלד אָן פּאַר סאַמסאָנ'ען, וועלכער צאַפּעלט מיט די דינע פיסלעך ביים סאַני-טאַר אין די הענט.

יענער לאָזט אים אָפּ און באַקומט אַ פּנים, ווי ער וואָלט זיך שטאַרק פאַרענטפערט.

—שפּאַסן מעג מען.

זיצט נאָך לייבעלע סאַמסאָן אַ קורצע צייט מיט די זעל-נער און רעדט פּאָליטיק און רעדט פון „ווערדען".

אַ שטאַרקע פעסטונג „ווערדען". אייזן-שטאַרק, נישט צוצו-קומען, די דייטשען וועלען דאָרט באַגראָבען ווערען.

—די פראַנצויזען זיינען העלדען, ביז ווערדען האָט לייבע-לע סאַמסאָן נישט געהאַלטען פון די פראַנצויזען. איצטער רופט ער זיי מיט אַ מילדען נאָמען:

—נאַפּאָלעאָנ'ס אייניקלעך.

ער זיצט אַזוי און ציט אויס די דאַרע הענט אויף די דאַ-רע קני און זעט אויס אַזוי בלייך, אַזוי מאָדנע אומעטיג אין זיך ליידענדיג פון עפּיס. איין גאָט ווייסט: צי פון זיינע אייגענע צרות, צי פון דער וועלט'ס צרות...

ביז ער כאַפּט זיך, אַז ער באַדאַרף שוין גיין און ער נעמט זיך זעגענען מיט די חברים פון שפּיטאָל.

אַ דאַרער קליינער אידעל קושט זיך מיט הויכע גרויסע פּאָניעס. זיי קושען זיך האַרציג. איינער אַ בערדיגער צורייבט

אים דאָס פּנים און לייבעלע קראַצט זיך דערנאָך. ער זעגענט זיך אָפּ און גייט אַוועק מיט אַן אומעטיגען געמיט.

איינגעלעבט זיך אין שפּיטאָל. עפּיס אַזוי וואַרעם און גוט געווען און איצטער ווידער צווישען פרעמדע, פרעמדע...

ער איז שוין ווייט געווען. די זעלנער זיינען געשטאַנען ביים פלויט און אים נאָכגעקוקט ביז ער איז פאַרשוואונדען געוואָרען.

—אַ גוטער אידעל, אַ רחמנות...

—אַ קלאָגעדיגער סאָלדאַט.

און עס איז שטיל געוואָרען. יעדער פון זיי איז אַריין אין זיך. און די שטראַלען האָבען געוואַרעמט, גענויגט צו דרימלען, צו טרוימען.

מען האָט זיך פאַרגעסען אָן דער קייזערין מיט די מעדאַלען, וואָס זי האָט איבערגעלאָזען.

מען האָט אויך לייבעלע סאַמסאָן ניט דערמאָנט מער.

און פון שפּיטאָל איז פון צייט צו צייט דערגאַנגען אַן אוממענשליכער קוויטש. די זעלנער האָבען זיך גע׳צלמ׳ט און גערעדט:

—מען שניידט, אַי מען שניידט.

פאַרנאַכט איז געשען עפּיס, וואָס האָט אַלעמען געמאַכט לאַכענדיג:

צו איינעם אַ זעלנער איז געקומען אַ פאָטער פון דאָרף, אים באַזוכען. מען האָט אָבער די פרעמדע פריער נישט צוגעלאָזען, איידער זיי האָבען זיך נישט גענומען אַ וואַנע...

האָט מען פאַר דעם פויער געעפענט דאָס באַדע-צימער און געהייסען זיך אויסבאָדען. די טיר האָבען די „שוועסטער” צוגעמאַכט, נאָר ווי גרויס איז געווען זייער וואונדער בעת זיי האָבען דערנאָך דעם פויער געפונען אין וואַנע אין אַלע זיינע קליידער.

ער האָט זיך געפּלוכטשעט אין וואַנע ווי אַ בער...

און אין די קאָרידאָרען, אין די פּאַלאַטעס און אויפ׳ן הויף פון שפּיטאָל איז אַוועק אַ געלעכטער...

ביז די נאַכט איז געקומען.

דער לעצטער פון דער דינאַסטיע.

אַ משפּחה איז אונטערגעגאַנגען. דאָס, וואָס עטליכע דורות האָבען איינגעפונדעוועט און איינגעפלאַנצט, איז דורך דער מלחמה צושטערט געוואָרען.

דאָ רעדט זיך וועגען די קאַזמערזשער בעלי-עגלות, וועלכע האָבען געטראָגען דעם שטאָלצען נאָמען די „זלמנ׳יאַקעס“. אַנדערע האָבען פאַר זיי דרך־ארץ געהאַט, ווייל זיי זיינען רייך געווען; אַנדערע האָבען פאַר זיי מורא געהאַט, ווייל זיי האָבען געזונטע הענט געהאַט.

די בעסטע פערד זיינען ביי זיי געווען; עטליכע ברייטשקעס, טייערע געשפּאַנען. מיט זיי קאָנקורירען איז געווען אַביסעל שווערליך.

דאָס זיינען געווען בעלי-עגלות לויט דעם באַרוף, גרויסע פערד-מבינים זיינען זיי געווען, מענשען, וועלכע האָבען געקאָנט האַלטען אַ בייטש אין האַנט און פאַרטיידיגען זייער כבוד; בעלי-עגלות—בעלי-הבתים, הויך-געוואַקסענע, ברייט-פלייציגע. אַ וואָרט איז געווען ביי זיי אַ וואָרט. פאַרקויפט איז געווען פאַרקויפט.

קיין חרטה, קיין שווינדעל—אַ רעעלע פירמע...

געשטאַנען איז זייער הויז נעבען ברעג ווייכסעל. אַן אַל־טע פעסט־געמויערטע געביידע מיט עטליכע שטאַלען פאַר די פערד. אַביסעל אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. זיי האָבן געלעבט ווי די פּריצים. אויפ'ן הויף זיינען הינער געווען, קאַטשקעס, גענז און אפילו טויבען...

און ווען אַ יאַט, אַן אייניקעל, האָט שוין געשטעלט פיסלעך, האָט מען אים באַלד צוגעלאָזען צו די פערד. אַזאַ נפש איז שוין געקראָכען אין שטאַל, געקלעטערט אויף דער קאָזלע און מיט די קליינע הענטעלעך שוין געצויגען די לייצעס...

פערד האָבען זיי אַלע ליב געהאַט ווי דאָס לעבען; מיט זייער פאַך האָבען זיי שטאָלצירט, און נישט נאָר זיי אַליין, די קרובים—אויך בעלי־עגלות,—האָבען זיך גרויס געהאַלטען מיט די זלמנ'יאַקעס.

און די רייכע בעלי־בתים פלעגען האָבען הנאה צו פאָרען מיט זלמנ'ען, עס איז שוין געווען אַזאַ טראַדיציע: אַן אָנשטענדי־גער בעל־הבית, אַ פּריץ באַדאַרף פאָרען מיט זלמנ'ס פערד. אַז עמיצער פלעגט קומען פון אַן אַנדער שטאָט, האָט ער שוין פריער געגעבען צו וויסען:

—מ'זאָל אַרויסשיקען זלמנ'ס פערד.

אויסער די „יאַזדעס" האָט מען טאַקע אַביסעל צוגעהאַנ־דעלט מיט פערד אויך, פאַרקויפט און געקויפט אַלטע בריטשקעס, געפירט די פּאָסט און צוגעדונגען אַ סאָד פאַר אַן איבריגען הונ־דערטער.

הכנסה איז געווען און גאָט האָט נישט פאַרלאָזען.

מיט אַמאָל איז געקומען די מלחמה. אין שטעטעל איז געוואָרען אַ מהומה, מ'האָט צוגעמאַכט די מאָנאָפּאָלען און אויס־געגאָסען אין רינשטאָק דעם גאַנצען שנאַפּס. דאָס איז געווען עפּעס אינטערעסאַנטעס. דער עולם האָט געגלאָצט מיט די אויגען:

—פאָניע, פאָניע גיסט בראָנפען אין רינשטאָק.

ווען מען האָט געענדיגט מיט'ן ביסעל שנאַפּס האָט מען זיך גענומען צו דער מאָביליזאַציע. מ'האָט מאָביליזירט פערד,

וועגען און מענשען.

אויפ׳ן אַלטען זלמנ׳ס חלק איז אויסגעפאַלען פינף פערד, צוויי וועגען און צוויי זין. עס איז ליידיג געוואָרען אין שטאַל, עס איז ליידיג געוואָרען אין שטוב...

די מלחמה האָט געדויערט. די עסטרייכער זיינען געקומען און צוגענומען די איבריגע פערד. דערנאָך האָבען די קאַצאַפּעס ווידער פאַרנומען דאָס שטעטעל און אַרויסגעטריבען אַלע אידען. דאָס ביסעל ווירטשאַפט פון שטוב און פערד-שטאַל האָט מען צונויפגעפאַקט און פאַרשלאָסען אין אַ געמויערטען שפּייכלער, נאָר מען האָט דאָס אַלץ צוגע׳גנב׳עט און די שטוב אַליין האָט מען אונטערגעצונדען.

ווען זלמן איז צוריקגעקומען האָט ער געפונען פון זיין פאַרמעגען אַ קוימען און אַ פּאָר איינגעפאַלענע ווענט.

צו די חורבות האָט מען צוגעבויט אַ הילצערן ווענטעל און דאָרט האָט זיך די משפחה באַזעצט: דער אַלטער זלמן, דער עלטערער זון מיט זיין ווייב, מיט אייניקלעך פון עטליכע קינדער.

דער אַלטער זלמן איז איצט קראַנק און צובראָכען. די זין זיינען פון דער מלחמה נישט צוריקגעקומען: איינער פון זיי איז געבליבען אין רוסלאַנד, דער צווייטער איז אַוועק קיין אַמעריקע.

געבליבען איז דער עלטסטער זון משה-איטשע, מיט אַ ברוין בערדעל, אַ פערציג-יעריגער עקשן מיט בייזע אויגען.

ער איז איצט אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט. פּראָסטע יונגען האָבען זיך אַרויפגעאַרבעט, האָבען צו צוויי און צו דריי פערד, פליען הין און צוריק קיין פולאַווו, נעמען טויזענט מאַרק פאַר אַ „יאַזדע” און ער משה-איטשע זיצט אַ גאַנצען טאָג ביים פלומפ מיט אַלע ליידיג-גייער. גיט נאָר אַ קוק ווי ער זעט אויס, אָפּגעקראָכען דאָס בגד, צוקנייטשט דאָס היטעל. פון איין שטיוועל איז דער שפּיץ אינגאַנצען אַראָפּגעפאַלען—אַזוי, אַז עטליכע ברודיגע פינגער קריכען אַרויס.

ביים פלומפ זעט מען דאָס גאַנצע לעבען פון שטעטעל. פון איין זייט מאַרק שטייען גאַנצע הייזער אַלטע, אָבער גאַנצע הייזער, מיט שילדען באַהאָנגען, מענשען האָבען געוועלבער און ליי-

זען געלט. פון צווייטען זייט מאַרק זיינען די הייזער צוקלאַפּט און רואינירט פון דער מלחמה. ווענט מיט פּוסטע לעכער פון פענסטער קוקען צום טייך. וואו-נישט-וואו האָט זיך אין אַ חורבה עמיצער איינגעאָרדענט אַ דירה אויף זומער.

אַלטע זקנים און זקנות קריכען ווי די שאָטענס און בעט-לען נדבות...

די זון נעמט שטאַרקער ברענען און אַלץ ווייניגער מענ-שען ווערען אויפ'ן מאַרק. עס בלייבען די פאַרצווייפעלטע ליי-דיגגייער. אַ חזיר וואַלגערט זיך אין זומפּ. עטליכע קאָזעס זוכען גראָז צווישען די שטיינער.

משה-איטשע ליגט דאָ אָפּ דעם גאַנצען טאָג. ער וואַרט אויף פּרנסה, אפשר וועט קומען אַ ליעטניק און מען וועט דאַר-פען אַוועקטראָגען אַ פּעקעל.

דערווייל ליגט ער אַזוי האַלב אויסגעצויגען און שעלט מיט לאַנגזאַמע, מיט גיפטיגע קללות די גאַנצע וועלט...

פאָרט אַריין אַ פורעל. געקומען פון באַן און געבראַכט אַ פולען וואָגען מיט פאַרשוינען. אַבראַמעק'ס פור.

וואָס איז געווען דער אַבראַמעק? אַ אָנטרייבער ביי משה-איטשע'ס טאַטען געווען, פלעגט פירען אָנטרינקען די פערד, אַ יאַזדע מאַכען פאַר צען קאָפּיקעס, און איצט אַליין אַ בעל הבית מיט דריי פערד... דער געלער „גנב" אַבראַמעק. „גנב" איז ביי אים יעדער, ווער ס'פאַרמאָגט עפּעס.

נישט לאַנג קומט צו משה-איטשע'ן דער זעלבער אַבראַ-מעק און לייגט אים פאָר, ער וועט אים געבען צו פאַרדינען, ער האָט דריי פערד, אַבראַמעק, און אַליין קאָן ער דאָך מיט די פערד נישט אויסקומען, זאָל ער אים צוהעלפען.

—אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין, אַן אָנטרייבער וועל איך ווערען ביי דיר. בעסער פון הונגער אויסגיין.

און ער גייט טאַקע אויס פון הונגער, דער געוועזענער בעלי-עגלה משה-איטשע, ער און זיין ווייב הונגערן. עס הונ-גערט דער אַלטער זלמן...

איין ליידענשאַפט איז אים געבליבען, איין ירושה: זיצען

אַרום פּלומפּ און קוקען אויף די פערד, וואָס פאָרען פאַרביי אין שטעטעל.

קיין געלט האָט ער נישט, קיין פּרנסה האָט ער נישט, נאָר אַ מבין זאויף פערד איז ער. מאַכט זיך אַ יריד, לעבט ער אויף, ער גייט אַרום צווישען די ציגיינער מיט די פערד, באַ-טאַפּט און באַטראַכט יעדען פוס, קוקט אין די ציינער אַריין און מעקעלט...

—דער סוף וועט זיין, זאָגט ער, אַז איך וועל טאַקי ווערען אַ פערד-מעקלער, אַ מאוס'ע פּרנסה, אָבער דאָך אַ פּרנסה.

און עס טוט אים הנאה, וואָס ער בלייבט ביי דעם ענין פערד, טאַקי פרעמדע, אָבער דאָך פערד...

נאָר נישט אַלע טאָג איז אַ יאַר-מאַרק, נישט אַלע טאָג פאַרדינט זיך. זיצט ער אַזוי אַרום פּלומפּ און קוקט אויף די חורבות וואָס שטייען אַנטקעגען אים. אויך פון זיין חורבה זעט ער די וואַנט. אַך, ווי דאָס האָט זיך אים שוין איינגעגעסען אין האַר-צען, ווי אַ לייב ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער וועלט!

—גיט מיר אָפּ מיינע פערד, גיט מיר אָפּ מיין שטוב...

עס איז גוט, וואָס דערווייל איז זומער: מען פרירט נישט. וואָס וועט זיין ווינטער, וואו וועט ער נעמען שטיוועל?

עך, כאָטש איין פערדעל. די גאַנצע וועלט וואָלט ער אָוועקגעגעבען פאַר איין פערדעל, נאָר אַ פערד קאָסט היינט... פאַרברענט זאָלען זיי ווערען. ער פילט, אַז ער גייט אונטער, די גאַנצע משפחה איז צו גרונט געגאַנגען...

אַזאַ רייכקייט געווען...

ער קוקט אויף די ברודיגע פינגער, וואָס קריכען אַרויס פון צוריסענעם שטיוועל און קריצט מיט די ציין...

חשבות

ז

איך האָב איבערגעשטיגען די מידקייט פון טאָג און נישט געשלאָפען אַ גאַנצע נאַכט.

עס קלייבען זיך אָן צופיל איבערלעבונגען, צופיל געדאַנקען, וועלכע זוכען אַן אַרויסגאַנג; פּאַרווילט זיך אַמאָל בלייבען אַליין און די נאַכט איז דערצו דער בעסטער חבר.

אין שטעטעל בין איך. שוין שפּעט אין אָוועגט. בלאָנדזשע איך אַרום אויפ'ן גרויסען, שוואַרצען מאַרק. עפּיס אַ פיגור שטייט ביים פּלומפּ. אַ צווייטע פיגור זיצט ביי אַ פאַרמאַכט געוועלב. אין דער טונקעלקייט הער איך אַ געניץ, וואָס דערמאָנט מיך אַ שלאָף.

איך טרייב אַוועק דעם געדאַנק.

איך געהער צו דער אַלטער וועלט. איך האָב נאָך אַלץ ליב אויפצוהייבען ביינאַכט דעם קאָפּ צום הימעל און מיט די אייגען אַרומכאַפּען דעם גרויסען אָפּגרונט, וואָס איז אויסגעשאָטען מיט שטערען. איך בין נאָך אַלץ פאַרליבט אין דער אַלטער אָפּגעלעבטער, אייביג-טויטער לבנה, וואָס שטעלט זיך אַוועק

אין מיטען הימעל און קוקט אַראָפּ מיט איין גרויס פאַרטרערט אויג אויף אַלע אונזערע שטעט און שטעטלעך, הייזער און גערטנער, און עס טרעפט אַמאָל, אַז מיינע אויגען ווערען האַלב-פאַרגליווערט, ווען איך קוק צו לאַנג אַריין אין דער לבנה, פונקט ווי זי וואָלט מיר איבערגעגעבען איר איינגעשמידט שווייגען.

ביז דער בליק מיינער פאַלט ווידער אַראָפּ אויף דער ערד און די פיס נעמען שטעלען טריט.

און הגם די לבנה איז רונד און גאַנץ, דאָך איז פאַראַן עפּיס אַ טיפע האַרמאָניע צווישען איר מיט׳ן חרוב׳דיגען שטעטעל..

גאַנצע רייען הייזער שטייען דאָ האַלב און גאַנץ צושמעטערט פון דער מלחמה, קוימענס נאַקעטע, פּוסטע, אויסגעבּרענטע פענסטער, דורך וועלכע די נאַכט קוקט אַריין און קוקט אַרויס.

II

אַלטע הונדערט-יעריגע הייזער זיינען דאָס געוועזן. די דיקע ווענט זיינען געבליבען פעסט פאַראַנקערט אין דער ערד, נאָר די קעפּ, די קאַרניזען, דאָס גאַנצע אינעווייניגסטע לעבען האָט דאָס פייער פון די גראַנאַטען פאַרברענט און פאַרניכטעט. מענשען לעבען זיך איצט אין די לעכער, צייטווייליגע דעכער געמאַכט און מען לעבט דאָרט. קינדער ווערען געבוירען, אַלטע לייט קרעכצען אויס די לעצטע טעג זייערע, פרייטאָג בענטשט מען ליכט אין די חורבות, און די פייערלעך פון די צושטערטע בנינים קוקען נאַאיוו אַרויס אויף גאָט׳ס וועלט.

III

פאַראַן עפּיס אַ וויכטיגע קראַפט אויף דער וועלט, אַ גרויסע געטליכקייט, ביי וועלכער אונזערע אַלע איבערלעבונגען, אונזער פרידען-צייט און מלחמה-צייט שפּילט גאָר אַ קליינע ראָל. מיר זיינען פאַר יענער קראַפט פונקט, ווי די מוראַשקעס פאַר אונז מיט זייער מיקראָסקאָפּישען לעבען.

עס שפּאַצירט זיך דאָס גרויסע אויג פון דער נאַכט—די לבנה, ווי מיט צען יאָר, ווי מיט הונדערט יאָר, ווי מיט צען טויזענט יאָר צוריק. גייט דורך איר אָנגעצייכענטען וועג ביז זי גיט אָפּ דעם מאָרגענשטערן איר וועג.

וואָס זיינען מיר דאָ? וואָס טוען מיר דאָ אַלע? אויף דעם גרויסען שטיין, וואו איך האָב זיך געזעצט באַקוקען די נאַכט, באַמערק איך אַ לאַנגען וואָרם. ער קריכט, קריכט, ציט אויס און ציט איין זיין גאַנצען קערפּער, וואָס זעט אויס ווי אַ דראָט. קריכט אויף דעם טויטען גראַניטנעם שטיין. וואוהין? צו וועמען? וועלכע צילען האָט דער וואָרם? וואָס וועט אים געבען דער קאַלטער שטומער שטיין?

IV

וואָס פאַר אַ קנאַפּער יחסן איך בין דאָ ביי דער נאַכט מיט אַלע מיינע מחשבות... דאָס וואַסער גייט זיך אַלץ ווייטער... דער ווינט גלעט די בוימער און די שטיינער, פּונקט ווי ער גלעט מיך...

אויף דעם ברייטען האָריזאָנט, אויף אַלע שטערען, אויף דער טונקעלער ווייטקייט און אויף דער לבנה קוקען אַ פּאָר אומעטיגע אויגען פון אַ מענשען, נאָר די נאַכט אַליין... קוקט זי אויף דעם מענשען?

איך שפּאַציר צווישען די צופאַלענע ווענט פון די אַלטע מויערן. דאָ און דאָרט האָט די לבנה אויסגעלייגט איר ווייס תּכריכים-ליילעך, דורך די שפּאַלטען האָט זי אַריינגעשטעקט אירע מתים-פינגער און פרעסט צו די שטיינער, די ציגעל, אַז זיי זאָלען זיך פון אָרט נישט רירען.

ערגיץ-וואו אין די חורבות וואַקסט שוין ווילד גראָז. די ערד האָט איר גרונט פאַרכאַפּט און לעבט מיט איר לעבען אויף איר אייגענעם באָדען.

ביי טאָג זע איך דאָ די באַזיצער פון די חורבות. די אינגערע באַוועגען זיך נאָך מיט אַ ביסעל לעבּעז, די עלטערע קריכען

אַרום ווי שאָטענס אויף אַ בית-עולם...

דער אַלטער שוחט, דער געוועזענער גבאי, אָפּגעקומענע בעלי-הבתּים אין צוריסענע, אָפּגעקראָכענע קאַפּאָטעס, ווייבער מיט צוקנייטשטע פּאַרמעט-פּנים׳ער, פיל פון זיי שטרעקען אויס די הענט און בעטלען...

דער גאַנצער יחוס איז אונטערגעגאַנגען, צופאַלן געוואָרען, אַט אַזוי ווי די אַלטע איינגעפאַלענע מויערן...

בייטאָג זעצט זיך אַוועק אַ אידענע אין אַ לאָך פון די חורבות, וואָס גייט אַרויס צום מאַרק און בעטעלט...

פון די חורבות שטרעקט זיך אַרויס אַ האַנט, קוקן אַרויס אַ פּאָר איינגעפאַלענע אויגען און אויסגעטריקענטע ליפּען מורמלען: „אַליין געווען אַ בעל-הבית׳טע, שענקט עפּיס".

דאָס בעטעלט די שיינע פאַרגאַנגענהייט.

V

דער ווינט הויבט-אויף אַביסעל שטויב פון די אַלטע ווענט, הויבט עס אויף און פאַרשיט מיר די אויגען, דערנאָך בלאָנדזשע איך איבערן שטעטעל, איך זעץ זיך אַוועק אויפ׳ן פּלומפּ און קוק אין דער נאַכט אַריין.

עפּיס אַ געשטאַלט באַווייזט זיך. טראַכט איך: נאָך אַ טרוימער איז אַרויס ביינאַכט טראַכטען און אויספּרעגען ביים אייגענעם האַרץ פיל סודות...

דאָס שפּרייזט אַן אַלטער איד מיט אַ גרויסער באָרד, גייט און זיפצט, גייט לאַנגזאַם אַהין און צוריק איבערן מאַרק. דאָס איז נישט קיין טרוימער... צרות האָבען אים שלאָפען נישט געלאָזט, איז ער אַרויס צו דער נאַכט, פון זיך אַליין איז ער אַוועק...

צום פּלומפּ קומט צו אַ צווייט געשטאַלט... ער קוקט זיך אַרום פאָרזיכטיג. מיין איך—אַ גנב. קומט צו די געשטאַלט נענטער—אַ איד מיט אַ געבויגענעם רוקען. מיר ריידען זיך צונויף. אין אַ שעה אַרום באַדאַרפען קומען די פורען פון פולאַווו, וועט אפשר זיין אַ פּעקעל אַראָפּצונעמען, וועט זיין עפּיס צו פאַרדי-

נען, נאָר ער האָט מורא פֿאַר קאָנקורענץ, אַ צווייטער טרעגער זאָל ניט אַריינקומען און ביי יעדן שאָרך פֿון דער נאַכט ציטערט ער אויף...

VI

גיט אַמאָל דערזע איך, אַז איין קומען פֿון די חורבות ווערט העלער, רוקט זיך אַרויס העכער פֿון אַלע און קוקט זיך אַרום. דאָס טאָגט שוין און אַלץ וועט באַלויכטן ווערן. דורך די אָפֿענע פֿענסטער קוקט אַריין פֿון יענער זייט אַ בלייכע-בלייכע העלקייט.

דערנאָך הייבן זיך אָן די טענער פֿון טאָג. אַ קאָזע מעקעט, אַ חזיר קוויטשעט, אַ האָן קריייט.

אַ מאָדנע מידקייט פֿאַלט אָן און איך שלאָף איין אויף דעם קליינשטעטלדיקן פֿלומפּ. עס שלאָפֿט זיך געשמאַק... דער וואַסער-טרעגער קומט נעמען וואַסער און ער וועקט מיך אויף...

קוקט ער מיך אָן: וואָס? משוגע צי שכּור? ווי קומט דאָ אַזאַ ווי איך נעכטיקן אויפֿ'ן פֿלומפּ?

VII

אַ ברייט ליכט רוקט זיך אָן אויף דער גאַנצער וועלט.
טאָג פֿאַלט אויף די חורבות און באַלייכט זיי מיט לעבן.
דער גלח פֿון שטעטל גייט פֿאַרביי מיט עטליכע הינט,
וועלכע שפּרינגען פֿריילעך און בילען.
אַ גרויסער וואָגן מיט ערד-גרינס איז אַריינגעפֿאָרן מיט האַסט אויפֿ'ן מאַרק.
טירן עפֿענען זיך.
העענער קרייען...
טאָג! אפֿשר וועט קומען די אמת'ע פֿרייד...

קעץ...

(עטיוד)

הינטער'ן קלויסטער שטייט אַ קליין הייזעל מיט ווילדע ווייַנטרויבען באַהאַנגען. נישט לאַנג איז דאָ נאָך אַ קולטיווירטער גאָרטען געווען, די אַלטע ווערען אַלץ מער פאַרוואַקסען, ווילד־גראָז מישט זיך אויס מיט איידעלע בלומען. אויפ'ן טויער פון גאָרטען הענגט אַ שלאָס: אין הייזעל לעבט איצט קיינער נישט...

פרעגט אָבער ביים ערשטען אינגעל, וואָס דאָס איז פאַר אַ הייזעל, וועט איר דערהערען אַ קורצען ענטפער:

— דאָס קעציש[ע] הייזעל איז דאָס... דאָס קעצישע הייזעל.

נאָך מיט עטליכע יאָר צוריק האָבען דאָרט געלעבט צוויי פרויען. איינע זעהר ענליך צו דער צווייטער. געזאָגט האָט מען, אַז דאָס זיינען שוועסטער, כאָטש קיינער האָט עס גענוי נישט געוואוסט. דאָס זיינען געווען צוויי אַלטע פריילינס צו זיבעציג יאָר יעדערע. ביידע הויכע, דאַרע, מיט ווייס־זילבער־האָר. שטענדיג אין שוואַרצע אַלט־מאָדישע קליידער, מיט „מאָדליטוועניקעס", מיט „פאַטשערעס". זייער וועג איז שטענדיג כמעט געווען דער

זעלבער: פון זייער היים צום קלויסטער און פון קלויסטער אַהיים. געדאַוונט האָבען זיי, ווייזט אויס, פאַר דער גאַנצער וועלט, ווייל פאַר אייגענע זינד יואָלטען זיי אַזויפיל נישט באַדאַרפט דאַוונען. זיי האָבען דאָ ווייניג געזינדיגט. כסדר געלעבט מיט נדרים, מיט תעניתים, צוויי אַלטע אַריסטאָקראַטקעס. קיינער האָט זיי מיט זייער נאָמען נישט גערופען...

— די צוויי אַלטע פאַנעס...

— די פאַנעס מיט די קעץ...

אָט אַזוי פלעגט מען זיי רופען.

די דאָזיגע צוויי אַלטע האָבען געהאַט איין שוואַכקייט: זיי האָבען געהאָדעוועט קעץ. גרויסע, רונדע, אויסגעפּאַשעטע קעץ. אין די זומער-טעג פלעגט מען זען, ווי די אַלטע שפּילען אין גאָרטען מיט זייערע ליבלינגס, גלעטען זיי און צוואָגען זיי...

נישט קיין קאָטערס, נאָר קעץ האָבען זיי געהאָדעוועט, און געוואָלט האָבען זיי, אַז די קעץ זאָלען בלייבען אַזעלכע פרומע אומשולדיגע, ווי זיי אַליין. קיין קאָטער האָבען זיי אויפ׳ן שוועל נישט אַרויפגעלאָזען.

זיי האָבען שטענדיג די טירען פאַרשלאָסען, שטענדיג אַכטונג געגעבען, אַז אַ קאַץ זייערע זאָל זיך נישט פאַרליבען אין אַ זינדיגען קאָטער.

און קים האָט עס איינמאָל פּאַסירט, איז אין דער דאָזיגער הייזעל געווען אַ גרויסער טרויער.

אַ קאָטער האָט זיך דורך די שטאַכעטען פון גאָרטען אַריינגעגנב׳עט. איינע פון די קעץ איז אים נאָכגעלאָפען אין די קוסטעס. וואָס דאָרטען איז צווישען די צוויי קעץ פאָרגעקומען, האָבען די צוויי שוועסטער נישט געוואוסט, נאָר אין אַ צייט אַרום האָט די דאָזיגע זינדיגע קאַץ אונטער׳ן בעט פון דער נישט זינדיגער פינף-און זיבעציגער בתולה געבוירען אַ האַלבע טוץ קעצעלעך.

זיי האָבען זיך איינס דאָס צווייטע געגלעט, די קעצעלעך, די קאַץ—די מוטער האָט זיי געלעקט, אונטער׳ן בעט איז אַ שמחה געווען, נאָר אין דער אָפּגעזונדערטער הייזעל איז געווען

טרויער און חרפה, פונקט ווי זיי אַליין וואָלטען אַ זינד באַגאַנגען.

און די דאָזיגע חרפה האָט מען געמוזט פאַרבאָרגען פון דער וועלט, פון מענשען, פון דעם נייגעריגען שטעטעל...

האָט מען געהיים געדונגען אַ יונג, ער זאָל די קאַץ מיט אַלע אירע קעצלעך אין ווייכסעל אַריינוואַרפען...

אין אַ טונקעלע נאַכט איז די שטיקעל אַרבעט אָפּגעטאָן געוואָרען און די צוויי גרויע פריילינס האָבען ווידער מיט אַ ריינעם געוויסען געדאַוועגט און נאָך פאַרזיכטיגער אַכטונג געגעבען אויף די קעץ, אַז קיין זינד זאָל מער ביי זיי אין שטוב נישט פאָרקומען.

נאָר אַלע קאָטערס האָבען געוואוסט פון דעם פאַרבאָרגענעם הארעם אין דעם איינזאַמען הייזעל, וואָס איז מיט ווילדע וויינטרויבען באַהאַנגען און נישט איין מאָל פלעגען זיך נישט ווייט פון דאָרטען קעצישע סערענאַדעס הערען, די פאַרליבטע קאָטערס פלעגען די גאַנצע געגענט שלאָפען נישט לאָזען.

און נישט איין בעל-הבית פלעגט זיך פון די דאָזיגע נאַכט-קאָנצערטען אויפכאַפּען און שעלטען די צוויי „משוגע׳נע״ מיט די קעץ...

נאָר יאָרען זיינען געגאַנגען. ווינטער מיט זומער פלעגט זיך וועקסלען, דער קלויסטער האָט געקלונגען און די קעץ האָבען זיך געפּאַשעט...

די שוועסטער האָבען אפילו אויסגעלערנט, אויסגעדרעסירט עטליכע קעץ און זיי פלעגען גיין מיט זיי אויפ׳ן מאַרק. אַזעלכע פעטע רונדע קעץ זיינען דאָס געווען, גאָרנישט ענליך צו זייערע בעל-הבית׳טעס, וועלכע האָבען אויסגעזען דאַר, ווי צוויי בוימער, וועלכע האָבען שוין אַ סך יאָרען קיין בלעטער נישט געהאַט אויף זיך.

גייען זיי אויפ׳ן מאַרק, די צוויי בייזע, שטרענגע אַלטע און ביי זייערע פיס טוליען זיך די באַגלייטערינס, די קעץ...

הינט לויפען נאָך און ווילען פאַרפירען אַ קאַמף, אַ מלחמה מיט די זאַטע קעץ. נאָר אַ הונט האָט מורא פאַר אַ קאַץ און ער קומט אָפּ בלויז מיט׳ן בילען.

דערצו נאָך אַזעלכע יחסנ'ישע קעץ, מיט וועלכע מען קעכעלט זיך אַזוי, דאָס שטעטעל איינגאַנצען גענומען האָט דרך-ארץ געהאַט פאַר די אַלטע פריילינס און פאַר זייערע קעץ, און דער דרך-ארץ האָט זיך אַפּילו אויף די הינט אָפּגערופען...

נאָר נישט קוקענדיג אויף דעם דרך-ארץ, וואָס מען האָט געהאַט צו די פרומע פריילינס און נישט קוקענדיג אויף זייער פרומקייט, האָט מען זיי אויך חושד געווען אין כשוף און שוואַרצע קונצען-מאַכעריי.

מענשען לעבען מיט קעץ, חבר'ן זיך בלויז מיט די פירפיסיגע. אין דעם מוז עפּעס זיין, אין דעם מוז עפּעס זיין...

מיט אַ נייגעריגקייט און מיט אַ פחד אפילו פלעגט מען פאַרבייגיין די דאָזיגע הייזעל, וועלכע איז געהאַט געווען פאַרהאַנגען מיט ווילדע ווייַנטרויבען, ווי מיט אַ געדיכטען געהיימען שלייער...

אין אַ הייסען טאָג פלעגען זיי זיצען, די שוועסטער, אין גאָרטען, יעדע איינע פון זיי אין אַ באַזונדער שאָטען-ווינקעל מיט די „מאָליטוועניקעס" און זיי פלעגען דאַווענען, שעפּטשען מיט די ליפּען...

און די קעץ, די פעטע, פלעגען זיך אויסציִען אויף דער זון מיט אַ זיסער פוילקייט און דרימלען, זיי זייַנען באמת שוין געווען אין גן-עדן... וואָס האָט זיי געפעלט, די קעץ?

מאַכט זיך אַ מלחמה. דער דייטש איז געקומען און האָט אַלעמען פון שטעטעל אַרויסגעטריבען. די צוויי פאַרזעסענע בתולות האָבען זיך איינגעשפּאַרט. מען מעג זיי דערשיסען—זיי וועלען פון דאַנען נישט אַרויס. זיי וועלען נישט אַוועק. מיט די קעץ איז געווען אוממעגליך, און די קעץ וועלען זיי זיך פון אָרט נישט רירען.

דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט דערזען פאַר זיך אַזאַ פאַר עקזעמפּליאַרען מיט אַזאַ „טיר-גאָרטען" האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט און זיי ערלויבט צו בלייבען.

נאָר דאָ ערשט האָט זיך אָנגעהייבען די אמת'ע טראַגעדיע, עס איז נישט געווען וואָס צו עסען, נישט פאַר די קעץ און

און נישט פאַר די שוועסטער.

די לעצטע זיינען אָבער איינגעוואוינט געווען צו פאַסטען, אָר די קעץ האָבען איינציגווייז זיך אַרויסגערוקט. אַנטלאָפען גפון די שוועסטער זיינען זיי. עטליכע זיינען גע׳פגר׳ט.

און אַזוי איז צעשטערט אַ גאַנצע „פאַמיליע”. אַן איינגעפונדעוועטער ווינקעל, אַן אידיליע. אין איין וואָך זיינעןביידע שוועסטער געשטאָרבען. און דאָס הייזעל שטייט איצט פאַרשלאָסען, פאַרלאָזען. עס וואַרט אויף עפעס אַ יורש.

דער נאָמען איז אָבער געבליבען דער אַלטער: — דאָס קעצישע הייזעל.

און ווען מען גייט פאַרביי און מען קוקט זיך איין אין די פאַרשלאָגענע פענסטער, אין די פאַרלאָזענע אַלעען, שוועבען אַרויס פאַר די אויגען צוויי גרויע געשטאַלטען פון צוויי אויסגעטריקענטע אַסקעטישע פרויען, זיי זיצען און מורמלען תפילה... און ביי זייערע פיס שפּילען זיך אויף דער זון די פעטע זאַרגלאָזע קעץ...

בלויז אַ רגע דאַכט זיך דאָס...

דאָס הייזעל איז פוסט, די שוועסטער זיינען שוין אויף יענער וועלט.

צי זיינען דאָרט פאַראַן קעץ?